1 .1

ד

ד – 1. דער פּערטער אות פון יִדישן אלף=בית, רופט זיך דלת |דאַלעד|. |זען זוכוואָרט "דלת"|.

2. דער צאַלבאַטייט 4. % דער פּסוק געפינט זיך אין דף ד.

3. דער פערטער. % יום ד |= מיטוואָך|.

4. ד׳ (מיט אן אַפּאָסטראָף) פאַר א יאָר=דאַטע מיינט 4000.
% ד׳ תשט"ו – 4715 (לויט דער יִדישער צייט=רעכענונג).

5. פּרעפיקס ביי געוויסע ל"ק=ווערטער מיטן באַטייט "פון".
% גרוגרת דרבי צדוק.

6. ד׳ (מיט אן אַפּאָסטראָף) ווערט גענוצט אין שריפט/דורך במקום "אדוני" (גאָט).

|1956?| "דעריבער ווערן אלע יִדן אנגערופן ברידער ממש צוליב דעם שורש פון זייער נפש אין ד׳ אחד". 993
איבז. אנ. ליקוטי אמרים, ז׳ 162.

ד א I - 1. אדוו. אין דעם געגעבענעם ארט (ווו דער
דערציילער געפינט זיך, וואס ער ווייזט אן).

% איך וווין דא, אין ירושלים. דא איז א גוטער קלימאט.
מיר וועלן זיך טרעפן דא.

|אנהייב XIX י"ה| " דארטן, אויף יענער זייט,// |...|
איז אן אוצר בעסער ווי דא;// מען הערט ניט פון 25
צרות פון לייד |...|". עטינגער, 3, 105.

1873 " דאזיקן טייך און די וועלדער, וועלכע דו זעסט
דא, האב איך אנגעגרייט פאר דיינע ברידעלעך". 1
מענדעלע, 9, 164.

1930 " מיר איז איין מאל אויסגעקומען דא, אין אמעריקע,
צו באזוכן א יידיש בלומען=געשעפט". איינהארן, 197,7. 4

1963 " |...| זײַן די פּיאָנערן פֿון יידיש=פֿאָלקישער
געמיינשאַפֿטלעכקייט דאָ אין לאַנד". לייוויק,14, 381. 5

2. אדוו. דאַן, אין דעם מאָמענט, דמאָלט . % דער עולם איז
געוואָרן בגילופֿין, דאָ האט זיך ערשט אָנגעהויבן די
אמתע שימחה.

1825 " קריגט ער |דער בית=דין=שמש| ארויס די בעלי=
דברים פון ב"ד שטיבל און מאכט צווישן זיי איין 75
רעכט דאָ חאפט ער שוין שיינה עטליכע גולדן".
אנ, מסדר אגרת, ציט עלזעט, 3, 68.

1901 " עס וועט אײַך קאָסטן, פּאני רויטשילד, אזוי
גרויס (דאָ האָט זיך דער ייד פֿאַרטראַכט)|...|". 50
שלום=עליכם, א7, 13.

1940 " דא האט ער געהייסן זיין פורמאן איינשפאנען

און איז |...| אוועק אפשטעקן א וויזיט דעם רעדאקטאר". 76

בערגעלסאן, 14, 158.

1964 " דא ערשט שטעלט ער די לינקע פוס פארויס, און

זיין גאנצער קערפער |...| בייגט זיך אין אנגרייפעריש 52

געשטרעקט ". קאפלאן, 1, 215.

3. אדור. אין דעם (ענין, זאך, טעמע), אין דעם פאל,

דערביי, אין די אומשטאנדן. % מע דארף רופן א גוטן

דאקטאר, קיין באבסקע פרואות וועלן דא ניט העלפן.

אין דעם מיסחר דארף מען זיין געהיט, א גרויסע

ראלע שפילן דא די וואקלענישן אויף דער בערזע.

% עס האנדלט זיך דא וועגן א וויכטיקן ענין.

1890 " ווען מיר דא ערקלערן בדרך מוסר מיט איין ווארע

53 |=אמתע| געשיכטע |...|". דובנער מגיד, 1, דף נ"ו - ד!.

1931 " |...| איז שוין דא אויך פאַרענטפערט דער געפרעג -

54 ווּהין ס'גייט דאס יידישע טעאטער אין אמעריקע".

נאדיר, 5, 84.

1943 " אין דער ערשטער מינוט |...| האט זיך בענטניקן

55 געדאכט, אַז ער האט דאַ די אייבערהאַנט, אז ער איז דאַ

דער שטאַרקער". דעמבלין, 3, 46.

4. אדווערב, פּרעדיקאַטיוו מיטן הילפסווערב "זײַן"

(נאַר דריטער פּערזאָן פון איצטיקער צײַט: איז דא, זײַנען דא).

עקזיסטירט/עקזיסטירן, איז/זײַנען פאַראַן.

% אין דער שטאַט איז דא א גוטער מוזעום. אין וואַלד

זיינען דא פארשיידענע פייגל.

1878 " בנימין אבער האט |...| אויסגעדרונגען, אז

עס איז דא אין דער וועלט א בורא, וואס פארלאזט 56

ניט די, וואס האבן אין אים א בטחון". מענדעלע,73,16.

1911 " עס איז דא א גאנצער גראפין ראזשינקעס=ווייין".

גארדין, 23, 7. 57

1932 " סנאריאדן איז דא גענוג. בוכען מיר א גאנצן

טאג אן אויפהער". ברעגמאן, א1, 229. 58

1959 " ביי לייטן איז דא א גאנצע ליטעראטור וועגן

געניסן און אפשאצן |...| די ווערק פון די מייסטערס". 59

ניגער, 9, 13.

5. (עלט) דזוו דער פריערדיקער באַטײַט, נאָר אין נעגאַטיוון זאַץ:
אין ניט דא/איז נישט דא (אין מאָדערנעם ייִדיש איז
" דא" רעדוצירט און באַהאַפֿטן מיטן פּאַרטיקל: ניטא/נישטא).

|אָנהייב XIX י"ה| " דיא וועלט ווייסט שוין זייערע
שטיקליך, הגם זייא/זענין נאך נישט אויף דער וואהר, 60
ווארין עס זענין נאך נישט דא דיא עדות אונ' דיא
גרונטוווני זאכין וואס מען דארף נאך דערצו".
פערל, 1, 195.

1886 " אָרדענונג איז ניט דא |איך טערקיי|, דאָס ביסל
הכנסה באַגנבעט מען אויך |...|". פער 177, נ' 1, ז' 10. 61

1919 " |...| וואָס עס געפינט זיך ביי איינעם, איז ניט דא
ביי דעם צווייטן |...|". זאַלער, 1, 49. 62

6. <u>אדוו, פרעדיקאטיוו מיט "זיין" (אין אלע פערזאנען</u>
<u>פון דער איצטיקער צייט: איך בין דא, ער איז דא,</u>
<u>מיר זיינען דא א"א</u>). % דער לערער פרעגט: ווער פעלט
היינט אין קלאס? - אלע <u>זיינען דא</u>.

1934 " ווען דו <u>ביסט</u> נאך <u>דא</u> - וואלטן מיר ביידע
63 געשלעפט זיך// און ביידע אריינגעשוויגן אין שניי|...|".
<u>מ.ל. האלפערן, 4, 47.</u>

1937 " מיר האט זיך די גאנצע צייט פארגעשטעלט, אז
64 גאט <u>איז דא</u> ביי אונדז אין שטוב |...|".
<u>בערלינסקי, 1, 66.</u>

1945 " |...| און אט דערזע איך, ווי אויך דיין האנט
65 האסטיק קלאפט// |...| כ'הער דיין קול נאך זיכערער:
<u>כ'בין דא"</u>. <u>לייוויק, 8.</u>

7. אדוו. פרעדיקאטיוו מיט "זייך"(דריטפערזאניק,אצ.)
און נאך דעם פרעגיקן פראנאם "וואס". געשען,
פאסירן, פארקומען.

1894 " וואס איז דא פאר א מעשה, הא? אן אשת=אישניק! -
66 האבן אייניקע א געשריי געטאן". בלאשטיין, 5, 26.

1901 " האט זיך רייזל צעוויינט, ווי א קליין קינד,
67 און שרה=רחל, וואס האט געהאט א 'געניט אויג',
האט באלד פארשטאנען, וואס דא איז,און זי האט גענומען
אויסרעדן דאס הארץ". שלום=עליכם, 7א, 24.

8. פארטיקל, ניט באטאנט. גיט צי דער טוונג אין ~~גיט צי~~
דעם זאץ, דעם ניואנס פון אויסטיילונג, אונטערשטרייכונג.
% וואס איז דא א סך צו רעדן -די זאך איז קלאר,איך וועל
דיר דא ווייזן!

1895 " איך בין דאַ ביי זיך שטאַרק געפֿאַלן געווען |...|".

ליניעצקי, 9, 53. 68

1911 " און בשעת איך בין דאַ אַזוי צעטראָגן, טוט זיך פֿון

אונטן עפּעס אַ זעץ, אַז איך שפּרינג אַזש אונטער". 69

מענדעלע, 9, 155.

9. פּאַרטיקל, באַטאָנט, ס׳רוב נאָכן בינדוואָרט "און", "אין"

צונויפגעזעצטן זאַץ. גיט צו דעם זאַץ דעם ניואַנס פֿון

קעגנשטעלונג, קאָנטראַסטירונג.

|אַנהייב XIX י"ה| " די קעלט איז געווען זייער גרויס,//

און דאַ איז ער נאַקעט און בלויז". עטינגער, 3, 84. 48

1878 " ער וואלט געקענט אויפעסן א וועלט, און דא

49 האט ביי אים, מעשה שטן, זיך ניט געפונען אפילו א

ברעקל ברויט". מענדעלע, 16, 42.

1942 " די מאמע האט ער פארמשכנט// פאר א רייניש

51 מיט א לאך,// און דא דארף זיין די חופה// פון מיין

שוועסטער איידע וואך". מאנגער, 3.

10. סובסטאנטיווירט, דער=ען. (שנש) דאס ארט פון זיין,

דער דאזיין, די עקזיסטענץ.

1939 " עס וויגט זיך דער מענטש, ווי א בריק // אין

31 דעם גאלדענעם דא". שומיאטשער, 3, 69.

1971 " וועט דער גרויסער שלאף, דער טויט,// מיר נישט

ווייזן דארט מיינע דאען?". מ.מ. שאפיר, 5, 65. 30

0 אט דא/א דא — אדוו פר. דזוו ב"ב 1, 2, עמפאטיש.

% מיר וועלן זיך טרעפן אט דא, ביים טעאטער.

1868 " אט דא הייבט זיך שוין אן די מעשה מיט א ייִדן...

ווער האט אייך געצויגן פאר דעם צונג דערציילן אים 12

די חלומות". דיק, 40, 36.

1893 " א דא האט שוין ברײַנדל ארויסגעשטעלט איר

ספאדיק און פאנגט אן צו שרייען |...|". ארנשטיין, 2,151.

1930 " א גענאסע אזא זוכט אייך אויף דווקא דאן,

ווען איר ווילט בלײַבן אליין, אט דא וועט זיך שוין 13

אנהייבן א לאנגער ווידוי |...|". איינהארן, 7,272.

1966 " |...| און טראכט, אז אט דא, ביי דער בונטער
14 פארבלענדעניש וואלט גרינג זיין |...|". האלקין, 53,4.

**דא ארום** – אדוו פר, פפ, (דיאל) דא ארומעט. דורך דאנען,
דורך דעם ארט.

1936 " דא ארומעט קוקט מען אויף דער וועלט |...|".
137 נאדיר, 9, 134.

**דא...דא** – ס'רוב אין צונויפגעזעצטן זאץ. אדוו פר.
ווייזט אן אויף דער אנדערשקייט אדער די קעגנשטעלונג
פון די טיילונגען: אט אזוי און אט אנדערש.
% דא לאכט ער, דא וויינט ער. דא זאגט ער אזוי,
דא זאגט ער אנדערש.

1881 " די בעל=הבתטע שטייט ביי דעם אייוון, |...|
18 אַרבעט מיט אַלע פּלים, דאָ רוקט זי, דאָ שטורכעט זי|...|".
שאַצקעס, 1, 71.

1911 " איך פיל, ווי עפּעס א האַנט נעמט מיך אָן, דאָ
קאנק פאַר די פיס, דאָ פאַרן קאָפּ |...|". מענדעלע,9,קאנק933230.

דאָ (און) דאָרט/דאָ אָדער דאָרט - אַדוו פר. אין עטלעכע
ערטער, אין פאַרשיידענע ערטער.

1910 " דאָ א גראַף און דאָרט א פּרינץ...// אַ, דו קריגסט
16 אַ נאָמען!". ראָזענפעלד, 3, 222.

|1926-1931| " ביי אומגעהויבלטע טישן איז דאָ און דאָרט
82 געזעסן א ייד איבער א ספר און געלעקט".
אַפּאַטאָשו, 15, 229.

1960 " זיינען דא און דארט צעווארפענע דערציילונגען

|...|". גלאטשטיין, 2, 443.

1962 " דא בעט איך אונטער, דארט פארפרעס איך, אויף איין

ארט נעם איך א ריין, אויף אן אנדער ארט לאז איך ארויס". 436

י. עלבערג, פער 9, ר"ה = נומער, ז' 49.

27 ניט דא און ניט דארט – אדוו פר. אין ערגעץ ניט.

ניט דא געדאכט! – געזאגט ביים דערמאנען א שלעכטע זאך,

אן אומגליק.

ער איז דא און זיין נשמה איז דארטן – (איז) וועגן א

פארחושטן, צעפלויגענעם מענטשן.

וווּ מע וואַרפֿט אַ שטיין, דאָרט איז ער דאָ - (איר) וועגן עמעצן וואָס מישט זיך אומעטום, שטופּט זיך אומעטום.

דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ שטעל זיך נישט, דאָ מען זיך נישט - געזאָגט ווי אַן אויסדרוק פֿון אומצופֿרידנקייט, ווען מע לאָזט ניט טאָן וואָס מע וויל, מע באַגרענעצט די פֿרייהייט.

שוו: זאָל זײַן גראָ, אַבי ס'איז דאָ ‗ די ציג' עסט דאָ גראָז און דאָרט גראָז.

ם דאָ.

---> 1.

1544 " עש זוכט דער הילד שאול דיא איזלין דא. //
אן דעם בערג אפרים זיא וואר אנדרש וואו". 26
שמואל=בוך, סטר׳ 137.

1602 " |...| ווער וויל דז ווישן וואז דא שטעקט
אין מיינים הערצן". ס׳ ירמיה, יז - ט. 8

1743 " דען דא |אין יריחו| וואר וואקסין איין בוים
וואו דש ריכינדיג איל דר פון קומט דאש דא היישט 10
באלזים". יוסיפון, 4, דף פה - 2.

.2 ----←

1557 " נבכד נאצר דאז ואון דניאל הורט.// דא קונט ער
וואל גידענקן דז עז ווש גוט ווארט". ס׳דניאל,סטר׳115. 90

1735 " אונ׳ זיא מיינטן עש איז איין רייכר עהרליכר
מאן. אונ׳ זיא באטן אין אום איין אלמוזן. דא 91
פראגט זיא איילין שפיגל וויא זיין גראד אייערי
צוועלף ביא אננדר גיקומן". איילין שפיגל, דף 14.

.4

1626 " דייני פיינד ווערן אן קליידן שנד, אונ׳ דאש
גיצעלט פון דיא רשעים ועט ניט דא זיין". 92
ס׳ המגיד, 1, איוב, ח - כב.

~~11.~~ אין דער פונקציע פון רעלאטיווען פראנאם "וואס, וועלכער".

1679 " אונ׳ שפראך |יוסף צו די ברידער|, איז דאש אייאר
יונגשטר ברודיר, דא איר מיר |פון| אים זאגיט |...|". 93
בליץ, בראשית, מג - כח.

12. ווי א צוגאב צו די רעלאטיווע פראנאמען <u>דער</u>, <u>די</u>, <u>דאס</u> איך באטייט <u>וואס</u>, <u>וועלכע(ר)</u>.

| XV | י"ה | " לרוכב - צדעמא | צו דעם | <u>דער</u> <u>דא</u> רוט , ל' השוכן".

<u>רייכלין 8, תהילים, סח - ה.</u>

1711 " אונ' דער מדרש שרייבט, זיא מאכטן זיך צו טעפפיר דיא דא שטייני גישער פר קויפן".

<u>צאינה וראינה, 2, שלח לך (הפטורה), דף קיד.</u>

13. "אין דער פונקציע פון רעלאטיוון פראנאם ווו".

1676 " אונ' דאך בעט זול זיא אים ר"יינטלעך הלטן **דא**
ער אינן ליגט, ווייש אויבר צאגן |...|". 94
ברנט שפיגל, פרק ח'.

14. אין דער פונקציע פון רעלאטיווון פראנאם "וועו".

1544 " גוט י"ת ליש אונש גינישן **דא** מיר אין דיא
וואושטנייא קאמן". שמואל=בוך, סטר' 1707. 95

1602 " דאש איך ניט גישעהן **דא** מן דאש אנדר בית המקדש
הוט גיבויט דארום גיט עש אויף דש בית שלישי דאש 96
דא ווערד גיבויט ווערדן". ס' ירמיה, לא-לט.

1737 " אזו אך דר מענש **דא** מן אים צון קבר ברענגט
אונ' דן איז דער מקטרג גשטילט ווייל אים זיין 97
ווילין גשעהן איז". ס' שיח השדה, פרק ב'.

0 דא אן – אדוו פר. אין דעם בערויף.

|XV| י"ה| " אונ׳ אוב אונזר בור ורן הון גיגן די מישטון.//

135 ווש מאגן מיר, ארמן לייט, דא אן שוילט גיהאן?".

מגילה-ליד, ש"ש 825 – 826.

1722 " אונ׳ |...| דער דא אן ליקנט איז גלייך ער

136 זעלט ליקנו אין דר גנצי תורה". מנורת המאור, 1, דף רט"ו/א.

דאָ II - די, =ס. (מוזיק) די ערשטע נאָטע פון דער
מוזיקאַלישער גאַמע; די נאָטע C . % ער האָט אַ
שטאַרקן טענאָר און קאָן נעמען די אייבערשטע דאָ.

דאָ = סאָלפעדזשאָ - דער, דאָ. (מוזיק) גנר.

ד א ַ י ז ם - ----< דאַיזם.

ד אָ י ס ט י ש - <---- __דאָיסטיש.__

ד אָ א י ק ( יי ט ) - ----← דאיק(ייט).

דאַבאָוון - טרוו. (רוסיש, נאָ) צוגעבן, מוסיף זייַן, דערגאַנצן.

[...]

1881 " הייַנט איז ארויס דער אוקאַז |=דעקרעט, רוסיש|, אַז אַלע מעגן זיך דאַבאָווען |...| און אַלע נעלמים האָבן מיט איין מאָל זיך אַ שפּאַר געטאָן זיך צו דאַבאָווען". 138
סאַפּיר, 1, 69.

1958 " צו אייערע לויב=געזאַנגען קאָן איך נאָך עפּעס דאַבאָווען". ב.צ. גאָלדבערג, פּער 68, 21/VII. 139

|| דאַבאָוועטשנע - אַדי. (רוסיש, נאָ) צוגאַבלעך.

1866 "אָדער זיי |די בעל=מלאכות| ווײַזן אזוי אויס,
143 אַז זיי האָבן מער ווי 100 רו"כ |=רובל| אײַנקונפטן
יערלעך, כדי מען זאָל זיי דאַבאַוועטשנע פאַרשרײַבן".
|...|". פער 177, נ' 38, ז' 586.

דאַבאַווקע - די, =ס. (רוסיצ, נא) צוגאָב, הוספה.

1881 " |...| ווער עס וויל זיך דאַבאַווען, זאָל קומען
144 צו אים, ער וועט שוין אומזיסט אָנשרײַבן די דאַבאַווקע
און וועט מיט יעדערן גיין אין דומע". סאָפיר, 1, 73.

1960 " האָב איך בײַ עמעצן געבעטן אַ דאַבאַווקע
145 (הוספה) נאָך דעם ווי איך בין מושווה געוואָרן |...|".
סיימאָן, 2, 368.

28 - דא

(?נ?) ד אַ ב אָ ק ל ע - די, =ס. (ליטוויש) אַרעסטהויז.

1959 " |...| און וויין, איך וואַרן און איך בעט, בין

148 מען הייסט מיר אין דאַבאָקלע גיין". בלומענטאל, פּער 90,

XIX - 3.

(?נ?) ד אָ ב אַ ש – דער, =ן. נאָמען פֿון אַ פֿייגל.

1963 " ס'איז דער פֿויגל דאָבאָש... אַז ער זינגט אין

149 ווינטער, איז אַ שלעכטער סימן". באַשעוויס, פֿער 155, IV/5.

---

רעד: פֿון וואַנען דאָס וואָרט? אין פּויליש איז נאָר

דאָ "דאָבאָש" (Dobosz) = אַ פּויקער. און אפֿשר

איז דאָס פֿון באַשעוויסעס שדים=יענעוועלטיקע "פֿייגל?..

---

3

ד א ב ו ו ו ע ן – טרוו, פפ דאביוועז. (אוקר, נא).
קריגן, דערגרייכן, באקומען.

1929 " |...| דערקלייבן זיך אין לייען=שטיבל און
150 דאבווען די קארעספאנדענץ". טיטש, 3, 219.

1967 " קלמנקע האט געשריען, מען זאל דאבווען א
151 פראסטע באמבע, וועט ער זי אריינווארפן, ווו
מען דארף". קארפינאוויטש, 1.

דאבווען די לעבער – דערגייין די יארן, אנטאן
צרות.

דאבווען דאס לעבן – דזוו דפוו.

..................................................................................

רעד: כ׳מיין, אז דאס לעצטע איז א פארגרייזונג פון ערשטן.

31 דאביוועץ - טרוו, פּפּ דאבווועץ. (קוקר, נא)

באַקומען, אַרויסבאַקומען, קריגן, דערגרייכן.

1868 " ר׳ ז. אַשקעס האט דאַביוועט פון דער קעשענע

155 א לאנגע פּאטשיילע". פּער 177, נ׳ 42, ז׳ 306 - I.

1953 " פּאַרשיידענע זיסע אַמוציאַס פון אלע מינים דאביוועט

158 זי פּאר מיר פון איר בּישופּדיקן שפּייזאַלמערל".

מ. קויפּמאַן, פּער 44, נ׳ 7, ז׳ 10.

|| דאביוועץ זיך - דערשלאָגן זיך צו עפּעס, דערגרייכן,

באַקומען, קריגן. % דאביוועץ זיך צו עפּעס.

נאָך לאנגע יאָרן האבן זיי זיך דאביוועט צו אן אייגענער

דירה.

1864 " די ווייסע חברה, די תלמוד=תורה=ייִנגלעך האָבן

זיך שוין אַפֿילו דאַביוועט רייסן סטרונעס פֿון מײַן 165

פֿערדלס שוואַנץ". מענדעלע, 12, 4.

1886 " 'הערשל דער גרויסער' הייבט אָן צו דערציילן |...|,

ווי אַזוי בערל האָט זיך דאַביוועט צו דער |...| 166

צדקה=פּושקע". שלום=עליכם, 19, 24.

1967 " |...| אַז פּרץ האָט זיך דאַביוועט צום סאַמע

סודותדיקן פּינטל פֿון אונדזער קיום |...|". 167

י. בערנפֿעלד, פּער 38, נ' 59, ז' 126.

/7 דאַביוועןדי לעבער (וואָר: די נשמה) – דערגיין

די יאָרן, אָנטאָן צרות.

(?נ?) ד אַ ב י ט אַ ק - דער, =עס. (רעג. מאָלדאָוויע)

אַ גרױסער נאַר, אַן אײזלקאָפּ |קטוו|.

.[קטוו] mold: dobitoc

ם (?ב?)

דאַביטירן - אוטוו. צווייפלען, ספקן

|חנוך לנער, דף כ"א - !|

................................................

רעד: לפי דעתי דארף מען לייענען דוביטירן:

לאטייניש - ספקן: dubitare

................................................

ד אַ ב ײ́ - אַדוו. (עלט) דזוו דערבײ.

1800 " אויך איז הינטן דאַ בײאַ געשטעלט וואָרדן איין

181 מעכטיג שין מעשה אויש ספר חרידים". ס׳ תם וישר, שער=בלאט.

1888 " דאַבײ זאָגט מען אין שטעטל, דאָס ג... אַליין

178 איז גאָר אַ משוגענער!". לעוויץ, 1, 21.

1934 " |...| עפּעס געפּלאַפּלט דאַבײ פֿון אַ שווערד מיט

180 אַ פּאַן". מ. ל. האַלפּערן, 5, 48.

|| דאַבײיִק - אַדי. דזוו דערבײיִק.

1931 " אויף די גאַניקעס פֿון דאַבײיִקע האַלצהײזער

196 |...| שטײנען־אַרבעטער |...|". נאַדיר, 5, 152.

ם

<u>דא בייא.</u>

1544 " |...| ישראל הט ער גיואנגן דא וואָרד ערהאָ|ר|ט

193 גישלאגן.// <u>דא בייא</u> קאן איך מערקן דוא הילפשט מיר

הער גוט וויר |=ווידער|". <u>שמואל=בוך, סטר 1714.</u>

1743 " דש פֿאלק דש גאהנט <u>דא בייא</u> וואונטן אויף דיא

195 (צפֿון) זייט פֿון דיא קאשפישיע זע |...|".

<u>שארית ישראל, דף לב.</u>

ד אָ ב י ל ע – די, ס=. געוויקס, גענויער בנב.

... פֿעלדער געפּיקעוועט מיט תּבֿואה, פֿעלדער מיט בלימלדיקע

דאבילעס. שטחים מיט קאַרטאָפֿל=פֿעלדער, לאַנקעס מיט 195/1

הויכע פֿאַשעגראַזן". ב. שקליאר, 1.

ד א ב ל ( ט ) – אדוו. (דטשמ) דזוו טאפל.

1908 " דאבלט פינצטער איז די נאכט |...|".

ראזענפעלד, 2, 162. 199

1973 " דורכן פארקיטעוועטן דאבל= פענצטער האט ער

געזען נאך אנדערע חנוכה=פלעמלעך |...|". 200

גראדע, פער 155, IV /22.

רעד: ס'איז אויך ניט קיין דטשמ, אין דייטש איז

= doppel.

דאבניע - די, =ס. 1. מכשיר, באשטייט פון
א הילצערנער קלאץ אין דער פארעם פון א צילינדער,
אויבן מיט א הענטל אויף אנצונעמען, א מאל געווען
גענוצט ביים ברוקירן א וועג, איינצוקלאפן די שטיינער
אין ברוק, אדער ביים בויען א בריק אריינצוקלאפן סלופעס
אין באדן (אין דעם פאל איז די דאבניע א שווערערע אדער
בכלל פון אייזן און ווערט געהויבן און אראפגעלאזט
~~א שווערערע אדער בכלל פון אייזן און ווערט געהויבן~~
~~און אראפגעלאזט~~ מיט א הייבראד).|ליפשיץ =2 [долбня
P: dobnia

1869 " דארטן האבן זיי דעם שיינעם גאסט |דעם הייפיש| 
מקבל=פנים געווען מיט שארפע העק און מיט אייזערנע 206
דאבניעס". פער 177, נ' 47, ז' 329 - T.

דא -

1898 " פארן ערשטן מאל |ביי געבן א ווארענונג| איז 'הנה'

206 אויך גענוג, און אז ער וועט ניט פאלגן, - א! דעמאלט

קומט אים שוין 'כפי', ווי מיט א דאבניע אין קאפ אריין".

לינעצקי, 10, 30.

1957 " אזא עזות האט קריינען געגעבן א זעץ אין הארצן,

207 ווי מיט א דאבניע". ש. ביקל, פער 9, פסח-נומער, ז'103.

2. "א קלעצל פון האלץ, צו העלפן דער האק זיך אריינהאקן

וואס טיפער אין האלץ אריין און עס שפאלטן"|קטוור|.

רעד: ביי אונדז(וואלין) האט מען אזא זאך גערופן"קליין".

(?ב?) 3. דזוור דובינע" |קטוור|.

ד א ב ע ל ע ס - מצ? (רעג, ליטע) קלעווער | מ. מארק, א

212 פער 90, נ' א - 1, ז' 21 |.

..........................................................

214 רעד: אנדערע זאמלערס גיבן אן: 1. דאבילעס, 2. דאבאלעס. 3. דאבעלע, די, =עך. דערצו א ביישפיל (ציטאטע?): מ'פאלט אריין אין ברייטע גרינע לאנקעס, ווו ס'שמעקט מיט דאבעלעך און היי".

אויף די קארטלעך פון די זאמלערס זיינען דא צוויי ליטווישע עטימאלאגיעס: 1. *dobilis*; 2. *dobilas*

ווער איז גערעכט?

..........................................................

ד אָ ב ע ר מ אַ ן - דער, =ען. נאָמען פֿון אַ הינטישער ראַסע.

1972 "די הינטיכע, אַ ברוינער געוווּקסיקער דאָבערמאַן,

האָט מיט איר געשיקטן קערפּער ברייטער אויפֿגעפּראַלט די 218

טיר |...|". ראָזענפֿאַרב, 1, 140.

43 - דא

(?נ?) ד אָ ב ר אָ ד ז י ע י - 1. גוטסטוער, בעל=צדקה.
p: dobrodziej

2. געניצט ווי אַ טיטל אין אַ ווענדונג.

1936 " הערט אים, דאָבראָדזיִע, מע מוז דאָס געדענקען".

225 כאַריק, 2.

........................................................................

רעד: (שטאַרק מסופּק, צי מע דאַרף דאָס געבן)

........................................................................

(?נ?) ד א ב ר א וו א ל י ע ץ - דער, מצ דאבראוואלצעס.

(רוס/פויל, נא) א פרייווילקער(אין מיליטער, צו אן ארבעט אד"גל).

1933 " אויף יעדן אפשטעל מאכט מען פון דיר חוזק,

266 פאר א סאלדאט נעמט מען דיך, פאר א דאבראוואליעץ,

און אומקוקן קוקט מען זיך אויף דיר ניט אום".

גאדינער, 2, 38.

(?נ?) דאבראָוואָלנע – אדי/אדוו. (רוס/פויל, נא)

פֿרײַוויליק, מיטן אייגענעם ווילן, ניט געצווונגען.

1937 " גאָלדע איז א דאבראוואלנע מיידל".

226 בורשטין, 2, 61.

1958 " איבערן גאנצן לאַנד זענען דאָ טויזנטער אָרגאַניזאַציעס

227 פֿון פֿרײַוויליקע פֿייער=לעשער, וועלכע פֿירן זיך

ווי די אמאָליקע 'דאבראוואלנע פאַזשאַרניקעס'

|...| פֿון די אמאָליקע ייִדישע שטעט". ס. גרין,

פער 155, !/15.

(?נ?) דאַבראַיען זיך - אוטוו. (רעג, פֿראַנקרייך)
"צוקומען צו עפּעס, אַרויפֿאַרבעטן זיך, פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ" |קטוו|.

(?נ?) || דאַבראַיאַר - דער, אַ בעל=מצליח. % "ער איז אַ דאַבראַיאַר - ער האָט דערפֿאַלג" |קטוו|.

..........................................................

| רעד: ווער ווייסט, ווי פּעסט דאָס וואָרט איז טאַקע ביי די פֿראַנצויזישע ייִדן, אָדער ס'איז סתם אַ "פֿראַנצויזיזם" אין מויל פֿון עטלעכע שלעכט=ייִדיש=ריידערס. |

..........................................................

דאבראנאץ - דער, =עס. פּפּ דאבראניטש. אמאליקער
יידישער חתונה=ניגון. p: dobranoc; Uk: добранiчь.

1879 " דער שיר |...| איז אריינגעקומען אין דער סאליע,
236 ווו. די בחורים מיט דעם חתן זיצן, די מוזיקע האט
אנגעהויבן שפּילן איין וויוואט, אויך איין דאבראניטש".
אנ, חוסן ישועות, 1, 24.

1940 " איין מאל, ביים איינשפּילן א נייעם דאבראניטש
237 איז ביי לייבלען די טרובע פון האנט ארויסגעפאלן".
דרוקער, 6,1.

1960 " מ'האט אויפגעשפּילט א שוסטערל, א פאסטערל,
238 א טייבעלע, א דאבראנאץ |...|". באשעוויס, פער 155, 19/XI.

2. פאר צייטנס, א מסיבה, מיט טענץ און שפילן, ביי דער
כלה א וואך פאר דער חתונה.

1909 " אז מע האט חתונה געמאכט א קינד האט באדארפט
זיין צום ערשטן דאבראנאץ |טעקסט: דאטראנעץ| 239
א ציגיינער מיט א בער און ווייזן די קונצן, וואס
ער האט געקענט מאכן מיטן בער". אנ, חייקל ממזר קאפ.4,2.

1938 " דעם שבת=צו=נאכטס, וואס פאר דער חופה קלייבן
זיך צונויף מיידלעך צו דער כלה טאנצן - [...] דאס הייסט 240
'זמירות', |...| אין כלעם איז דער נאמען געוועזן
א דאבראנאץ". פער 92, נ' 14, ז' 127.

אפשפּילן א דאבראנאץ - 1. שפּילן דעם ניגון, פֿון דאָדראַנאַל

2. (איר) דערלאַנגען אַ פסק, אויסזידלען גוט.

1906 " |...| האָט זי אים אָפּגעשפּילט א דאבראנאץ,
דעם טאַטן נעבעך, אַז ער האָט זיך קיין אָרט נישט 243
קעקאַנט געפינען". שלום-עליכם, 34, 94.

ד א ב ר א נ י ט ש - ←--- דאבראנאץ.

דאברידזיען |ווייכער נ| - פּפ דאַברידען|ווייכער נ|,

דאַברידזשיען. 1. (פּויל, אוקר) באַגריסונג ביים

באַגעגענען זיך אין פֿרימאַרגן.

P: Dobry dzien! Uk: Добрий день!

1944 " שטעלט ער אָפּ אַ יידן:// אַ גאָט=העלף איך.// און

248 אַ גוטשיקל:// דאַברידיען". סיגאל, 2, 242.

2. דער, באַ=ען/ס. (15) פּאַרציַיטיקער יידישער חתונה=ניגון

(לויט געוויסע מקורות געשפּילט לכּבֿוד דער כּלה אין דעם

פֿרימאָרגן פֿון דעם חתונה=טאָג, לויט אַנדערע - אויף מאָרגן

נאָך דער חתונה).

1873 " דער בארימטער כּלי=זמר, דער סאָלאָוויי, האָט

267 אָנגעשטעלט זיַין פֿידל אַפּצושפּילן אַ שיינעם, אַ פֿייַנעם

דאַברי=דזיען". מענדעלע, 1, קאַנק 150840.

1914 " |...| צוליב דער שיינער טייערער כלה, דומה

255 למלכה – |אויפשפילן| א שיינעם, פיינעם 'דאברי=דזיען'!".

<u>מ. ריבקין, 1, 190</u>.

1930 " די קלעזמער האבן אויפגעשפילט א 'דאברידזשען'".

256 <u>שניאור, 1, 132</u>.

1968 " וואס זשע שפילט מען – וועלכע <u>דאברידענען</u>?".

259 <u>מ.מ. שאפיר, 3, 49</u>.

ד א ב ר י ד ע ן - ---- ← **דאברידזיען.**

ד אָ ב ר י ד ש ע ן - <---- <u>דאָברידזיען</u>.

ד אַ ב ר י ו י ט ש - דער, =עס. " אַ כלי=זמר=שפּיל

260 לכּבֿוד דעם קומען פֿון וויכטיקע מחותּנים צו דער

התונה" קטוו.

........................................................

רעד: מסתמא פֿאַרגרײַזט פֿון "דאַבריוועטשיר".

דער אַקצענט ~~דאַרף~~ קען אויך זײַן אויפֿן לעצטן טראַף.

........................................................

261 (?נ?) ד אַ ב ה י מ אַ ש ע ק - <u>דער, =עס.</u>|<u>סטוטש 566</u>|.

אַ גוטער מענטש, אַ גוטער ברודער.

ד א ב ר ע I - אדי. סלאוויש (אוקר/פויל), געניצט איך געוויסע באהעפטן און פראזן:

Д דאברע מזל - 1. אלץ וואס מע פארמאגט, דאס גאנצע האב=און=גוטס.

1888 " דאס גאנצע דאברע מזל גייט אין דער קישקע ארייַן, ווי זאגט מען: בעסער דעם בעקער איידער דעם רופא". 268
שלום=עליכם, 22, 196.

1937 " איך האב מייַן טאכטער |...| געבאדן אין מילך און אין ווייַן, |...| אריַינגעלייגט אין איר דאס גאנצע דאברע מזל, האב=און=גוטס פון אונדזער רייַך פארמעגן". 274
ווייסענבערג, 10א, 82.

1967 " דאס גאַנצע דאַברע =מזל איז פאַרשפּעט".

276 העלער, 3, 10.

2. גליק, גוט מזל, הצלחה.

... " געכאַפּט א פּישעלע, |...| פּאַר דאַברע מזל עס

278 באַשפּייט, אַ שפּרונג געטאָן און אין וואַסער ווייט

אויפן שנור פאַרוואַרפן". מ.ז. טקאטש.

שור: יאַק ריידעלע, אַבי דאַברע מיינעלע - ניט וויכטיק וואָס און ווי מע זאָגט, אַבי ס'איז גוט געמיינט.

עס איז ניט וואָרעם פון דאַברע ריידעלע, נאָר פון דאַברע מיינעלע - א גוט וואָרט גיט גאָרניט, אויב ס'איז ניט גוט געמיינט.

262 (?נ?) ד אָ ב ר ע II - די? "מטבע" |קטון|.

|וואָסער מטבע? ביי סטוטש ניטאָ, אויך אין קלעזמער=לשון.|

(?נ?) ד א ב ר ע ס א ו ו ע ס ט נ ע - אדי. (רוס, נא)

מיט א ריינעם געוויסן, ערלעך, יושרדיק.

1870 " מזל=טוב אייַך אבשטשעסטווע!... מזל=טוב אייַך

281 דאברעסאוועסטנע! מזל=טוב אייַך, גאאים פון דער

גרויסער שיל!". פער 177, נ' 22, ז' 162 - !.

ד אָ ג - דער, =ן. נאָמען פון אַ היינטישער ראַסע.

% דייטשישער דאָג |סטוטש 247|.

ד א ג א ב א - בנב.

רעד: אויפן קארטל איז דא א צוגאב (דערקלערונג?):
"טעמפל". איז דאס אפשר דזוו "פאגאדא"?

ד אַ ג אַ ד ז י ע ן  -  <---- **דאַגאַדזען.**

ד אָ ג אָ ד ז ש ע ן - ---- ← דאגאדזען.

דאַגאַדזען – אוטוו. פּפּ דאַגאַדזיען, דאַגאַדזעט, דאַ=, פֿאַר דאַגאַדזעט. צופֿרידן שטעלן, נאָכקומען, צוטרעפֿן, גאַדזשען, יענעמס ווינטש, פֿאַרלאַנג, געשמאַק. % דאַגאַדזען עמעצן (דאָטירו). מע קען אים ניט דאַגאַדזען אין עסן, ער איז אַ גרויסער איבערקלײַבער. מע סטאַרעט זיך אים צו דאַגאַדזען, דעם קראַנקן קינד, אין אַלע קאַפּריזן, אַבי עס זאָל נישט וויינען.

אַנהייב XIX י"ה "כ׳לעבן, מאַרגן, נישט הײַנט,// קענסטו דאַגאַדזען אַ פֿרײַנד;// מאַך אים נאָך אַזוי גיט |=גוט|,// געפֿעלט עס אים אַלץ ניט".

עטינגער, 3, 169.

284

1866 " ווי שווער וועט דא זיין, מען זאל אלע דאגאדזען

285 און ווײלן אזא פרינץ, וואס זאל אלע געפעלן".

פער 177, נ' 8, ז' 126.

1934 " איי, מיין קינד, קליינווארג דארף מען קאנען

286 דאגאדזען |...|". מילשטיין, 1, 48.

1951 " קיינער קען עס נישט אזוי דאגאדזשען, ווי

288 איך". עלבערג, 1, 247.

(?נ?) ד א ג א וו א ר - דער, =ן. (רוס, נא) אפמאך,
קאנטראקט, הסכם.

1863 " ביי איך איז געווען די ברירה מיט מיר צו
293 מאכן א דאגאוואר". פער 177, נ' 11, ז' 168.

1934 " עך! - האט ער א זאג געטאן, אראפטאנצנדיק פון
294 דער קאסילקע... - שרייב דעם דאגאוואר!".
גאלדשטיין, 1, 12.

1967 " פארלאגן און טעאטערס האבן געמאכט מיט מיר
295 'דאגאווארן' וועגן ארויסגעבן ביכער און שרייבן
פיעסעס". סוצקעווער |?|, פער 38, נ' 61, ז' 22.

ד א ג ה |דייגע/דאַנגע| - די, מצ דאגאות |דייגעס, דאַנגעס|.

דאָס אומרויִקע טראַכטן וועגן עפּעס/עמעצן, דאָס קאָנצענטרירן זיך אין די געדאַנקען אויסצופירן א געוויסע זאַך, אויף צו באַפרידיקן געוויסע וויכטיקע, נייטיקע באַדערפענישן; זאָרג. % די קרענק פון פּאַטער פּאַרשאַפט אַ סך דאגות. זיין גרעסטע דאגה איז איצט ווי צו באַקומען אַרבעט. דער מוח טריקנט אים אויס פון אַ סך דאגות.

1881 " עסן עסט מען אַלע ווייטיקן, מיינע שונאים, דאגות איבערן קאָפּ, נו, אַז מע זאָל נאָך ניט האָבן 315
אַלע שבת כאַטש אַן עליה, און טאַקע אַ פּעטע, וואַלט מען שוין גאָר אויסגעגאַנגען פון די כוחות".

שאַצקעס, 1, 156.

1908 " דער הונגער און די שטענדיקע **דאגות** האבן זיך
304 אפגעשטעמפלט אויף זיין געזיכט". לעססער, 1, 27.

1929 " א. מאפו פלעגט אויסווייכן די גרויסע מיט
317 זייערע עסקים און **דאגות**". בעל=מחשבות, 2, 20.

1955 "די ליטעראטורן פון די אומות=העולם האבן עס
318 ~~עס~~ א סך לייכטער: ערשטנס, איז זיי פארשפארט די
**דאגה** פון חיונה |...|". ב. ריווקין, 3, 142.

|| **דאגהלאז** |דייגעלאז| - אדי/אדוו. (דטשמ) אן זארג.

1973 " יוסי ווידער, דער דאגהלאזער יונג, איז געשטאנען
328 אין דרויסן, אין פאדערהייזל און זיך געפוצט זיינע
לאקירטע קאמאשן". ראזענפארב, 3, 99.

0 דאגת=הכלל |דייגעס=האקלאל| - די זארג פאר
געזעלשאפטלעכע נויטן.

1929 " |...| איך זיך אליין פארגעסן, דאגת=הכלל -
עפעס א קליינינקייט!". הירשביין, 3א, 166. 361

דאגת=חיונה | = כיונע| - די, בא. דאס זארגן פאר
דעם טאגטעגלעכן אויסקומעניש (עסן, טרינקען אד"גל).

1894 " קיין דאגת=חיונה האבן זיי ניט, ווייל די
עלטערן פארזארגן זיי מיט עסן, שוכן און קליידן". 362
ב. גארין, 2, 22.

1912 " דער סאציאליזם באפרייט פון דאגת=חיונה.איז
אבער די דאגת=חיונה די איינציקע דאגה, וואס דער 316
מענטש האט?". זשיטלאווסקי, 3, 61.

1956 " קיינער שטערט נישט, אײַלסט זיך נישט אין ערגעץ

320 האסט נישט קיין דאגות=חיונה". זרבבל, פער 122,169.

דאגות=פרנסה | ~ פאַרנאָסע| די זאָרגן וועגן ארבעט,

פאַרדינסט.

1832 " אַז ער קען זײַן |אַרײַנגעטאָן| אין אכילה ושתיה

364 און דאגת=פרנסה |...| איז ער בוודאי ניט צעבראָכן

מיט אַן אמת". דוב בער |...|, 1, אות י"א.

1881 " |...| מחמת דאגות=פרנסה קען מען ניט רעכט

321 גאָט דינען |...|". אנ. איין נייע שס תחינה, תחינה פון

סליחות.

1907 " |...| עס קומט דער גוטער ליבער פסח |...|,
מע וועט קאנען רוען גאנצע אכט טאג דורך אנאנד, 323
נישט טראגן אויפן קאפ קיין שום <u>דאגות=פרנסה</u>".
<u>שלום=עליכם, 18, 127</u>.

|1926 - 1931| " די געשרייען פון די יידן, וואס האבן
זיך אויף א ווייל געוואלט באפרייען פון <u>דאגת=פרנסה</u>,
זיך אפשאקלען פון דער וואכעדיקייט". <u>אפאטאשו, 122,10</u>.

<u>מיין דאגה!</u> - ס'איז ניט מיין עסק, ס'גייט מיך
ניט אן.

<u>א דאגה האב איך!</u> (האסטו, האט איר) - ס'ארט מיך ניט,
ס'אינטערעסירט מיך ניט.

מיין באבעס דאגה! - דזוו דפוו, עמפּאטיש.

1926 " מיין באבעס דאגה ווער א משוגענער פּאַיאַץ איז!".

סערעני, 1, 39. 3291

ניט דיין (אייער) דאגה! - ס'איז ניט דיין זאַך, מיש זיך ניט.

1901 " אזוי שפּעט שלאָפט מען עס? |...| שעמען וואַלט

איר זיך! - ניט אייער דאגה! - האָט בערל אַנגעבלאָזענערהייט 330

איר געענטפערט". רייזען, 4, 201.

ניט דיין (אייער) באבעס דאגה! - דזוו דפוו,

מער עמפּאטיש.

1926 " פּימפּערנאַטער! ווער פּרעגט דיך? ס'איז

קיין גרעסערע דאגה זאלסטו (זאלט איר) ניט האבן -

ס'איז ניט אזא שלעכטע זאך, ס'איז ניט קיין צרה,

זארגט זיך ניט דערפון.

א דאגה דער באבען - ניטא וואס צו זארגן וועגן דעם.

1907 " נאך וואס דארף מען שלאגן? אין ער ניט אזא

גרויסער למדן, א דאגה דער באבען, אבי זיין נאטור איז

אן איידעלע". י. גארדין, 2, 12.

דאגות פון אויסגעלייגטע אייער - פוסטע דאגות, אומזיסטע,

וועגן אומוויכטיקע זאכן [טענדלאו].

שוו: פרעמדע דאגות קען מען איבערטראגן, פרעמדע דאגות נעמען ניט אוועק דעם שלאף (וואר: לאזן שלאפן).

מיט איין דאגה שלאגט מען ארויס די אנדערע.

בעסער א סך דאגות ווי איין דאגה – א געזונטער האט א סך דאגות, א קראנקער נאר איינע: ווען געזונט ווערן.

לייג א וועק די דאגות צו קאפנס.

אבי ס'איז דא געלט צו קויפן די פיש, פאר זאלץ און פעפער איז שוין קיין דאגה נישט.

מיט דער גרעסטער דאגה קען מען נישט באצאלן דעם קלענסטן חוב.

די ווערעם עסן טויטערהייט און די דאגות לעבעדיקערהייט

(וואר: א וואָרעם עסט א מת, די דאגות דעם לעבעדיקן).

מרבע נכסים מרבה דאגות |מאַרבע נעכאָסים מאַרבע דייגעס| —
~~טייטש:~~ וואס מער פאַרמעגן, מער זאָרגן. — אס

אט די דאגה זאל איך שוין האבן.

דאגה בלב איש ישיחנה |דייגע בעלעוו איש יעסיכענאַ| —
~~טייטש:~~ אז א מענטש האָט א דאגה אין האַרץ, זאָל ער זי ~~ארויסרעדן~~
אַרויסרעדן.

דאגות און צרות מאכן אלט און גרוי.

ם

1769 " די עלטערן ווערטה בזארגן דעם מלמד דיזער
אונ׳ |= אָז| דאגה זיינה פרנסה צו האבן כדי זיינם
גאנצן שכל וור אליין דאהין אמבליגירן קן". מערכת אברהם.

ד א ג ה ן |דיִגען/דאַנגען| - אוטוו, פּפּ דאגהנען |דיִגענען|.
פּאר געדאגהט |געדיִיגעט|. טראַכטן, איבערטראַכטן
מיט אומרו וועגן עפּעס/עמעצן, קאָנצענטרירן זיך אין
די געדאַנקען אויסצופירן אַ געוויסע זאַך, צו באַפרידיקן
נייטיקע, וויכטיקע באַדערפענישן; זאָרגן. % דאגהן
וועגן פּרנסה. די קינדער דאגהן וועגן דער קראַנקער
מוטער. ניט געדאגהט, ס'וועט אַלץ זייַן גוט!

1899 " ווייסט מען דאָך, אַז 'לכל זמן', און אויף
372 דאגהן מכוח אַ תכלית איז אויך דאָ צייַט".
ווירניקאַווסקי, 1, 31.

... " מאמע! דאגה נישט פאר מיר, קיינער וועט מיך
373 ניט אויסכאַפּן". שלום=עליכם, 4א, 134.

1951 " מען פלעגט נאר דאגהנען, ווער וועט לאחר מאה
ועשרים שנה פארנעמען ר׳ ארעלעס ארט אין דער שטאטישער 374
צדקה". מ. כץ, פער 106, 1381.

|| דאגהניש | דייגעניש | - דאס, בא. דאס דאגהן א סך,
פארזארגטקייט.

1970 " |...| ביימער אנגעטאן אין שווארצער דאגהניש".
אהרן צייטלין, 7, 185. 379

◻ א פערד האט א גרויסן קאפ, זאל ער דאגהן - שפאסיק
געזאגט, ווען ס׳ווילט זיך נישט טראכטן א סך וועגן
א געוויסן עניין.

זאל דער הינטערשטער דאגהן - געזאגט שפאסיק ווען מען
וויל אראפנעמען פון זיך א זארג, אן אחריות.

ד א ג ה נ ע ן - ----< <u>דאגהן</u>.

ד אַ ג מ אַ ט - דער, ־ן. דזוו דאָגמע.

1965 " דער דאַגמאַט, אַז זײַט און רוים זײַנען אומאָפּהענגיק
383 |...| איז אויף אייביק צעשטערט". פּער 107, 720.

|| דאַגמאַטיזם - דער, בא. דאָס אומקריטישע דענקען,
אַזאַ וואָס באַזירט זיך בלויז אויף דאָגמעס.

1954 " עפּעס איז פאַראַן 'פּאַרדעכטיקס' אין טראַצקיס
384 |...| כמעט אינקוויזיטאָרישן דאַגמאַטיזם".
ח. גרינבערג, 3, 192.

דאַגמאַטיסט - דער, ־ן. דזוו דאָגמאַטיק(ער).

דאַגמאַטיק - די, בא. דזוו דאַגמאַטיזם.

1912 " דער ווידערשפּרוך צווישן <u>דאגמאטיק</u> און קריטיציזם,

389 צווישן א כמעט ריין קריטישער דערקענטעניש=טעאריע

און דאגמאטיש=מעטאפּיזישע רעזולטאטן |...|".

<u>זשיטלאווסקי, 3, 154.</u>

<u>דאגמאטיקער</u> - <u>דער, =ס.</u> דער וואס איז נוטה צו דאגמאטיק/

דאגמאטיזם.

1959 " ער איז גאר אייגנטלעך נישט געווען קיין קריטיקער,

390 ער איז געווען א <u>דאגמאטיקער</u>". <u>ניגער, 9, 355.</u>

<u>דאגמאטיש</u> - <u>אדי/אדוו.</u> 1. וואס באזירט זיך אויף

דאגמאטן.

1960 " עס איז דערפאר גאר נישט נייטיק צו זיין רעליגיעז

391 אין א <u>דאגמאטישן</u> אדער אינסטיטוציאנעלן זינען פון

ווארט, און ארטאדאקס |...|". <u>גלאטשטיין, 2, 241.</u>

2. כאראקטעריסטיש פאר א דאגמאטיקער.

1917 " פאר העגעלן וואלט זיך א סך בעסער געלוינט ער זאל האבן ארויסגעזאגט זיינע געדאנקען אין דעם דאגמאטישן טאן פון א נביא |...|". זשיטלאווסקי, 96,7.

1974 " מען קאן זיין א סאציאליסטקע פון דעם לינקן השומר הצעיר און פון דעסטוועגן נישט זיין אזוי דאגמאטיש". 391
עלבערג, 2, 375.

דאגמאטישקייט – די, בא. אייגנשאפט פון זיין דאגמאטיש.

1973 " צו מיין איבערראשונג, אנשטאט אן אטמאספער פון דאגמאטישקייט און פארערונג פארן רבין |...| האב איך 392
אין פשיסכע געטראפן א פריינדלעכע שטימונג".
יזב 18, 130.

ד אַ ג מ אַ ר י ן - דער, בא. (עלט) אַמאַליקער טעקסטילשטאָף.

1868 "האָפּל ברייטע וואַלענע מאַטעריעס אין שטרייפן,

398 שינע דאַגמאַרין, |...| ריפּס, |...| קאַשעמיר |...|".

פער 177, נ' 12, ז' 96 - !T. מודעות.

דאַגמע - די, =ס/=ן, פּפּ דאַגמאַט. 1. גרונט=עיקר פון אַ רעליגיעזער לערע, ווערט געגעבן ווי אַן אַבסאָלוטער אמת, אין וועלכן מע גלייבט און ער דאַרף ניט ווערן דערוויזן אָדער קריטיקירט. % רעליגיעזע דאַגמע. קירכלעכע דאַגמע. גלייבן בלינד אין דער דאַגמע. ניט אָפּטרעטן פון די דאַגמעס.

1865 " אין פראַנקרייך האָט די רעגירונג פאַרבאָטן מען זאָל אין קיין צייטונג ניט קאָפּירן די ווערטער, 400
וואס דער פּויפּס |טעקסט: פּאָפּסט| שטעלט קעגן דער ציוויליזאַציע, גלייך עס וואָלטן געווען רעליגיעזע דאַגמען". פער 177, נ' 3, ז' 83.

1908 " זייער ייִדישקייט באַשטייט |...| אין דריי דינים
402 |...|: 1) יאָרצייַט, 2) בר=מיצווה, 3) פּסח.
די דריי דאָגמען זענען |...| געננג אויפצוהאלטן דאס
ייִדישע פֿאָלק נאָך טויזנטער |...| יאָרן".
שלום=עליכם, 33, 151.

|1931-1926| " איר האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס ייִדנטום אין אַ
403 דאָגמע, פֿון רמב"ם ביז אחד=העמען |...|". אַפּאַטאַשו, 66,7.

1963 " דער פּריעד דערמאָנטער 'קאָונסיל' |...| האט
404 אָבער אָנגענומען אַ נייַע 'דאָגמע', נעמלעך, די
אוּמפֿעלבאַרקייט פֿון דעם פּאַפּסט אין אַלץ וואָס האָט אַ
שייכות מיט רעליגיע און מאָראַל". נ. זאַלאַוויץ,
פֿער 155, VI/11.

2. א פרינציפ (טעזע, הנחה, באהויפטונג) וואס ווערט
אָנגענומען ווי אן אמת ניט אָפּצופרעגן און אויסער
קריטיק. % שטייפע <u>דאָגמע</u>. פּאַרטיישע <u>דאָגמעס</u>.

1934 " דער גורל פון גרויסן קיבוץ |...| איז אָפּהענגיק
405 פון דעם ווי גיך |ער| וועט זיך באַפרייען פון די אלטע
אידעאָלאָגישע קייטן, פאַרשטיינערטע <u>דאָגמעס</u>".
<u>פּ. לוביאַנקער, פער 141, 8.</u>

1947 " איך בין אָבער געווען מיד פון אַלע איבערלעבענישן,
406 |...| מיד פון די ביליקע <u>דאָגמעס</u>, פון פּאַרטייען און
פּאַרטייליַיט". <u>סעגאַלאָוויטש, 11, 191.</u>

1965 " מערקווירדיק איז טאַקע דער 'היסטאָרישער פּראָצעס',
407 וועלכער רעכנט זיך גאָרניט מיט די <u>דאָגמעס</u> פון דעם
אָדער יענעם טעאָרעטיקער". <u>פער 107, 468.</u>

ד א ג ע ג ן - ----> __דערקעגן.__

ד <u>א</u> ג ע ג ן – <u>אדוו</u>. (<u>דטשמ</u>) 1. פארקערט, להיפוך,

אין קעגנזאץ; דערקעגן.

1893 " זיי ארבעטן מיט שווייס, ביז זיי זעען זיך מיט

~~מיט~~ א פארדינסט, <u>דאגעגן</u> עסן זיי מיט געשמאק און שלאפן 412

אן קאפ=דארעניש". <u>ארנשטיין, 2.</u>

1918 " די נאכט צו |...| די נאכט צו עשרה בטבת האט דער בעל=הפזמון

געהאט גענוג צייט צו מאכן א גרויסן פזמון, <u>דאגעגן</u> 413

די נאכט צו י"ז בתמוז איז א קורצע, האט ער נישט

באוויזן מער אנצושרייבן". <u>עלזעט, 2א, 59.</u>

2. קעגן (דעם).

1930 " דער רבי האט אבער אויף אלע סטראשונקעס גאר נישט

געקוקט און געקעמפט <u>דאגעגן</u> מיט אלע קרעפטן". <u>לאנגער, 1,9.</u> 414

..............................................................

<u>רעד</u>: כ'מיין אז דאס ניצן דאס ווארט אין דעם באטייט איז א גרייז

ד אָ ג ע ט - ←---- דיאָגעט/דזשעגעכץ.

ד א ג ר א נ ד ז ש י – |אדוו?, פּאַרט?| בנב.

1873 "לאָמיר נאָר דאַגראַנדזשי שמועסן. וואָס איך גלייב

ניִשט – דאָס גלייב איך, אַז קלוגע יונגען זענען זיי 422

אויף אַלע פּעלן". אנ, די געגנאַרטע וועלט, 2, 70.

רעד: אויפֿן קאַרטל איז דאָ אַן אויסטייטש (מיט אַ

פּרעגצייכן): "איך תּוך".

און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מקור?

424 (?נ?) ד אָ ד אַ - דער, =ס. "פּויגל" |קטוון|.

..........................................................

רעד: אויסטײַטש פֿון קאַרטל... מער גאָרניטאַ.

..........................................................

(?נ?) ד אָ ד אַ ט ע ק - דער, מצ דאַדאַטקעס. (פּויל, נא)

צוגאָב, הוספה.

1881 " דער לעזער קען זיך פֿאָרשטעלן דעם טרויער פֿון די

דריַי פּערזאָנען, דאָס צו זייערע צרות איז נאָך די 431

צוויי בריוו געווען א דאַדאַטעק". קארטוזשינסקי, 32,1.

דאַדאַיזם - דער, באַ. פֿאָרמאַליסטישע שטרעבונג אין דער קונסט פֿון אָנהייב XX י"ה, באַשטאַנען אין אָפּרייסן די פֿאַרבינדונג צווישן אינהאַלט און פֿאָרם. אין דער ליטעראַטור האָט זיך עס אויסגעדריקט אין שרייבן מיט ווערטער אָן קיין שום באַטייט, ווי דאַ=דאַ, לו=לו אד"גל.

|| דאַדאַיסט - דער, =ן. אָנהענגער פֿון דאַדאַיזם.

1960 " אַממערסטן האָט מיך אינטערעסירט די דאַדאַיסטן= באַוועגונג, וואָס איז אויפֿגעקומען אין ציריך אין דער צייט פֿון דער ערשטער |וועלט=| מלחמה. אין דער פּאָעזיע האָבן זיי אויפֿגעהערט צו שרייבן מיט ווערטער, נאָר מיט זילבן, ווי דאַדאַ, לאַלאַ, טיטי, ריטי - אָן אַן אינהאַלט". ד. איינהאָרן, פֿער 155, X/2.

ד <u>אָ</u> ד <u>אָ</u> ן = ב י נ ש ט <u>אָ</u> ק - <u>דער, =ן.</u> <u>בנב</u> |<u>סטוטש 248</u>|.

| |
|---|
| <u>רעד</u>: געבן צו בינשטאָק! |

(?נ?) ם ד א ד א ר ך - אדור. אַזוי אָרום, דערמיט; דזוו דאַדורך.

1680 " זאלטין צדיקים ווערדן גיפונדן אין דיזר

436/1 וועלט דא דא האבן גיזונדהייט גוט אונ׳ געלט,

דען פון איבר פליסיג גוט קומט איין שטאלציר מוט

אונ׳ דא דארך קאן ער זיין פרומקייט ניט רעכט טאן".

צוכט שפיגל.

ד אַ ד ו ר ך – אַדור. (עלט) דורך דעם, צוליב דעם, [illegible],
אַזוי אַרום.

1862 " האָט ער זיך געמאַכט פאַנען זייער שיינע |...| און
437 אויף די פאַנען האָט ער געלאָזט אויפשרייבן שמות
הקודש, אז דאַדורך האָבן אים פיל מענטשן געגלייבט".
אַנ, זכרון קדושים, 1, 29.

1925 " |...| ווען איינער אונטערשטיצט דעם תלמיד=חכם,
438 דאָס ער דאַדורך מיט ווייניקער מי זיין הויז מפרנס
זיין קאָן |...|". ליכטנשטיין, 2.

1965 " ר' הירש |...| האָט דאָרט געהאַט אויך אַ צוטריט
439 צו דער מאַכט און דאַדורך באַוויזן צו פאַרבעסערן די
לאַגע פון די יידן אין יענער גובערניע".
פער 107, 733.

ם דא דורך

1722 " אונ׳ ווערשט קיין גשוועץ איבר ברעגגיין אונ׳
ווערשט קיין לשון הרע רידן אום אנדרי לייטן איר
געלט דא דורך צו בקומן". מנורת המאור, 1, דף ו׳/ב.

ד א ד י - דער, =ס. (אמ) טאַטע, פּאַפּאַ' (ס'רוב אין א ווענדונג). (?נ?)

דאַדיע - 1. ייִדישער מאַנצבילשער נאָמען.

2. (פֿעיאַ) "וועגן אַ געמיינעם מענטשן, אַ פּראָסטאַק"|קטור|. 457

% ליזאַ איז נעבעך פֿאַרפֿאַלן געוואָרן צווישן דאַדיעס,

ווי מען פֿלעגט רופֿן נחות=דרגא אין יענע ווינקלען"|קטור|.

---

רעד: דער אויסטייטש איז לויטן בײַשפּיל פֿון קאַרטל,

אָבער דער זאַמלער גיט ניט אָן וואָסערע ווינקלען...

---

(?נ?) דאַדעקאַ = ... – פּרעפֿיקס (געשריבן צוזאַמען מיטן וואָרט), באַטײַט 12; (דאַדעקאַגאָן = צוועלפֿווינקלדיקע פֿיגור; דאַדעקאַעדר = קערפּער וואָס איז באַגרענעצט מיט ~~פֿיגור~~ צוועלף פֿילווינקלדיקע פֿיגורן).

13 געוויסע טערמינען אין גראַמאַטיק.

ד אָ ד ע ר ט - אדוו. (פֿטמ) דאָ, אָט דאָ (ב׳ 1).

1913 " עמעץ האָט דאָדערט געפֿונען // אַ טרוקענעם רויזן=

470 בוקעט". בראָדערזאָן, 1, 36.

1939–1937 " פֿון אונטער מיר - אַן ערד מיט פֿלוגער [?]

471 גלוסטיק פֿאַרן אויג// און דאָדערט, אין דער הייך -

אַ פֿאַרכטיק פֿײַער". סוצקעווער, 3, 155.

1966 " כ׳ווייס דאָך, ווי עס פֿירט זיך אויף דער ערד

472 אָט דאָדערט: וויפֿל ניט געפֿלויגן, וויפֿל ניט געמיט

זיך |...|". האַלקין, 4, 61.

רעד: בײַגעלייגט אַ קאַרטל מיט אַן עטימאָלאָגישן עקסקורס, זעט אויס פֿון אַ קענער.

462

**dódert** Janky's Holvistok, mendl lifsits (neolef)

[illegible]

j

mhg. dâ + dert (= dort). Schm. I, 475: Dâdə gleichsam dardar, ebenda. " 544: dort(en) mhd. dort, dart, dert. ... Or is it: da(r)dar = *döder + t, like nájent etc.? (oct. 9, 1921)

[illegible]

ד א = ה י  -  אדוו פר. דאַ, אין דער דאַזיקער אָרשאַפּט (שטאָט, געגנט, לאַנד א"א) אָנגעוויזן דורכן דערציילער.

1938 " איך אַ וואָך אַרום וועל איך ווידער זיין דאָ=הי".

477 מאנגער, 2, 10.

1964 " זיי |די אומרוען אין האַרלעם, ניו=יאָרק| האָבן די

478 דיסקרעדיטירט די היגע נעגער=פֿירערשאַפֿט, וואָס האָט זיך פֿון אָנהייב אָן קאָנצענטרירט מיט אַלע כוחות אויף ניו=יאָרק, ווייל דאָ=הי איז געווען גרינגער צו פֿירן פּראָפּאַגאַנדע". י. ג[לאַטשטיין], פֿער 69, VII/24.

∠7 עך |=איך| און זי זעמער|=זענען מיר| די שענסטע דאָ=הי -
(איר) וועגן אַ מיאוסער פּרוי |קטוו, גאַליציע|.

□ **ד א = ה י א :**

1595 " וכן דיא לייט, דיא דא היא וואונען אן חזקה |...|
דיא זאלין דיא שמאים אויך אן ליגן |...| נאך איר 480
פֿר מעגן". קראקעווער קהילה=תקנות.

(?נ?) ם דאהין - אדוו. אהין.

1541 " |...| אירי צווייצניג לופן דאהין גאר גישווינד".

481 בבא=בוך, סטר' 260.

1697 " |...| דיא וויזל לוף דאהין אז איין גישפנטיר

482 האז". ס' משלים, דף לד- !!.

(?נ?) דאהליאד – דער, בא. (ווײַסר׳, נא)

אויפֿזיכט, השגחה, דאָס אַכטונג געבן, דאָס צוזען.

484 % "דאָס קינד איז געבליבן אָן שום דאָהליאד" |קטוו, ז. טעלעסין|.

|| דאהליאדעריןְ – די, =ס. די וואָס גיט אַכטונג אויף אַ רביצין" |קטוו, ז. טעלעסין|.

.................................................................

רעד: חוץ דעם קאַרטל געמאַכט טאַקע פֿון ז. טעלעסין איז קיין שום אַנדער מקור נישטאָ.
האָבן ייִדן אין ווײַסרוסלאַנד אַפֿט געניצט דאָס וואָרט?

.................................................................

(?נ?) ד א ה ל י א = וו א ר צ ל - דער, =ען. (באט)

מין געוויקס.

1958 " פאר איין גאנג האבן מיר איר אויך געשיקט א

פעקל דאהליא=וואָרצלען". י. ראכלין, פער 155, X /7. 485

רעד: 1) מיינט עס אַ נאָמען פון א געוויקס אָדער א וואָרצל פון אַ געוויקס? ב) אפשר איז דאס דזוו דאליע (בלום)?

דאהעט – דער, בא. (דיאל) קזוו דאיעט/דיאגעט/דזשעגעכץ.

1865 " איטלעכער |דראט| פון ערך 1/3 ליניעדיק, |...|
דערויף פלאקס און דאהעט (דזשעגעטש) געגעצט".

פער 177, ב׳ 10, ז׳ 161.

ד אַ ה ע ר - אַדוּ. (עלט) 1. דערפֿאַר, דעריבער,
אַזוי אַרום.

1867 " נאָר מייַנע עלטערן וואַרן |=זייַנען געווען|
486 געקנאַטן פֿון רבנים, און דאַהער בין איך געווען ביי
זיך אַזוי גרויס און שטאַלץ |...|". דיק, 28, 63.

ם דאהר דאהערא / דאהר

1732 " דאהערא ווען מכ"ת גוט עראַרטן טוהט אום סחורות
489 ממני צו באוורדרן, זולי וויא פר לאנגט בלי עיכוב
למכ"ת שפעדירט ווערדין". אגרת שלמה, דף יג/א.

2. דאַרט, אַהין.
490 1758 " שם - דאהר". באר התורה, קהלת, א, 7.

ד אָ ו ב ע ן - ----> דאַלבען.

ד א ו ה א |דאָ וועהאָ| - אדוו, פּר. (לל) דאס

און יענץ, געניצט אין דער פּראָזע:

0 על דא והא - וועגן דאָס און יענץ, וועגן פאַרשיידענע

זאכן, ~~פאַרשיידענע זאכן~~ (רעדן, שרייבן).

1962 " און רעדנדיק על דא והא |...| אונטערפירן א

סך=הכּל". זאקאליק, 1, 11. 503

(?נ?) דאוואד – דער, =ן / =עס. (עלט, רוס, נא)

R: gokog

באווייז, ראיה.

|אנהייבXIXי"ה| " איינר האט מיר גישריבין אז ער האט

491 שוין גאנץ גיפונדי דאוואדיס אויף איין מעשה אונ׳

ער וועט נישט רוהן ביז ער וועט עס ארויס ברענגין

בולט וויא בוימעהל אויף וואסיר". פערל, 1, 195.

1865 " און דאס איז ערשט א שאלה, אויב די פרעטענציעס

492 פונעם הערצאג וועלן קענען באגרינדעט ווערן אויף

יורידיטשעסקי |=יורידישע, רוס| דאוואדן".

פער 177, נ׳ 25, ז׳ 379.

(?נ?) ד א וו א ד ע – די, =ס. (מאלד, נא)

m: dovada

404 "צייגעניש, סערטיפיקאט"|קטוו|.

% "אויף יעדן טריט האט דער זשאנדארם געפּרעגט

אויף א דאוואדע"| קטוו|.

(?נ?) ד אַ וו א זש ע ן ז י ך - **אוטוו**. (**עלט, פֿויל, נא**)

ערוועגן זיך, האָבן די העזה, דעם מוט.

|אַנהייב XIX | " מילא איז זשע עס יוא צו גלייבן אַז איצט

498 זאל **זיך** אימצר **דאוואזשען** אקעגין זייא א בוך צו

מאכין |...|". **פֿערל** 1, 2.

רעד: ס'איז א (פֿטמ?) פֿארגרייזונג פֿון פּוילישן

odważyć się

דאָוואָטקע - די, ס. (ליטוויש, נאָ) (?ב?)

516 " א פֿרוי וואס מאַכט דעם אָנשטעל פֿון פֿרומקייט"|קטוו|.

L: davatka

רעד: די עטימאָלאָגיע איז אויך פֿון זאַמלער.

ד אַ וו אַ י - (רוסיצ) 1. אויסרופוואָרט, וואס דריקט אויס אַ רוף ענערגיש צו טאָן עפעס אָדער דעם אנהייב פון אַזא טואונג. (?נ?)

1864 " אז דאס משורר האט געעפנט דאס מויל, נו דאוואַי, מיַינער האט זיך גענומען אריַינקוקן אים אין מויל". 499

מענדעלע, דאס קליינע מענטשעלע, ציט פער 177, נ״48, ז״729.

1916 "גויים האבן זיך צונויפגעקליבן איין מאָל |...| אויף א יריד, האבן זיך גוט אָנגעשיכורט און דאוואַי שלאָגן יידן". 500

שלום=עליכם, 37, 164.

1956 " נתן, דאוואַי, הייַנט נישט טראַכטן". 501

גלאַטשטיין, 1, 160.

(?נ?) ד אַ ווויד - דער, =ן. (פֿויל, נאַ) באַווייַז, ראיה.

(?נ?) ∅ דאָווּווּד אָסאָביסטי - דאָקומענט פֿון אידענטיטעט; פּאַספּאָרט.

P: dowód osobisty

(?ב?) ד א ו י ד ז ע נ י א ! – פר. (פויל, נא) צום ווידערזען! –
אויסדרוק ביים געזעגענען זיך מיט עמעצן, ביים
אוועקגיין.

דא ווידזעניא! יוטרא נא מידלע – (פויליש) ~~טירטש~~:
צום ווידערזען זיך! מארגן אויף זייף! (שגל):
" אזוי זאלן זיך האבן געזעגנט יידן בשעת דער
514 אויסזידלונג אין וו"ג |=וואַרשעווער געטא| זומער 1942".
|בלומענטאל, פער 90, נ' XIX – 3, 1959|.

515 דאוויד=זעלדע! – "שפּאַסיק במקום "דאווידזעניא!"|קטון|.

ם דאַ וו יי ל - אדוו. דערוויייל.

1723 " דען עש אונדן פאר היישן דש אליהו ניט קומן

517 ווערט אם ערב שבת אודר ערב יום טוב דא ווייל

מן און מיסיג אין". ס' המנהגים, דף ב/ב.

(?נ?) ד אַ ו ו י ל אַ ס ט ר אָ פּ נ ס - די. (מעד) היילמיטל,

" שטאַרק ביטערליך זיסע טראָפּנס מיט אַ טעם פֿון

517 - 518 מענטש (ווסנ (TINCTURA ANTICHOLERINA

|קטוו, שס=ראַמאַן, רומעניע|.

ד א ו ו י נ ע - די, =ס. (רעג. ליטע) אַ מתנה געניצט

איך ווערטל:

אין א נאווינע א דאווינע און היינט א פייג - 520

"איין מאָל אין א יובל קריגט מען א מתנה, אבער

דערווייל קריגט מען א פייג". |פער 90, XIII - 1, ז'20|.

(?נ?) ד אַ וו (י) ע ר ע נ אַ ס ט - <u>די/דאָס, =ן</u>. (<u>רוס, נאַ</u>)

פֿולמאַכט.

R : доверенность

1865 "מיטגלידער פֿון אַ קויפֿמענישער פֿאַמיליע, וואָס

508 זענען |...| פֿאַרזען מיט אַ פֿאַרמאַלנע |=פֿאַרמעלע| ד

<u>דאווערענאַסט</u>". <u>פּעריָ 177, נ' 48, ז' 724</u>.

1908 "מיר וועלן |...| אַריינפֿאַרן צום נאָטאַריוס

507 און איך וועל אייך דאָרט איבערגעבן דאָס דאָווערענאַסט".

<u>לערנער, 1, 14</u>.

1919 "מאַני רימערס אַ פּעטער |...| האָט אַרויסגעקריגן

509 ביי איר אַ "<u>דאָווערענאַסט</u>" און האָט פּרויקען פֿאַרחתמעט

די טיפּאָגראַפֿיע". <u>בערגעלסאָן, 2, 24</u>.

ד אַ וו נ ע ן – אוטוו/(זן) טרוו, פּפּ דאַוועגען.

(איך) דאַוון, פֿאַר געדאַוונט. ווס: דאָס דאַווענען, דער דאַוון. מתפּלל זײַן צו גאָט, זאָגן די טראַדיציאָנעל באַשטימטע תּפילות פֿון סידור ~~התפילות~~ פֿאַר יעדער צײַט.

% מע דאַוונט דרײַ מאָל אַ טאָג. אין די שבתים און יום=טובים דאַוונען מיר אין דער גרויסער שול.

ער שאָקלט זיך שטאַרק בײַם דאַווענען. דאָס ייִנגל דאַוונט פֿון סידור. דער ייִדע דאַוונט שטענדיק מיטן ערשטן מנין. זיי האָבן געדאַוונט בײַם כותל המערבֿי.

דאַוונען שחרית (מוסף, מינחה, מעריבֿ). דאָס וואָכעדיקע (שבתדיקע, יום=טובֿדיקע) דאַווענען.

## דאוונען

פאַר וואָס הייסט תּפילה דאַוונען?

(1) = דאַבונג, פון אונדזערע עלטערן. ווײַל תּפילות אָבות תקנון, די דרײַ תּפילות: שחרית, מנחה און מעריב האָבן מתקן געווען אַברהם, יצחק און יעקב.

(2) = דאַ בעינן, אַז דאָס בעטן מיר. תּפילות זײַנען נאָר בקשות און תּחנונים.

ר' משולם פינקעלשטיין מהארשא, תוספות חיים; ר' יצחק ליפיעץ, דצ"ו.

ח. ליבערמאן. [illegible].

משפ XXVII, — 2

## דאַוונען.

רבי:... פאַר וואָס רופט מען די תפילות דאַוונען?
תלמיד: דאַוונען שטאַמט דאַבהיתן דאָס הייסט פון
אונזערע עלטערן די אבות הקדושים.

סוף I.

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

## דאַרוענען״.

אני קורין לתפלות היום „דאַוונען״ שהוא משובש
מן דאבותן ז״ל אבות שתקנו התפלות.

י. ד. אייזענשטאט. אוצר דינים ומנהגים, נ״י 1938
1917
ב.רייזמאן.

אייזענשטיין?

ז׳:443

ז׳ אויך: דאַוונען. 2.נ.ב.

pg 1/3 =

pg III c3

№ 94

dav^ə nen "pray, молиться" דאַוונען

dos davnen (богомолие, молитва, L.

богомольничанье - klaynerŝt fun davnen, L.

Ital. *dovinare, cf. dovenire, doventare, doventato, dovidere, dovizia.

Also cf. or-en (orare) and prey-en = praien.

182... " דער ר׳ וועלוול האט אנגיהויבן פארן עמוש שבת

524 צי <u>דאווינען</u> מיט אזונע אומגיהיירשע גישרייהן

|...| וואסיז גאר אומיגלך גיוועזן אויס צי שטייך".

<u>מאלאגא, 1, 223.</u>

1836 " |...| איך פיר עש איך גיהנם אריין צו באצאלין

525 די לייט וואש ריידין איך שול בשעת <u>דאוונען</u>".

<u>לב טוב, 3, דף 2/18.</u>

1888 " אט אזוי איז אפגעלאפן <u>דאס דאוונען</u> דעם ערשטן

526 טאג ראש=השנה". <u>מענדעלע, 3, 91.</u>

1907 " |...| איך האב יעצט מיט אייך <u>אפגעדאווענט</u>

527 שחרית, וועל איך נאך <u>דאווענען</u> |...|". <u>י. גארדין, 2, 27.</u>

|1931 - 1926| " האסט שוין געדאַוונט? טאַ גיי עפּעס

528 איבערבײַיסן". אפּאַטאַשו, 96,10 .

1965 " זײַין זאָגן קריאת=שמע איז געווען מסירת=נפשדיק,

529 און די בחורים פלעגן דאַוונען מיט בכיות בקול".

זיכערמאַן, 1, 149.

|| געדאַוונטער - געדאַוונט.

דאַוונעכץ - דאַס, בא. (איר) דאָס דאַוונען.

1929 " דאָס וואָס איך זאָג, איז אַ זאַדאַניע |=אויפגאַבע, פּויליש|

530 פון נאַוטשיציעל |=לערער, פּויליש| |...| נישט עפּעס

'דאַוונעכץ פון בוזשניצע' |= בית=מדרש, פּויליש|".

מ. ווינער, 2, 12.

**דאַוונער** - 1. דער, =ס. פֿפֿ דאַווענער. דער וואָס דאַוונט;
מתּפּלל.

1912 " אָט דאָ האָט עס דער מנין געדאַוונט. נאָך וועמען? -
דאס מאכט איבער הויפּט קיינעם פון די באַשטעלטע דאַוונערס 531
ניט אויס". מענדעלע, 24, 71.

2. "אינסעקט, מין גראָזשפּרינגער" [קטוו, י. מאַניק:
" דער דאַוונער מיטן אָפּגעריסן קעפּל שטייט אַלץ 534
און דאַוונט". ליד "דער דאַוונער"|.

1953 " תּפֿילה ווערט אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרוואַנדלט אין
א מין אָפּצאָל, וואָס קער זיך גאַרניט אָן מיט דעם 532
דאַווענערס איבערלעבעניש". גרינבערג, 1, 107.

דאוונעריך - די, =ס. פּפּ דאַוועַנעריך. די וואָס דאַוונט.

1935 " צו איר ייִנען געווענדט די נייַגעריקע אויגן

פֿון אַלע דאַוועַנעריינס". איבן אַנ, פּרימאַרגן, ז' 8. 533

דאוונעריש - אַדי/אַדוו. (שנש) פֿון דאַוונען, אויפֿן

שטייגער פֿון דאַוונען.

1963 " צום ערשטן מניין אינעם דאַוונערישן הו = האַ |...|." 533/1

א. אויערבאַך, 7.

0 דאַוונשטוב - די ≈ ≠ שטיבער. אַ באַזונדער חדר צו

דאַוונען אין אַ פּריוואַט הויז.

1967 " דעם טאַטנס דאַוונשטוב פֿון פּימסנהאַלץ אַ געשניצטער

|?|, די סטעליע געשליפֿן אין פֿון ליכטיקן קרישטאַל". 535

י. פֿרידמאַן, 4, 97.

דאַוונשטיבל - דאָס, =ען. דזוו דפוו.

1968 " |...| איז דער רבי אריין אין זיין 'דאַוונשטיבל'
|...|." מ. אונגער, פער 69, VIII/25. 536

דאַוונען אשכנז |אשקענאַז| וואָר: בנוסח אשכנז, על־פּי
נוסח אשכנז| - לויטן שטייגער פון די אַשכנזישע ייִדן.

1899 " מיר איז גאָר קיין אונטערשייד, וואָס איינער דאַוונט
אשכנז, דער אַנדערער ספרד און דער דריטער דאַוונט 625
גאָרניט... פֿאַר דעם ייִדנטום זענען זיי אַלע ייִדן".
יה"ל 4, 92.

דאַוונען ביחידות |בעיעכידעס| - 1. דאַוונען אַליין,
ניט מיט אַ מנין.

1850 " און דער מגיד |פון מעזריטש|, מחמת ער איז געווען

626 א שלאפער מאן, האט ער ניט געקענט סובל זיין דאס
געשריי |פון די דאוונער| און איז אריינגעקומען אין
שטיבל, וואס איז געווען צוגעבויט צום בית=מדרש,
ער זאל דאוונען ביחידות". אנ׳ שבחי בעש"ט, ז׳ 22 - !!.

2. (פיג) ארבעטן, שאפן אינדיווידועל, ניט אין א
קאלעקטיוו, ניט זיין אנגעשלאסן אין קיין גרופירונגען.

1959 " |...| אפילו דאן קאנען און מעגן זיך געפינען
627 יחידים, שעפערישע יחידים, וואס יעדער פון זיי
זאל שטיין אין זיין באזונדערן ווינקל און דאוונען
ביחידות". ניגער, 9, 253.

<u>דאַוונען בכוונה</u> |בעכאַוואָנע| - דאַוונען ערנסט,

מיטן גאַנצן האַרצן, קאָנצענטרירנדיק זיך אין באַטײַט

פֿון דער תּפֿילה.

1836 " |...| ער מאַכט זיך לאַנגי קליידה און דעקט איבר

זיין פּנים מיטן טלית מ׳זאָל מיינין ער <u>דאַווינט בכוונה</u>". 628

<u>לבֿ טובֿ, 3, 100.</u>

<u>דאַוונען בנוסח אשכּנז</u> |בענוסאַך אַשקענאַז| - <u>דזוו</u>

<u>דאַוונען אשכּנז</u>, דאַוונען בנוסח ספֿרד

<u>דאַוונען בנוסח ספֿרד</u> (<u>וואַר</u>: <u>ספֿרד/על=פּי נוסח ספֿרד</u>)

|בענוסאַך ספֿאַרד/אַל=פּי...| - דאַוונען לויטן שטייגער

פֿון די ספֿרדישע יידן (אגבֿ, געוויסע חסידים(אשכּנזים...)

דאַוונען אויך בנוסח ספֿרד).

1899 " מיר איז גאָר קיין אונטערשייד, וואָס איינער דאַוונט
625 אַשכנז, דער אַנדערער ספֿרד |...|". יה"ל, 4, 92.

1964 " דאָס האָט זיך געצויגן נאָך פֿון בעל=שם=טובֿ,
629 ווייַל ער האָט איבערגענומען די קבלה פֿון האר"י,
הקדוש, און דער אר"י האָט געדאַוונט על=פּי נוסח ספֿרד".
צ. כהן, פּער 155, XII/11.

דאַוונען בציבור |בעציבער| - דזוו דאַוונען מיט אַ מנין.

1935 " די געציילטע גאַרייַער גבֿירים |...| זענען געזעסן
630 אָפּגעשלאָסענע אין די דירות און פֿאַרמיטן צו דאַוונען
בציבור, נישט אָנצוקוקן די געמיינע לייַט |...|".
באַשעוויס, 1, 33.

1961 " די מיטגלידער פון דעם שניידער=און קירזנער=

631 פאראיין דארפן יעדן טאג דאווענען בציבור".

נ. מ. געלבער, יזב 13, 57.

דאווענען בתמידות |ביטמידעס| - דאווענען תמיד אין דער

זעלבער שול, אויפן זעלבן ארט.

1870 " |...| יענע האט געלט געקאסט און האבן אויך דארט

632 בתמידות געדאווענט, קומט זיי דער כבוד".

צעדערבוים 1, 29.

דאווענען השכמה |השקאמע| - דאווענען גאנץ פרי, מיטן

ערשטן מנין.

1961 " תמיד איז אין דער דאזיקער צייט געווען א מנין
ותיקין צו דאווענען השכמה, איצט איז אין בית=מדרש 633
נישטא קיין נפש". טרונק, פער 69, VI /10.

דאווענען ותיקין |וואטיקן| - דאווענען צוזאמען מיט די
ותיקין, די זייער פרומע לייט, וואס דאווענען גאנץ
פרי, מיטן זון=אויפגאנג.

1881 " גאנץ פרי זענען די מענער אוועקגעגאנגען דאווענען
ותיקין |...|". שאצקעס, 1, 91. 634

דאווענען מיט (א) ברען - דאווענען מיט עקזאלטאציע.

דאווענען מיט התלהבות |היסלאַוועס| - דזוו דפוו.

134 דא־

דאווענען מיט כוונה | קאַוואַנע| – דזוו דאַווענען בכוונה.

|1889/1886| " |...| לייג די תּפֿילין און גיי אַן א

זייט// און דאַוון מיט כוונה". י. ל. גאָרדאָן, 1, 38. 635

דאַווענען מיט א מנין |מיניען| – דאַווענען אין א גרעסערער

גרופּע, צום ווייניקסטן צען מענער (עלטער פֿון 13 יאָר).

דאַווענען פֿאַר זיך – 1. דאַווענען אַליין, אָן א מנין.

2. (פֿיג) גיין מיטן אייגענעם וועג, טראַכטן זעלבשטענדיק.

1946 " ער וועט ניט נאָכקייען פֿרעמדע רייד, "ער דאַוונט פֿאַר זיך"

ב. ראָזען, פֿער 90, נ' VI, ז' 63. 637

**דאַוונען פֿאַרן עמוד** |אַמעד| - זײַן דער פֿירזאָגער פֿון
די תּפֿילות אין בית=מדרש (ווי א בעל=תּפֿילה, א חזן).

1866 " אין דער אַלט נײַער שול |...| **האָט** דער רב
אַלײן **געדאַוונט פֿאַר דעם עמוד**". דיק, 25, 59. 638

**דאַוונען פֿון פֿאַרנט** - בײַ א מנין זאָגן שטילערהייט די
ערשטע תּפֿילות, איידער דער חזן (בעל=תּפֿילה) טרעט
אַרײַן מיט "אדון עולם".

1962 " ייִדן געפֿרווירענע |...| טוליען זיך צו דער
קאַכליע |פֿון אויוון אין בית=מדרש|, וואַרעמען די הענט 640
|...|, **דאַוונען פֿון פֿאַרנט**". ש. מילער, יזב 6, 150.

שטעלן זיך דאווענען – צוגרייטן זיך אנצוהייבן דאווענען.

1850 " און ער |...| האט זיך געשטעלט דאווענען מיט
א לב נשבר און האט זייער געוויינט |...|". 644
איבז אנ, שבחי בעש"ט, 4, 12.

1875 " און דער אלטער שטעלט זיך פאר דעם עמוד
דאווענען, ער האט מקבל שבת געווען |...|". 645
אנ, מעשה פליאות, ז' 15.

|1956?| " מען שטעלט זיך ניט דאווענען, סיידן מיט אן
ערנצטן קאָפּ, און רש"י טייטשט ' מיט אונטערטעניקייט'".
איב אנ, ליקוטי אמרים, ז' 198.

אפּכאפּן (וואר: אפּמאלן, אפּקלאפּן, אפּרייבן, אפּשאלעמוידזן, אַרײַנכאַפּן)
דאס דאווענען – אָפּדאווענען אויף גיך, ניט מיט כוונה.

1934 " אין א געוויינטלעכן טאג האט ער ארייינגעכאפּט

דאס דאווענען. ער האט געטראכט וועגן דעם וואס די 654

מאמע איז קראנק |...|". אש, 13.

1960 " שטעל זיך שוין אוועק קאכן דעם אנבייסן, איך

וועל אין דער מינוט געבן א רייב אפּ דאס דאווענען". 655

טרונק, פער 68, X /12.

שלינגען דאס דאווענען - דזור דפוור.

1868 "פאר דעם עמוד איז געשטאנען עפּעס א לאנגער ייד,

|...| געשלונגען דאס דאווענען, ווי די עשרת בני 656

המן אין דער מגילה, בנשימה אחת". פער 177, נ' 15, ז' 110.

מאריב |מאַרעך| זיין דאס דאווגען - דאַווגען לאַנג, צעציען.

איינזאַלצן א דאַווגען - דורכלאַזן אַ מאל דאס דאַווענען, ניט דאַווענען.

א פגע |פעגע| פון פארן דאווגען - ווענן אַ לאַנגוויַיליקן מענטשן, אַ נודניק, אויך ווענן אַ שלעכט מענטשן, אַן אַנשיקעניש.

ער מעג עסן פארן דאווענען - (איר) ווענן אַן אפיקורס, ווייל ער דאַוונט סיַי ווי ניט.

ער דאוונט אין צוויי פּאר תּפילין - (איר) ווענן איינעם וואס פאַרנעמט צוויי פּאסטנס, האט צווייערליי אַרבעטן.

ניט פארפעלן, ווי א ייִד פארפעלט ניט דאווענען - וועגן
א פינקטלעכן מענטשן, וואס קומט ווו· און ווען מע דארף,
וואס טוט פינקטלעך זיין ארבעט.

1864 " אלע טאג אין דער פרי האב איך באדארפט ווי א ייִד
פארפעלט נישט דאווענען, אפפירן די ציג אין טשערעדע". 664
מענדעלע, 12, 23.

דאווענען ווי אן אלטע קוזניע - דאווענען גלייכגילטיק,
אן ברען.

מיט א ייִדן איז גוט צו עסן קוגל, דאווענען פון איין סידור
און ליגן אויף איין בית=הקברות - (איר) געמיינט
אז קיין אנדערע עסקים איז נישט גוט צו האבן מיט ייִדן.

שוו: וואס מיין |=מער| מע שאקלט זיך, ווייניקער דאוונט מען.

ניט דאווענען און ניט לערנען, און פארט א גוטער ייד.

ניט געדאוונט, ניט געלערנט, אבי גאט [וואר: דעם
דעם איבערשטן] ניט דערצערנט.

אין וואס פאר א קלויז מע דאוונט, אזא קדושה זאגט מען
| וואר: שפרינגט מען|".

בעסער עסן צוליב דאווענען, ווי דאווענען צוליב עסן.

ווער עס רעדט אין מיטן דאווענען און ווער עס דאוונט
אין מיטן רעדן.

אז א יידענע קען ניט דאווענען, ציילט זי (כאטש) די שויבן
אין שול.

דא –

ם
**דבנין.**

1595 " אונ' דער שמש זול דען חזן ניט לאזן דבנין

675 ביז דער איש דער שול גיט". קראקעווער קהילה=תקנות.

1732 " זעהשטו איינם דער קין רגע לידיג גיאט פון

676 לערנין און טוט ערנצט זיין תפילות דבנין אדר

אריך |...|". עיון יצחק, 2/14.

1796 " זו וועק זעלכי פאלשי מחשבות אין זיין דאבנן

איין פאלן |...|". דרך הישר לעולם הבא. 1796

ד אָ ו נ ר אָ ק - דער, =עס. (זאאל) מין ראַק|סטוטש 247|.

143 - דא

(?נ?) ד אַ ו ו ע ל - דער, |מצ?| " אַ פּרוטה" |קטוו, בערנפֿעלד|.

523 % " ער איז קיין דאַוועל ווערט" |וויַיל|.

Doble ?

| |
|---|
| רעד: אַלץ אות באות פֿון קאַרטל... |

ד אָ ו ו ע ל ט י ק - אַדי/אדוו. פֿון דער וועלט, אויף דער ערד.

1930 " ער האָט זי באַטראַכט מיט וווּנדער, ווי עפּעס
521 נישט דאַוועלטיקס וואָלט דערשייַנען פֿאַר אים".
אַש, 11, 323.

1972 " זי גייט אַרום ווי אַ געפּלעפּטע, אַ ניט=
522 דאָוועלטיקע". צאַנין, 3, 78.

ד א ו ו ע נ ע ן - ----> דאוונען.

146 - דא

דאָ = ווענעס - אדוון. (רעג, פּוילן?)

"דאָ נישט לאַנג" |קטוון|.

147 - דא

ד אָ ו ר ע נ י ש ש ט ש ע – אדוו, פּפּ דאָוועגעששטשע.

(רעג. פּוילן?)

" דאָ ניט לאָנג" |קטוו|.

ד אָ ו ר ע ב ע ש ט ש ע - <---- **דאָווענישטשע.**

ד אָ ו ע ר ן - <u>אוטוו</u>. (<u>דיאל</u>) דויערן, געדויערן.

1886 " עס האָט <u>געדאָווערט</u> אפשר אַ שעה, ביז מען האָט

685 זי אויפגעמינטערט". <u>נערינסקי, 1, 37</u>.

(?נ?) ד אָ וו ע ר ע נ אָ ס ט - ----← דאָוויערענאָסט.

ד אָ ו ן = ט אָ ו ן - די, באַ. (אַם) די אונטערשטאַט.

1911 " אַרײַנגעפּאַלן איז ער גלײַך בײַם אָנקומען אין

686 אײנע פון די אָרעמע סטריטן פון דאַון=טאַון צו א לאַנדסמאַן". רייזען, X, 45.

1916 " שטאַרק אויסגעפּויקט |...| איבער גאַנץ 'דאַון=טאַון'

687 מיין ברודער אליהוס ווײַן, האָט אונדזער חבֿר פּיני |...|".

שלום=עליכם, 8ב, 195.

1928 " פֿאַר וואָס קומט איר אַ מאָל ניט אַרויף, אַז איר

688 זענט 'דאַון=טאַון!". אָפּאַטאָשו, 6, 174.

דאורייתא |דעארייסע| – אדור פר, פפ מדאורייתא |מידעארייסע|. 1. (וועגן א דין) וואס איז פון דער תורה (איז [אין] קעגנשטעלונג צו א דין וואס "דרבנן", ד"ה א דין וואס די ~~חכמים~~ שפעטערדיקע אויטאָריטעטן האבן מתקן געווען).

|1956?| " |...| פון די דרייַ הונדערט פינף און זעכציק מצוות לא תעשה און זייערע צווייַגן דאורייתא און דרבנן". איבז אנ, ליקוטי אמרים, דף 42. 690

2. (פיג) פולשטענדיק, אבסאָלוט, דורך און דורך.

א בור דאורייתא – א גרויסער/א פינצטערער עם=הארץ.

א גוי דאורייתא – פולשטענדיק אסימילירט, ווייסט ניט גארניט פון יידישקייט.

א טיפש דאורייתא – א גרויסער, א פארפאלענער נאר.

א נודניק דאורייתא – ~~[illegible]~~ א געוואלדיקער נודניק, אן איינגעגעסע בריאה.

דאַזאַר I - דער. ~~אַ~~. 1. מצ דאַזאַרן.

די אינסטיטוציע וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פּוילן נאָכן אָפּשאַפן אין 1821 די ייִדישע קהילות (שפּעטער איז דער נאָמען איבערגעגאַנגען אויף די באַזונדערע מיטגלידער פון דעם דאַזאַר; זען באַטייט 2).

p: Dozór.

1901 " צען טויזנט גיב אַ קרן=קימת אין דאַזאַר אַריין; דאָס פּראָצענט זאָל מען צעטיילן יעדע יאָרצייט אָרעמע לייט". פּרץ, דערצ' פיר דורות |...|". 692

... " דער וואַרשעווער דאַזאַר האָט אַרויפגעזעצט אַ קאָמיסיע פון עטלעכע פאָרשטייער אויסצואַרבעטן אַ נייעם געזעץ= פּראָיעקט |...|". פּרץ, 13, 79. 693

1947 " אין 1821 האָט מען אין גאַנץ פּוילן אָפּגעשאַפט די קהילה און איינגעפירט אַ שול=דאַזאַר (דאַזאַר בוזשניטשי)". 694
י. שאַצקי, יזב 8, 28.

2. מצ דאזארעס. א מיטגליד פון דעם דאזאר (קהילה=,
גמינע=ראש) אין פוילן (פון 1821 ביז 1939).

1883 " |...| ווי דער דאזאר מיט בינטשען גייען אזוי
ארויס פון רבס שטוב, האבן זיי זיך אין דרויסן 695
אנגעהויבן איבערצו·ווערטלען". בעקערמאן, 1, 26.

1910 " עס איז שווער זיך פארצושטעלן דעם יידן מענדעלע
|...| אן רבניצקין - פונקט ווי עס איז שווער אייך 696
פארצושטעלן זיך |...| א ווארשעווער דאזאר אן א זון
א משומד". שלום=עליכם, 26, 23.

1922 " זעסט מיט וואס פאר א לייט ער חברט זיך היינט...
ווארט, ווארט, ער וועט נאך א דאזאר אין שטאט ווערן". 697
אש, 7ב, 25.

1947 " א |...| א דאזאר אין א גלאנציקן צילינדער פארט

698 צום קהילה=שטיבל". אהרן צייטלין, 5, 118.

|| דאזאריי - דאס, בא. (שנש) דאס זיין א דאזאר, ב׳2.

1963 " עס וואלט דאס ׳דאזאריי׳ אים נישט געשאט, //

און רעכט האט ער דערויף געהאט שויך". יאנאסאוויטש, 92,1.

0 דאזארשטוב - די, =ן/=ער. דאס ביורא פון דעם

דאזאר=אמט (פון דער קהילה/גמינע).

1901 " מען זאל איבערלאזן אין דאזארשטוב א געוויסע

701/1 סומע געלט, דער דאזאר זאל נעמען אויף זיך אויפצוהאלטן

דעם קבר מיט דער מצבה". פרץ, דערצ׳ פיר דורות |...|.

ד א ז א ר !! - דער, =ן. (רוסיצ) א וואך, א פאטרול,

וואס היט א מיליטערישן אביעקט אדער פירט אן אויסשפיר.

R: дозор.

1932 " צו אונדזערע דאזארן האבן זיך צוגעגנבעט דעם

699 שונאס אויסשפירער און אפגענומען די ביקסן".

ברעגמאן, 1א, 320.

1940 " סודען זיך פארטראכט די בלעטער,// ס׳גייען

700 וואכזאמע דאזארן, // ס׳גייען שווארצע סילועטן |...|".

טאלאליי, 1, 30.

ד אַ ז אַ ר צ ע - דער, =ס. 1. (פּאַלאַנ) אַ וועכטער, ס'רוב (אין פּוילן) אין באַטייט אַ הויזוועכטער.

% דער דאַזאַרצע פֿאַרמאַכט דעם טויער פֿון הויף אויף דער נאַכט.

1957 " פֿאַרט אַרום אין דער הויף גאַטס נביא אליהו אין

728 אַ פֿייערדיקן רייטוואַגן, וואָרעם ער איז דעמאָלט

דער דאַזאַרצע פֿון הימל". ברוסילאָוו, 2, 75.

1972 " פֿאַן אַדאַם האַט דערזען דעם דאַזאַרצע אַרויסקומען

729 פֿון דער בודקע נעבן טויער". ראַזענפֿאַרב, 1, 156.

2. (עלט) דזור דאַזאָר, ב' 2.

1882 " דאס האַט גורם געווען, וואס אונדזער דאַזאַרצע,

730 ה' ש - ק האַט זיך געסטאַרעט צו ווערן אַ קוואַטיר=מייסטער".

פּער 74, נ' 41, ז' 630.

... " ר' יחיאל מישט זיך שטארק אין קהל=זאכן, נאר קיין

731 התמנות נעמט ער בשום אופן נישט אן; ער איז קיין

דאזארצע, קיין גבאי נישט, גארנישט!".

<u>פרץ, דערצ' "פון יוחנן מלמדס מעשהלעך"</u>.

1910 " אין מאנכע פון זיי ליגט נאך דער אמאליקער גביר,

732 דער פיינער בריה, דער דאזארצע, דער סוחר, דער

בעל=הבתישער ליידיק=גייער". <u>ראזענפעלד, 7, 322</u>.

ד א ז ד א נ ע ( ר ) - דער/ די. (לאקל.הארא דאק, וויטעבסקער קריי). (?נ?)

" א לאנג דערווארט קינד" |קטוור|. 737/738

.....................................................

רעד: דא צוויי קארטלעך פון זעלבן זאמלער, אויף

איינעם דאזדאנער, אויפן צווייטן דאזדאנער...

אן עטימאלאגיע איז אויך דא (אבער ניט פון זאמלער):

Долгожданный

איך בין אין איר מסופק.

.....................................................

(?נב) ד אָ ז ו ו אָ ל י ע ן - טרוו. (רוס, נאָ) דערלויבן,

R : дозволить

(דער)לאָזן, געבן רשות.

1866 " נאָר דאָס וויל איך ביי איַיך פועלן, איר זאָלט

738 אים דאַזוואָליען אַלע טאָג צו מיר אין קאַנטאָר אַרייַנגייַין".

פער 177, נ' 15, ז' 236.

(?נב) || דאַזוואָליעניע - די, =ס. (רוס, נאָ) דערלויבעניש,

רשות.

1868 " איַירע קינדער זענען נאָך יונג און איך קען קיין

739 דאַזוואָליעניע אויף |...| חופה=וקידושין נישט געבן".

פער 177, נ' 28, ז' 207.

דאַזײַן - דאָס/דער, באַ. עקזיסטענץ, דאָס עקזיסטירן, דאָס לעבן דאָ, אויף דער וועלט. % באַטראַכטונגען וועגן דאַזײַן. דער זינען פֿון דאַזײַן.

1919 " וואָס איז מיר דאָס ביסל רויך?// צי דעם דאַזײַנס גאַנצער תּוך?// אָך, לעבן לעב איך, ווי עס מאַכט זיך - // אויסגערײַכערט און פֿאַרטראַכט זיך". סעגאַלאָוויטש, 3א. 246

1930 " די ריזיקע |...| שטעט פֿון אַמעריקע, |...| ווו עס שטײַגט אויף אַ נײַ לעבן און עס שמעלצט זיך אַ נײַע נאַציע |...| איך אומענדלעכער באַוועגונג און געראַנגל פֿאַרן דאַזײַן". אײַנהאָרן, 7, 280.

1951 " |...| זייער דאַזיין אויף דער פּוילישער ערד,
געוויזן אין ליכט פֿון די פֿריִערדיקע דורות".
טרונק, 8, 143.

ד א ז י ס - דער, =ן. דזוו דאזע, ב 1.

1929 " מארפיום העלפט א ביסל, אבער דמעך דארף נעמען

764 וואס א מאל גרעסערע דאזיסן". מ. ווינער, 2.

דאזיק (ע, =ער) - דעמאנסטראטיווער פראנאם.

(דאס דאזיקע, די דאזיקע, דעם דאזיקן, דער דאזיקער)

קומט תמיד מיטן באשטימיקן ארטיקל פאר אים. קאן אבער

אויך זיין אן ארטיקל. אויב דער פראנאם איז אין דאטיוו

פון מענלעכן אדער מיטעלן מין מיט א פרעפאזיציע:

(אין(עם) דאזיקן, פון(עם) דאזיקן, מיטן דאזיקן);

דעקלינירט זיך לויט די כללים פון אדיעקטיוון.

ווייזט אן אויף דעם נאכקומענדיקן סובסטאנטיוו, ווי

אויף עמעצן/עפעס וואס ווערט אונטערגעשטראכן,

אויסגעטיילט לגבי אנדערע, אדער וועגן עמעצן/עפעס,

וואס איז פריער שוין דערמאנט געווארן.

% דאס דאזיקע קינד | נאמינאטיוו אצ פון מיטעלן מין |

ווייזט ארויס גרויסע פעיקייטן. דער לערער טיילט

אויס דאס דאזיקע קינד |אקוזאטיוו אצ פון מיטעלן מין|

מער פון אנדערע. די דאזיקע פרוי |נאמינאטיוו אצ

פון ווייבלעכן מין| קליידט זיך שיין.

ער לייענט די דאזיקע צייטונג |אקוזאטיוו אצ פון ווייבלעכן מין|.

די דאזיקע פראבלעמען |מצ. אין אלע מינים און ביגפאלן|

זיינען שווערע.

דער דאזיקער יונגערמאן |נאמינאטיוו אצ פון מענלעכן מין|

איז א גוטער סוחר.

עס געפעלן מיר די רייד פון דער דאזיקער ייִדענע

|דאטיוו אצ פון ווייבלעכן מין|.

ער האט עס געלייענט אין דעם דאזיקן בוך |דאטיוו אצ פון

מענלעכן/מיטעלן מין|. ~~ער האט עס געלייענט.~~

... " נאָך די דאזיגע רייד האט גאט ב"ה גיפּרובט צוא
אברהם און האט אים גיהיישן ער זאל מקריב זיין 749
זיין זין יצחק". קב הישר, 6,

1884 " |...| עס גייט אויך איבער אַ גרויל אַנקוקנדיק
דאָס דאזיקע פּאלק |...|". מענדעלע, 25, 10.

1888 " און דרום |=דעריבער| קוק איך מיך אַלץ מער
אײַן אינעם דאזיקן שיינעם |...| בילד". 750
י. דינערזאָן, פּער 75, 248.

1901 "די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך |...| געפינט
זיך פּונקט אין דער מיט פונעם געבענטשטן 'תחום' 751
|...| און דער נאָמען פון דער דאזיקער באַרימטער
שטאָט איז כתרילעווקע". שלום=עליכם, 17, 9.

1943 " אין טייל פֿאלן איז די צאָל פֿון די דאזיקע

752 פֿאלשע טײַטשן געווען אזוי גרויס |...|".

נאבל, 1, 37.

ם דאזיג/דאזיגי.

1626 " רשי מכט מיר געפינדן אין דער דאזיג פרשה

752/1 צייכן נעבן דיא ווערטר אין דיא גרושן עשרים וארבעות

|...|". ס' המגיד, 1, תהילים, קז - לב.

1661 " אונ' דש דאזיג זייך דיא רידן דיא דא זייך

752/2 אין דר גישריפט |...| אונ' דש דאזיג איז איר ביטייטונג".

יוסיפון 2, דף יא.

1743 " |...| זיא אן זיין קנעכט זאלן צו ווישן טאן אלי

752/3 דיא דאזיגי זאכן |...|". שאירת ישראל, דף לד.

ד אַ ז י ר ן - טרוו, פֿאַר דאַזירט. דאָס אָפּמעסטן, אויסטיילן די דאָזע(ס) פֿון אַ היילמיטל א"ע.

% דער דאָקטאָר דאָזירט די רפֿואה לויט דעם מצבֿ פֿון קראַנקן.

1923 " מיט דער הילף פֿון צאָלרייכע |...| שטודירונגען |...| האָט מען געפֿינען דעם מיטל ווי אַזוי צו דאָזירן |...| דעם סכום שטראַלן". פֿער 151, נ' 2 - 3. 779

|| דאָזירונג - די, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דאָזירן.

1929 " דאָזירונג: 3 מאָל טעגלעך צו 10 - 20 טראָפּנס מיט וואַסער". פֿער 71, נ' 3.

980

ד א ז ן - פֿראַנ, נאר אין איראנישן אויסדרוק:

◻ דיזן=דאזן/אדער דיזן=דאזן, דאס און יענץ - פֿארשיידענע זאכן.

171 - דא

(?נ?) ד א ז ן I - דער, =ס. (אמ) טוץ (צוועלף).

(?נ?) ד א ז ן !! - מצ, (רעג, האלאנד) "גרויסע סכומים

983 דימענטן פארקויפט דורכן אדער געקויפט ביים לאנדאנער

סינדיקאט" | קטוו, ד. ראבינאוויטש |.

"האלענדיש=פלעמיש - "Dozen

דאָזע I – די, =ס,/=ן. פֿפּ דאָזיס. 1. אַ באַשטימטער

סכום פֿון אַ היילמיטל, וואָס מע דאַרף אײַננעמען

פֿאַר איין מאָל אָדער במשך דעם מעת לעת.

1929 " געדענקען וועגן פֿלעגן די ציינער און דעם

765 מויל=חלל, און אין די אַנטשפּרעכנדיקע פֿאַלן אָנווענדן

גרויסע דאָזעס פֿון סאַליציליאַטן |...|". פער 72.

1967 " אַן איבער=דאָזע פֿון אַספּירין קען דערפֿירן צו

766 פֿאַרגיפֿטונג". א. בלוישטיין, פער 69, II/23.

2. אַ באַשטימטער סכום פֿון אַ פֿליסיקייט, שטאָף, געמיש,

מאַטעריאַל.

1933 " עס איז אויך ניט פעסטגעשטעלט, ווי אזוי זײַנען

768 די גיפּטמישער אין אלטערטום געקומען דערצו, זײַ

זאלן וויסן גענוי די טויט=דאזע פון אלערלײַ סמען".

פּערלמאן, 1, 16.

1972 " זײַן טעגלעכע דאזע פון ציגארן איז פון פיר א

767 טאג אויסגעוואקסן ביז צען א טאג". ראזענפארב, 1, 486.

3. (פיג. וועגן אן אבסטראקטן באגריף) א באשטימטער סכום

פון עפעס. % אין דער ידיעה פון דער צײַטונג איז דא

א היפשע דאזע פון גוזמא און פאנטאזיע.

1916 " די שטיפמאמע |...| האט |...| געקוקט אויף דעם

769 |...| שטיפזון מיט א געוויסער דאזע פון רעספעקט".

שלום=עליכם, 38, 155.

1945 " דערנאָך לויפֿן ייִאוש=ידיעות// און שטענדיק אײַן
770 גרעסערע דאָזן". סעגאַלאָוויטש, 9, 99.

1959 " |...| און די - אמתע, ניט צו גרויסע - דאָזע
771 פֿון נאַציאָנאַליזם, וואָס זי |די סאָוויעטישע רעגירונג|
האָט בשתיקה אָנגעהויבן צו דערלויבן די נאַציאָנאַלע
מינאָריטעטן |...|". ניגער, 9, 320.

פּושקעלע

דאָזע !! - די, =ס. (עלט) אַ צו האַלטן טאַבאַק; טאַבאַקערקע.

... " געקומען צו איינעם אַ גאָלדשמיד אום צו קויפן ביי אים איינע גאָלדענע דאָזע (טאַבאַקירקע)". 777

דיק.

רעד: דאָס קאַרטל איז נאָר אונטערגעצייכנט "אמד" - די קירצונג פאַר דיק; אָבער ניט זיכער, צי ס'איז אַזוי, קיין אַנדערע דאַטן זיינען ניטאָ. פון וואָסער מעשה זיינער?

1960 " |...| פאַרן חתן איז נאָך געפאַלן אַ לעדערנע דאָזע אויף טוטין". טיגער, 1. 778

ד א ז ע ד י ק ע - פראנ. (פטמ) דאזיקע. (?נ?)

1924 " לאנג וועט עס נאך געדויערן אזוי, דאס דאזעדיקע,

984 לאנג?". ע. ווארשאווסקי, פער 100ב, 33.

178 דא -

(?נ?) דאָזען - אוטוו. (דיאַל? רעג? עלט?), איַינדרימלען,

D: Dösen                    985

אײַנדרימלען, ווערן.

| רעד: דאָס קאַרטל איז אונטערגעשריבן פֿון בערנפֿעלדן. |
|---|

(?נ?) ד א ז ע ר - דער, =עס. דזוו דאזאר ד.

1926 " און עס חלומט זיך אים געוויס, ווי מען קלויבט

986 אים אויס דאזער איך שטאט". אפאטאשו, 5, 111.

רעד: גיכער איז עס ניט קיין פּפ, נאר אן אנדער

אויסלייג.

ד אָ ז ש – דער, ־ן. דער הויפּט פֿון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק אין מיטלעלטער.

1913 " דער גאַנצער חילוק |...| צווישן אַ דאָזש

987 טעקסט: דאָזשע|פֿון ווענעדיג און אַ הײַנטיקן מער פֿון אַ פֿראַנצויזיש שטעטל |...|". איבן מעריסאָן, 1, 258.

... " ווײ – ווײ, אַ גרויסער דאָזש פֿון ווענעדיג

988 דער שטאָט!". בראָדערזאָן, 8, 167.

(?ב?) ד אַ ז ש י ו אַ צ י ע - די, בא. (פּויל, נאַ) אַ סומע געלט וואָס ווערט פֿאַרזיכערט אין אַ צוואה אויסצוצאָלן רעגולער עמעצן פֿון די יורשים, ווי לאַנג ער לעבט.

... " זי האָט נאָר אַ זעקסטל 'דאַזשיוואַציע'".

990 פּרץ, 4א.

דאט I - דער, =ן. (ס'רוב אין מצ). 1. צאָלן/ווערטן, באקומען דורך מעסטונגען, אויסרעכענונגען, ציילונגען, פאָרשונגען. % סטאַטיסטישע דאַטן. וויסנשאַפטלעכע דאַטן. אויסשעפּיקע דאַטן. די דאַטן פון דער פאָלקסציילונג.

1947 " וועגן דעם וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו זיינען נישטאָ קיין גענויע סטאַטיסטישע דאַטן". יזב 8, 23.

2. (מאָט) די גרייסן/צאָלווערטן וואָס ווערן געגעבן צו לייזן אַ געוויסע אויפגאַבע. % עס פעלן דאַטן צו לייזן די גלייכונג.

0 דאַטנבאַנק - די, ~ בענק. (נש) אינסטיטוציע, צענטראַלע וואָס זאַמלט, באַאַרבעט, באַדינט מיט דאַטן.

(?נ?) ■ דאט !! - ד̶ז̶ו̶ר̶ טאַט, פּאַקט.[?]

... "ביגערט דער א ווענגן אן זיא |...| זעלבשטן צו
994 זיא קומין אום זיך אין דער דאַט צו ערקונדיגן, אוב
זיך דיא זאך אלזו פר הלטיט |...|". שילדקורגר
זעלצאמי |...|, באפ 17.

1734 " זייך דש ניט דיא אורזאך פון איר טוגנד אונ'
995 שענה גאַט האבן זיך פר אורזאכט צו דיזר שטאט".
לשון זהב, ז' 6.

.....................................................

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

.....................................................

(?נ?) ד אָ ט - דער, =ן. (רוסיצ) פּאַרפעסטיקטע שיס=פּאָזיציע

|אפּקירצונג פון רוסישן מיליטערישן טערמין

Дот – долговременная огневая точка.

1948 " איינע דאַרפן צווינגען די דײַטשן ניט אַרויסצוקריכן

1001 פון זייערע דאָטן |...|". לעוו, 1.

1956 " פאַרוואַנדלט דער וואַרשטאַט געווען איז אין א

1002 דאָט, // אין יעדן דאָט האָבן דעטאַלן זיך געפורעמט".

מאַרקיש, 11, 346.

(?נ?) ם ד אָ ט אָ - אדוו. איצט, היינט (צו טאָג).

1739 " אונ' איך בשטענדיג בלייבן קען, דיך פר לייטין

996 וויא ביז דאטא צו ריהמן". ס' מבחר הפנינים,

דף כג - !!.

1769 " וואן זיא ווערן לעזין דש קליין ביכליין זא ווערן

997 זיא פינדן וואו דיא קברי קדושים דאטא פר הנדן זיין".

ס' ידי משה, הקדמה.

1774 " נו, וואונדרט מיך ניט וויניג דז איך אויף

998 מיין פיל פעלטיג שרייבן ביז דאטא נאך קיין תשובה

ער הלטן האב". חנוך לפער, דף ו' - !!.

ד אָ ט אַ צ י ע - די, =ס. צוטייל, סובסידיע.

1971 " |...| עס ווערט אויך אָוועקגענומען |פֿון יידישן

1004 טעאַטער אין מאָסקווע| די רעגירונגס=דאָטאַציע,

וואָס ער האָט באַקומען אין משך פֿון זיין עקזיסטענץ".

י. שיין, 2, 163.

ד א ט ו ם - דאס/דער, =ס. (עלט) דזוו דאטע.

1846 " דיא דאטומס |...| דאס גצאל, דאס געוויכט

1005 אויף דיא דאצו געדרוקטע בילעטן, וועלכע ער להסוחר

אבשיקט |...|". תקנות להשומרים |...|".

1936 " עס דערמאָנט איַיך באַלד// דער פאַרצאַרנטער הערבסט=

1006 האַרבזאַנט// אַן ביטערן דאַטום |...|". ליעסין, 2, 224-225.

1947 " אַן אויסגראַווירט בלעטל: דער דאַטום און דאס

1007 אָרט, ווען און ווו דער הירש איז געטייט געוואָרן".

לייוויק, 9, 77.

ם דאטום - דזוו דאטא.

1752 " אויף אלים האב איך רעכטי חרטה פון אן פאנג אן

ביז דאטום". ס' עץ חיים, דף נט- 3.

(?נ?) ם ד א ט י - דזור דאטא.

1723 " |...| האט מן ביפאלן דאז אורט ווידר צו מויארן

1014 ביז דאטי קאן קיינר ניט אהין קומן". שמחת הנפש I, דף לז/ג.

דאטיוו - דער, =ן. 1. דער גראמאטישער בייגפאל (קאזוס) פון סובסטאנטיוון, (אדיעקטיוון) און פראנאמען, וואס פירן אויס אין זאץ די פונקציע פון אומדירעקטע אביעקטן אדער פון געוויסע אומשטאנד=באשטימונגען.

% די פרעפאזיציעס מיט, אין, ביי קומען מיט סובסטאנטיוון אין דאטיוו.

1939 " אזא אומבולטער קלאנג |ריש=קלאנג| קען ניט שאפן דעם אונטערשייד צווישן דאטיוו און אקוזאטיוו פון ווייבלעכע אדיעקטיוון און ווייבלעכן ארטיקל".

י. מארק, פער 92, נ' 3.

2. (פיג) א ווארט וואס שטייט אין דאטיוו=בייגפאל.

% אין דעם זאץ זיינען דא צוויי דאטיוון.

**דאטיוויש** - אדי. שייך צו דאטיוו, וואס איז אין דאטיוו=בייגפאל. % סובסטאנטיוון=נעמען האבן **דאטיווישע** ענדונגען; ~~למשל:~~ צו מאטלען, מיט גאלדען.

**דאטיוו=אביעקט** - דער, =ן. אומדירעקטער אביעקט (אין זאץ). %די מאמע גיט דעם קינד א מתנה - אין דעם זאץ איז "דעם קינד" א דאטיוו=אביעקט.

**דאטירן** - טרוו, ~~פאר דאטירט~~. 1. שטעלן א דאטע, פארזען מיט א דאטע (א בריוו, א דאקומענט אד"גל).
% די פאסט דאטירט אלע בריוו מיט א שטעמפל. דער דאקומענט איז דאטירט (פון) 10טן יוני.

... " די עלטסטע נאטיץ וועגן יידישן טעאטער איז דאטירט
פון יאר 1938 |...|". י. שאצקי, פער 94, נ׳ XIV-1-2, ז... 1019

2. באשטימען/אנגעבן די צייט ווען עפעס איז אויפגעקומען אדער צו וועלכער צייט עס געהערט. % די ארכעאלאגן דאטירן די אויסגעגראבענע כלים צו/אין דער תקופה פון בית שני.

3. אנהייבן זיך פון א געוויסער צייט. % זייער מיטארבעט דאטירט נאך פון פאר דער מלחמה.

1947 " דער אַנהייב פון ס"ס |=סאָציאַליסטן=סיאָניסטן|
איך טשענסטאָכאָוו קען דאַטירט ווערן פון יאָר 1902".
יזב 8, 115.

|| דאַטירונג - די, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פון
דאַטירן, צב'1 - 2.

1957 " פוקס זאָגט, אַז דאָס איז אַ קאָמעדיע'פּונעם'סוף 18טן י"ה.
איך זע ניט אויף וואָסער סמך ער זאָגט דאָס, און מיר 1020
דוכט, אַז מיין דאַטירונג איז פּינקטלעכער".
מ. ווײַנרײַך, פער 90, נ' XVIII - 2.

דאַטירט - פאַדי. וואָס האָט אַ דאַטע. % דעם שלעכט דאַטירטן
טשעק האָט די באַנק ניט אָנגענומען.

1923 " |...| וואַלט אַזא געלערנטער |...|געמוזט קעמפן

1021 קעגן |...| שוועריקייטן, ווי אייגער וועלכער וואַלט

וועלן באַש טימען דעם אָרט און צײַט פון אַן אומדאַטירטן

כתב=יד". איבן זעליגמאַן, 3, 49.

ד אָ ט י ר ן - טרוו. געבן אַ דאַטאַציע, סובסידירן.

% די רעגירונג דאַטירט דעם טעאַטער מיט אַ היפּשער סומע.

(?נ?) ד א ט ל ם - דער, =ס. (באט) טייטל. מהד: Datel.

1025 ... "ותמרות - און דעטלש, כעין תמרים". רייכלין8, מלכים א, ו-כט.

0 דעטלבום - דער, טייטלבוים.

... " תומר - איין דעטלבום, אילן נושא תמרים".

1026 רייכלין 8, שופטים, ד - ה.

רעד: אפשר ניט געבן קיין באזונדערע פאזיציע
נאר געבן די ציטאטן ביי "טייטל"?

(?נ?) ד אַ ט ס אַ ל/ ד אַ ט ׳ס אַ ל - אדוו פר. (אמ)

דאָס איז אַלץ, (און) גענוג.

1928 " וואָס מיינט איר? די שיפּס, די ראַקעפּעלערס |...|

זענען מלאכים? פּונקט אַזעלכע בשר=ודמס ווי מיר!

אלא=מה? האָבן אַ חוש פֿאַר ביזנעס, דאַט׳ס אָל!".

אַפּאַטאַשו, 7, 54.

דאַטע - די, =ס/(זן) =ן. 1. די קאַלענדאַרישע צײַט
(טאָג, חודש, יאָר) פון א באַשטימטן אַקט, געשעעניש,
דאָקומענט. שטעלן די דאַטע אויף דער בריוו. באַשטימען די
דאַטע פון דער קאָנפערענץ. אויף דעם כתב=יד איז די
דאַטע ניט אָנגעגעבן. די דאַטעס פון געבוירן שטימען
ניט אויף אַלע זײַנע דאָקומענטן.

1945 " א דאַטע, וואס איז א דאַטע? - // מען קאָן עס
1033 דאָך לײַכט איבערדרוקן". טעגאַלאָוויטש, 9, 37.

1959 " פאַקטיש זײַנען די כראָנאָלאָגישע דאַטן נישט מער
1034 ווי גראַפישע צייכנס פאַר געוויסע עטאַפּן אויף דעם
פּאַעטס וועגן און אומוועגן". ניגער, 9, 201.

2. (עלט) צײַט, תקופֿה.

1863 "...| איך ווייס שוין פֿון אַלטע דאַטע זײַנען
1035 די יהודים זייער טייער בײַ דעם הײליקן מאַן |...|".
דיק, 9, 6.

3. (פֿיג) טאָג/יאָר פֿון אַ וויכטיקער געשעעניש. % היסטאָרישע
דאַטע. % פֿײַערן די דאַטע פֿון דעם שרײַבערס יובל.

1947 "מיטן אָנקומען פֿון דער טרויעריקער דאַטע פֿון
1036 14טן יוני 1940, ווען די היטלעריסטישע אַרמייען
האָבן אַרײַנמאַרשירט קיין פּאַריז |...|".
ד. ווראַצלאַווסקי, יזב 8, 356.

1972 " וואַלט אונדזער פֿאָלק געווען פֿול און גאַנץ,
|...| וואַלט די דאַטע הונדערט יאָר דוד פּינסקי געווען
א גרויסער פֿאָלקס=יום=טוב |...|". א. אויערבאַך,
פער 38, נ׳ 76, ז׳ 119.

0 דאַטע=שטעמפּל - דער, =ען. א שטעמפּל וואָס גיט אָן
א דאַטע, ב׳ 1. % אין דער פּאָסט און אין באַנק זיינען
דאָ דאַטע=שטעמפּלען.

ד אַ ט ש - דער, =ן. (דיאַל/איר) דייטש.

1908 " מײַן װײַב איז געװאָרן אַ דאַטשקע. // און איך בין געװאָרן אַ דאַטש". ראָזענפעלד, 2, 285.

1048 || דאַטשון - דער, =עס. (דיאַל, שלש) דײַטש |י. לינעצקי|.

דאַטשקע - די, =ס. װײַב פון דאַטש. |ראָזענפעלד, 2, 285|.

201 דא -

ד אָ ט ש נ י צ ע – די, =ס. ווע פֿאַר דאַטשניק. :

% די דאַטשניצע גייט שפּאַצירן אין וואַלד. טוביה דער

מילכיקער האָט באַגעגנט צוויי דאַטשניצעס פֿון בויבעריק.

ד א ט ש נ י ק - דער, =עס, ווע דאטשניצע.

שטאט=איינוווינער וואס איז /קומט אויף דאטשע, אויף א זומער=וווינונג. % דער דאטשניק ברענט זיך אפ אויף דער זון. אלע דאטשניקעס האבן צוגענומען אין וואג.

1914 " דאס הייזל געפינט זיך אין וואלד, פון וואנען עס דערטראגן זיך געשרייען און אויסרופן פון די דאטשניקעס". 1048
דאלגאפאלסקי, 3, 75.

1960 " די דאטשניקעס זענען איידל געפאטשקעט און ווילן אויף אנבייסן נאר אייער=בייגל". סיימאן, 2, 232. 1049

דאַטשע - די, =ס, פּקפּ דאַטשקע. 1. הויז/וווינונג
וווּהין שטאָט=איינוווינער קומען צום אָפּרוען זיך
און פֿאַרברענגען; זומער=וווינונג. % די דאַטשע
שטייט אין מיטן וואַלד. די משפּחה האָט געדונגען אַ
דאַטשע ביי אַ פּויער פֿון דאָרף.

1928 " האָט ר' מאיר |...| געקויפֿט די דאַטשע נאָך איידער
1055 עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט=מלחמה". ספּעקטאַר 33,4.

1934 " די דאַטשעס |...| זיינען אין גרעסטן טייל פּריוואַטער
1056 קליין=אייגנטום און דער שטאָטישער דינגט זי אויפֿן
סעזאָן ביים באַלעבאָס פֿון דער דאַטשע". מין, 1, 53.

2. אָרט, געגנט פֿון אָפּרו.

1963 " אַ שטילער און גערדיכטער רעגן האָט ארויסבאַגלייט
1057 זײַן ווײַב פון דאַטשע". גראַדע, פּער 69, X/9.

1968 " אַטוואַצק איז נישט געווען בלויז אַ קוראָרט,
אַ דאַטשע פֿאַר וואַרשעווער ייִדן |...|".
מ. רעכטמאַן, יזב 2, 399.

3. (פּיג) אַפּרו. % נאָך אַזאַ קראַנקייט דאַרף ער נייטיק
אַ דאַטשע. די דאַטשע האָט זײַ געזונט געמאַכט.

1958 " סקעפּטיציזם - האָט דעפֿינירט עמנואל קאַנט |...| —
1058 איז אַ דאַטשע פֿאַרן שׂכל |...|". ביקל, 1, 207.

0 דאטשעארט - דאס, ~ ערטער. געגנט ווו ס'זיינען
דאָ דאטשעס, ב' 1.

1968 " יעדן טאָג פלעגן יידישע קליינהענדלער פירן
פּראָדוקטן צו די דאטשעערטער". י. זלאטקאָווסקי,
יזב 2, 709.

/7 זײַן (זיצן, אָוועקזעצן זיך) אויף דאטשע - אָפּרוען
זיך אין אַ זומער=וווינונג.

1895 " |...| אוי, ווערט מען אויסגעריסן! ניט אַזוי
ווי יענע, למשל די יעהופּעצער נגידים, מיין איך, 1059
וואָס זיצן אין בויבעריק אויף די דאטשעס".
שלום=עליכם, 7ב |קאַפּיטל 1|.

1921 " אויף דאטשע געווען:// א טייכל געזען,//
געבאדן זיך דארטן// געוויס א מאל צען". 1061
סעגאלאוויטש, 6, 40.

פראווען דאטשע - דזוו דפוו.

1964 " |...| אט הייסט דער אדון אליין דאטשע פראווען.
טא וואס קרימען זיך?". י. קאפלאן, 1, 244. 1062

פארן אויף דאטשע - פארן זיך אפרוען אין א זומער=וווינונג.

... " האט מיך אויך אנגענומען א יצר=הרע: איך וויל
אויך פארן אויף דאטשע". שלום=עליכם, 5ג, 88. 1063

207. – דא

דאַטשעווען – אוטוו, פֿאַר גערדאַטשעוועט. 1073

(שש, איר) פֿאַרן אַפּט אויף זומער=וווינונג, פֿאַרברענגען לאַנג אויף אַ דאַטשע. % זיי זייַנען רייַכע מענטשן, קאָנען זיי זיך פֿאַרגינען צו דאַטשעווען אַ גאַנצן זומער.

208 - דא

(?נ?)    ד אַ ט ש ע נ י ק - דזוו דאַטשניק.

1968 "עס איז שווער געווען צו דערקענען, ווער עס איז אַ דאַטשעניק, אַ גאַסט אין פּענסיאָנאַט, צי אַ שטענדיקער איינוווינער". מ. רעכטמאַן, יזב 2, 408. 1074

ד אַ ט ש ע ר - |דער?|, |=ס?|. מײן חלק |סטוטש 258|.

ד א ט ש ק ע I - די, =ס. פּקפּ פון דאַטשע.

(?נ?) ד אַ ט ש ק ע !! - די, =ס. "אַ בינטל לײַוונט וואָס מע פֿאַרטײלט די סאָלדאַטן"|קטוו|.

| 1076 | רעד: דערקלערונג פֿון אַ זאַמלער אויף רוסיש. |
|---|---|

1077 ד א ט ש ק ע ן ז י ך - אוטוו. דזוו דאטשעוועז.

ד אָ י – צאַלוואַרט. (קצבֿיש) צוויי |סטוטש 259|.

214 דא -

ד א י א - די, בא. געקירצטער נאָמען (אין שפּאַניש)

פון דער פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ פון די ייִדישע קהילות

אין אַרגענטינע.

Delegacion de Asociaciones Israelitas
Argentinas

215 - דא

דאיאַנקע - די, =ס. (וור, נא) שעפֿל צו מעלקן קי.

1949 " |...| איז געזעסן אַ שיקסע און געצויגן פֿולע

1079 ראַזאָווע אײטער|ס| אין אַ הויכער דאיאנקע אריין".

שניאור, 11, 242.

ד א י ב נ י ע - ----> דאבניע.

217 - דא

(?נ?) ד אַ י ג נ אָ ר ע - דער, =ס. (ליטוויש) "מענטש וואָס

1109 איז זשעדנע, פֿאַרלאַנגט אַ סך" |קטוו|.

דאַיל - דער, =ן. (כלש, אויך אַקטיאַריש) אַ באַוויַיבטער
1110 מענטש. (ס'איז אַן אַנאַגראַם פֿון "יאַלד")
|טריוואַקס, פֿער 33, 108|.

1113 ||דאַילעווקע - די, =ס. (כלש) אַ חתונה=געהאַטע פֿרוי
(אַנאַגראַם פֿון "יאַלדעווקע") |דצוו; נ"ה. פּרילוצקי, 277,3|.

219 דא-

דאַ י נ י צ ע - די, =ס. פּאַ דוּניצע. אַ הילצערנע כּלי, וווּהין מע צאַפּט אַרײַן די מילך בײַם מעלקן אַ קו.

% די פּויערטע מעלקט די קו אין אַ דאַיניצע.

די דאַיניצע איז שוין פֿול מיט מילך.

1850 " צו פּודגרי פּיס |...| זאָל מען דעם מאַהין רייבין

1094/1 אין דוניצי און צו געבין אביסל זאפּרין און פּרואין

מילך און צו לייגין צו פּודגרעצני פּיס |...|".

אנ, תעלה ארוכה,

1927 " שווימט די מילך אין דער דאַיניצע,בלעזלדיקע

1094 מילך". א. אויערבאך, 1א, 18.

1951 " באַשע האָט אויסגעמאָלקן די בהמה,אַרײַנגעטראָגן

1094/2 די דויניצע מילך אין שטוב". שעלובסקי, 2, 202.

1953 " אוי, ביסטו אַן אויסגעפּאַשעטע בהמה! איין בריק -

און די קערסט איבער די גאַנצע דאַיניצע". 1095

ברוסילאוו, 1, 87.

אַז דער מאַן איז אַ דייך, איז דאָס ווייב אַ דאַיניצע -

שפּאַסיק ווערטל, געבויט אויף אַ וואַרטשפּיל: דייך

|ארויסגערעדט דרום=אוקראַיניש-מאַלדאַוויש "דאַיען"|

- "דאַיניצע".

שוו: אַז די קו ווערט איין כעס, קערט זי איבער די דאַיניצע -

ווען אַ מענטש איז איין כעס, לאָזט ער אויס דעם צאַרן

דורך ברענגען שאַדן.

ד א י נ ע – די, ס.= פא דוינע. מאלדאווישער טרויעריקער

פאלקס=ניגון, ס'רוב פון פאסטעכער. % דער פאסטעך

שפילט א שטילע דאינע .

1918 " הערט דער פרוט און הערט דער דניעסטער// די

1098 צעצויגן שטילע 'דאינע",// הארבסטטעג אויף די ברייטע

סטעפעס//זענען טרויריקע אזוינע". א. אויערבאך, 1, 134.

1960 " דאס דראבנע פעטערל, יונה |...|// האט ארויסגעכאפט

1098/1 א פשויער |?| און ס'האט צעכליפעט זיך א דוינע".

י. פרידמאן, 2, 16.

1963 " אין דער פאזעכע דאס דאינע= פייפעלע באהאלטן |...|".

1099 מ.מ. שאפיר, 1, 15.

(?נ?) ד א י ס - דער? בא. (ענגליש, נא) ווערפּלשפּיל.

1948 " זיצן אין א ווינקל און שפּילן אין דאיס".

1087 י. י. שוואַרץ, 3, 231.

ד אָ י ע ט - דער, בא. שמירעכץ, געניצט צו שמירן די

Uk: gbororb

אַקסן פון וועגענער; ד״שעגעכץ.

1929 "סע קומען פויערים און ס'קומען בעל=עגלות, |...|

סע שמעקט מיט דאַיעט און מיט פרישע פעלן".

גראַס, 1, 76. 1088

1935 " עס האָט געשמעקט מיט דאַיעט און וואָגן=שמירעכץ".

נאדיר, 8, 59. 1090

.................................................

רעד: 1) "~~ד" און~~ דער \[די און\] "ט' דארפן מסתמא זײַן ווייכע.

2) אין דער ציטאַטע פון נאַדירן איז אויפן קאַרטל

דא "דאַיעט" , מסתמא אַ גרײַז פון איבערשרײַבער

אָדער פון דרוק.

אגב: "דאַיעט"(דזשעגעכץ) און וואָגן=שמירעכץ"

איז איינס און דאָס זעלבע...

ד אַ יִ ק – אדי/אדוו. 1. פֿון הי, היגער, פֿון דעם
געגעבענעם אָרט (שטאָט, געגנט).

1949 "צי זײַט איר נישט פֿון דער ליטע? נײַן? א שאָד...
1115 איר זײַט א דאַיִקער". שפּיגל, 2, 61.

1970 "קײנער פֿון די פּויערים האָט בשום אופֿן נישט
1116 דערקענט דעם ייִד, כאָטש זײַענדיק זיכער, אז ער
איז א דאַיִקער". א. פּײַוולאַוויטש, יזב 7, 307.

2. שײַכדיק צום געגעבענעם לאַנד, לאָקאַל, אָרטיק.

1954 "מיר באַטייליקן זיך אין אלע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע
1117 אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן א שײַכות |...| צו אונדזער
דאַיִקן לעבן אין ארגענטינע". י. עפּלבוים, יזב 10,718.

1963 " דער גאנג פון די געשעענישן |...| איז אוועק

1118 אין דער ריכטונג פון מער און טיפער יידישקייט

און נענטערער בונד מיטן אויפבוי פון א יידיש לאנד.

דער ארבעטער=רינג איז געווארן יידישער, און דער

פארבאנד - ציוניסטישער.|...| אבער| דער ארבעטער=רינג

איז פארבליבן דאיק, דער פארבאנד - דארטיק".

ב.צ.|גאלדבערג|, פער 69, 15/XII.

3. פון דער רעאלער, עקזיסטירנדיקער וועלט, פון דער

רעאליטעט.

1928 "ווער האט דאס א מאל מיט ניט=דאיקס // דאיקע

1119 שיינקייט פארגלייכט!". קושניראוו, 2, 67.

1934 - 1937 " כ'ווייס, ביסט דא, ביסט דאיקער

1120 פון דא". סוצקעווער, 1, 135.

1959 " א גאַנג פֿון אַ וווּנדער=געשיכטע,// פֿון דאַיק ניט=דאַיקע העל בלויע צײַטן". לייוויק, 12, 135.

|| **דאַיִזם** – דער, באַ. שיטה אין ייִדישן פּאָליטישן לעבן, דער עיקר צווישן ביידע וועלט=מלחמות, האָט געפּרעדיקט די אידעע, אַז מע דאַרף זיך אָריענטירן אויף דעם אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן לעבן אין דעם לאַנד וווּ ייִדן זײַנען דאָ, אין די תּפֿוצות און ניט אויף ארץ=ישׂראל. די דאַזיקע שיטה האָט פֿאַרטראָטן דער עיקר דער "בונד".

**דאַיִסטיש** – אַדי. וואָס גייט מיט דער שיטה פֿון דאַיִזם.

1968 "איך נאָך א שווערערן מצב האָט זיך געפֿונען די

צווייטע נאַציאָנאַלע שטרעמונג, די אַזוי גערופֿענע 1121

"דאַיסטישע", וואס איר רעפּרעזענטאַנט איז געווען דער

בונד". צאַניך, פּער 38, נ' 62, ז' 51.

דאַיקייט - די, בא. 1. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן

דאַיִק, ב' 3.

1929 " וויגן זיך די פֿיצלעך לעבן אויפֿן שוואַכן אומרו//

צווישן אום און רום און דאַיקייט". אלף כץ, 1,35. 1122

1936 " איך וויל לויבשפּילן צו מײַן גאָט און מײַן

דאַיקייט". איבז גראָס, תהילים, קד - 33. 1123

2. דזוו דאַיזם.

1965 "ווי די טריבונע פון דער "יידישער פאָלקספּארטיי
1124 אין ליטע, האָט 'פאָלקסבלאַט' געלייגט דעם טראָפּ אויף
'דאַיקייט', להיפוך צו דער ציוניסטישער 'דאָרטיקייט'".
פער 107, 420.

0 ניט=דאַיק/נישט=דאַיק - אדי/אדוו. 1. ניט פון הי,
ניט קיין היגער.

1966 "א פרמדער, נישט=דאַיקער מענטש".
1127 שפיגל, 4, 178.

2. ניט פון דער רעאַלער, עקזיסטירנדיקער וועלט.

| 1931-1926 | "אַ צעפּלאַמטער הימל האָט זיך געשפּרייט

1128 איבער אים, |...| אים אַרומגענומען מיט אַ נישט=דאַיקער רוזקייט". אַפּאַטאַשו, 10, 249.

1967 "לסוף זענען משוגעים מיט די בעטלער, ווי

1129 ניט=דאַיקע, אוועק אין אַ טאַנץ בײַם שײַן פֿון אַ ברעקל לבֿנה". קאַרפּינאָוויטש, 1.

ד אַ ך - דער, מצ דעכער, פּקפּ דעכל. 1. אי־יבערשטער איבערדעק
פֿון אַ הויז, בנין, דינט צו פֿאַרהיטן פֿון רעגן ~~און~~ שניי,
% בלעכענער דאַך, שטרויענער דאַך. דער דאַך איז
פֿון טשערעפּיצעס. פֿלאַכער דאַך. צווייזייטיקער דאַך.
באַדעקן דעם דאַך מיט שינדלען. מע דאַרף איבערשינדלען
דעם דאַך, אַ סך שינדלען זײַנען פֿאַרפֿוילט. טויבן שטייען
אויפֿן דאַך. דער לייטער דערלאַנגט ביזן דאַך.

1888 " גאָט גיט זיך אָפּ |...| מיט זײַנע קאַבצאַנסקער ייִדן...
ער גיט רעגן פֿון זײַערע בהמות ווענגן - ציגן זאָלן 1161
האָבן פּאַשע; אויך קאַליזשעס וואַסער אויף צו טרינקען,
בכדי צו פֿאַרשפּאָרן אָפּפּרעסן די שטרוי פֿון ייִדישע
דעכער |...|". מענדעלע, 3, 16.

... " איין אבאפעלאק האט זיך איין מאל אין א דאנערשטיק

אנגעצונדן, און עס האט באלד א כאפ געטאן דעם דאך". 1162

שלום=עליכם, 5ד, 18.

1932 " יא, דער דאך פון קאמער... דערמאנט אים בעסער

נישט.כ'האב זיך שוין גענוג אויפגעגעסן". בערגעלסאן,137,13.

1957 " גאוורילא איז ארויף אויפן דאך און האט דעם

קוימען גרונטאוונע אויסגעקערט". ברוסילאוו,157,2. 1163

2. (אנאט) אייבערשטער טייל פון שלונג.

1925 " א דריטער מאנדל |...| געפינט זיך |...| הינטער

דער נאז איבערן ווייכן גומען ביים איבערגאנג פון 1164

דער הינטערשטער וואנט פון שלונג אין דאך (געוועלב)

פון שלונג". פער 151, נ' 1.

.................................................................

רעד: ניט זיכער צי ס'איז אן שטענדיקער טערמין, אדער סתם א פארגלייך?

3. (פֿיג) וועגן אַן איבערדעק בכלל, ס'רוב וועגן הימל.

1966 " אַט דאס איז אַלץ, וואס אים איך חלום האָט געדאַכט?//
1165 נאָך דעם געבענקט?|...|// דעם הימל אָנגעצונדן אים –
א שטערנדיקן דאַך". האלקין, 4, 270.

|| **דאַכלאָז** – אַדי/אַדוו. (פֿיג) אָן אַ דירה, אָן אַ דאַך
איבערן קאָפּ.

1935 " די דאַכלאָזע, אָפּגעריסענע קינדער האָבן ביסלעכווייַז
1579 פֿאַרלאָזט די שטויביקע גאַסן און וואָקזאַלן, זיך אָפּגעזעצט
אין קינדערהיימען |...|". דאניעל, 2.

1944 " |...| דאס שטאָטישע נאַכטהויז, |...| ווי אַלע
1165/1 דאַכלאָזע, פֿון לעבן אויסגעשפּיגענע |...| און ברוקמענטשן
פֿון דער גרויסער שטאָט וואַרשע האָבן |...| געצויגן
אַהין יעדע נאַכט שלאָפֿן". הייבלום, 1, 17.

0 __דאכאפּקאפּ__ – __דער, =ן.__ אונטערשטער קאַנט פֿון דאַך

וואָס שפּאַרט אַרויס א ביסל איבער דער וואַנט פֿון בנין,

כּדי דאָס אַראָפּרינענדיקע וואַסער פֿון רעגן זאָל ניט

פֿאַרנעצן די וואַנט.

1973 " ער זיצט אונטערן __דאכאפּקאפּ__ פֿון גרשון שניטקרעמערס

קלייט אויף א קעסטל". __אליצקי, 5, 329.__ 1301

__דאך=ארבעטער__ – __דער, =ס/ מצ דז.__ __דזוו__ __דאך=באַשלעגער.__

__דאך=אָרגאַניזאַציע__ – __די, =ס.__ אַן אָרגאַניזאַציע, אין

וועלכער ס'זײַנען אַנגעשלאָסן א צאָל אָרגאַניזאַציעס,

וואס זײַנען צו איר אונטערגעוואָרפֿן.

1963 " |...| פֿאַר דער עטאַבלירונג פֿון אַ דאַך=אָרגאַניזאַציע
1303 פֿאַר אַלע רבנישע קערפּערשאַפֿטן, אַרייַנגערעכנט אויך
די וויליאַמסבורגער 'הסתדרות הרבנים'". נ. גאַרדאַן,
פּער 69, װױ/18.

דאַכבאַדן - דער, =ס. בוידעם.

1898 " איך פֿלעג גאַר אַלע טאָג אַרויפֿגיין אויף דעם
1304 דאַכבאַדן און פֿלעג מיך גוט אָנוויינען". אויזערקיס 8,1.

דאַכבאַליק - דער, =עס. |ליפּשיץ 2| איינער פֿון די
באַליקעס, וואָס האַלטן אונטער דעם דאַך.

דאַך=באַשלעגער - דער, =ס. בעל מלאכה, וואָס דעקט דעכער
(מיט שינדלען, דאַכעווקעס א"ע), אויך פּשוט: באַשלעגער.

... "אויפן דאך, אין דער העכסטער הויך, איז פאר א

1306 דאך=באשלעגער אזוי פריי, אזוי גוט... און א דאך

פארלאנגט אן אויג!". פרץ, 7, 253.

1948 " דער ריזשענער ז"ל איז געווען תפוס און פון א

1307 דאך=באשלעגער האט ער דעמאלט זיך אויסגעלערנט א ניגון

|...". י. שטערן, פער 94, נ׳ [illegible], ז׳ 128.

דאכבלעך - דאס, בא. ספעציעל בלעך צו דעקן דעכער

|פינקעל, ז׳ 19|.

דאכבעלקע - דזוו דאכבאליק.

דאכברעט - די, =ער|סטוטש 113| בנב.

(?נ?) דאכגאניק(ל) - דער, ~ גאנקעס/גאניקלעך |ליפשיץ1, דרייזין|.

בנב.

רעד: ליפשיץ טייטשט עס פון וואָרט мауерлат

(פיגורירט ניט אין מאָדערנע רוסישע ווערטערביכער)

וואס איז גענומען פון דייטשן Mauerlatte,

וואס זיין באַטייט איז איינער פון די באַליקעס,

אויף וועלכע עס שפּאַרט זיך אָן דער דאַך.

ווי זשע קומט עס צום באַגריף גאַניק?!

....ס׳~~אקי~~ זיינע געמאָלט זיין, אַז ליפשיץ האָט ניט....

פֿאַרשטאַנען דעם באַטייט פון דעם דאַזיקן, אגב גאַנץ קאָמפּליצירטן טעסלערישן טעכנישן טערמין. איך האָב געזוכט אין עטלעכע דייטשע ווערטערביכער און אויך ניט צעקייעט אין גאַנצן, וועלכן פון די דאכבאַליקעס מע מיינט. איך יעדן פאַל - צו "גאַניק" האָט עס ניט קיין שייכות.
דרייזין האָט אויך דעם טייטש - מסתמא גענומען לעבעדיקערהייט פון ליפשיצן...

דאכגאַרטן - דער, ~, גערטנער. ווינטער=גאָרטן, אָראַנזשעריע.

דאַך=געלעגער - דאָס, =ס. בנב.

... " אַ מאָל זענען זיי חייב אַפּילו ווען זיי זענען
אַראָפּגעפֿאַלן, דאָס איז אין פֿאַל, ווען די וואַנט 1323
(פֿונעם דאַך=געלעגער) איז רויִנירט". איבן אנ. בבא קמא.
כא/ב.

דאכגעשטעל - דער/דאָס, =ן. די סיסטעם פֿון באַליקעס,
אויף וועלכע ס'ליגט דער דאַך |מאַרק ווב 1858|.

דאכגראָז - דאָס, =ן. מאַך וואָס וואַקסט אויף די דעכער.

דאכדעקער - דער, =ס. דזוו דאַך=באַשלעגער.

1864 " די פאלאשן זענען זייער ארבעטזאם, באזונדער
1328 זעט מען פון זיי קאמענשטשיקעס |=מולירס| און
דאכדעקערס". פער 177, נ' 42, ז' 638.

1951 " ביזן גירוש ליטע אין דער ערשטער וועלט=מלחמה
1329 |...| זענען ייִדן געווען בעל=מלאכות:|...| רימער,
|...| בלעכער, גלעזער |...|, דאכדעקער".
מ. בירמאן, פער 106, 1415.

דאכדעקעריי – דאס, בא. די מלאכה פון דעקן דעכער
|מארק ווב 123|.

דאכטאל – דער. בא. טאל (קארטאן דורכגעזאפט מיט א
ספעציעלע מאסע, וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער און
אין פייער=ווידערשטאנדיק), מיט וועלכן מע באדעקט
א דאך; פאפע, דאכפאפע.

1900 "|...| איז זייער וויכטיק דער מאַטעריאַל, מיט וואָס מען דעקט דעם דאַך. ~~דאָס בעסטע איז דאַך~~. דאָס בעסטע איז נאַטירלעך צו דעקן מיט טשערעפּיצעס, |...| בלעך, אַספּיד און דאַכטאָל, וועלכע פֿאַרהיטן די געביידן פֿון פֿייער |...|". איש יהודי.

דאַכליגער – דער, =ס. |ליפּשיץ 1|. איינער פֿון די קווערע באַליקעס אויף וועלכע עס ליגט א דאַך.

דאַכפּאַפּע – די, =ס. מאַטעריאַל מיט וועלכע מע באַדעקט א דאַך, באַשטייט פֿון דיקן קאַרטאָן דורכגעזאַפּט מיט א באַזונדער כעמישן מאַטעריאַל, וואָס לאָזט ניט דורך קיין וואַסער [פֿינקעל, ז' 65; טאָל.

דאַכפּונקט – דער, =ן. |סטוטש 54|. בנב.

דאכפּליגל - דער, =ען. א טייל פון א דאך, וואס עפנט זיך אויף. % די סוכּה איז געבויט מיט א דאכפּליגל, אזוי אז סוכּות=צייט עפנט מען אים אויף און מע באדעקט די סוכּה מיט סכך.

דאכפענצטער - דאס, מצ דז. א פענצטער פון א דאכשטיבל.

דאכציגל - דער, מצ דז. (עלט) דזוו דאכעווקע.

1868 " די פאבריק |...| פארפערטיקט מויער=און דאכציגל, קאכליעס". פער 177, נ' 34, ז' 259. 1344

דאכצימער - דער/דאס, =ן. דזוו דאכשטיבל.

1930 " איך זיץ אין דאכצימער// און בלאז דעם פּאַפּיראָס". ליעסין, 1, 117. 1345

דאכקאם - דער, =ען. די ליניע ווו ס'טרעפן זיך צונויף בײדע פלאכן פון א צווײיזײַטיקן דאך. פינקעל, 1, 31.

דאכקאמער - די, =ן. דזוו דאכשטיבל. % דעם בחור פעלט מעבל אין דאכקאמער - אזוי זאגט מען אויף א נאר.

דאכקאנט - דער, =ן. אונטערשטער זוים פון דעם דאך. (?נ?)

1929 "מיט א מאל הייבן זיך אן אפרייסן און אראפפאלן

1351 די דינינקע און שפיזלדיק געווארענע צאפנדלעך אייז פון די דאכקאנטן". מ. ווינער, 2, 97.

דאכקוקער(ל) - דער/דאס, =ס/=ען. קליין פענצטערל אין א דאך ארויסצוקוקן.

1944 " |...| א פּירעקיקער בנין מיט פּיר שטאַקעלעך
מיט א דאַכקוקערל". שניאור, 8, 241.

**דאַכרינע** - די, =ס. בלעכענע רער ביי די קאַנטן פון
א דאַך, כדי דאָס רעגן=וואַסער זאָל אַראָפּרינען.

**דאַכרער** - די, =ן. דזוו דאַכרינע.

**דאַכשטוב** - די, =ן/~ שטיבער. (אָפּט געניצט אין פּקפּ)
א קליינע וווינונג אַרייַנגעבויט אין בוידעם פּון
אַ הויז, מיט פּענצטער וואָס גייען אַרויס פּון דאַך;
1973 " דאָס הויז איז געווען א גרויס, א געמויערטס.
1357 |...| געווען אויך א דאַכשטוב - א בוידעם=שטיבל
(א צימער אויפן בוידעם)". בלומענטאַל, 1, 122.

**דאכשטיבל** – דאס, =ער. דזוו דפוו; בוידעם=שטיבל.

1937 " דאס הויז איז געווען א גרויס, א געמויערטס |...|
געווען אויך א דאכשטוב – א בוידעם=שטיבל (א צימער 1357
אויפן בוידעם)". בלומענטאל, 1, 122.

**דאכשטיבל** – דאס, =ער. דזוו דפוו; בוידעם=שטיבל.

1937 " ער קלערט וועגן לאקאטאר פונעם דאכשטיבל נומער
88 |...|. דאַגאַן־אַלסקי, 2, 539. 1359

1962 " ער איז ארויף אין דאכשטיבל, געטראפן דעם
מלמד שוין לערנען מיט די יינגלעך". פ. רודאי, 1360
פער 69, V /27.

<u>דאַכשינדל</u> - <u>דער, =ען.</u> ספּעציעל באַאַרבעט הילצערן

ברעטעלע, מיט פּאַלעס אַרײַנצופּאַסן אײנס אין צווייטן, 13

~~מיט וועלכע מע~~ באַדעקן אַ דאַך.

1974 " די שפּין פּאַרוועבט געשיקט און קונציק |...|

1166 די פּעדעם אַרום דעם אויפגעבראָכענעם שטיקל <u>דאַכשינדל</u>".

<u>עלבערג, 2, 103.</u>

<u>דאַכשלעגער</u> - <u>דער, =ס.</u> <u>דזוו</u> <u>דאַך=באַשלעגער/באַשלעגער.</u>

1971 " אַ <u>דאַכשלעגער</u> ליגט אויפן שפּיץ דאַך". <u>נאַדיר, 178,14.</u>

<u>דאַכשפּיץ</u> - <u>דער, =ן.</u> דער אייבערשטער קאַנט פון אַ דאַך

<u>|מאַרק וווב 297|.</u>

<u>שטרוידאַך</u> - אַ דאַך געדעקט מיט שטרוי.

שינדלדאך - א דאך געדעקט מיט שינדלען.

1951 " פלעגסט איך אַ שטעטל זען אַ נייעם שינדלדאך,

1373 צי גאָר פון בלעך". א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 38.

אויפהייבן דעם דאך - (איר) שטארק צעכעסן זיך,

צעקאָכן זיך.

(אראָפּ)פאלן (ווי) פון דאך - (איר) ווערן איינעם וואס

פלוצעם כאפט ער זיך, ווערן וואס ס'גייט איך שמועס,

בעת אַלעמען איז דאס שוין קאווּוסט.

1889 " איך האב שוין דענצמאל געוווּסט פון דער זאך,//

1070 ווי דער ייִד איז נעבעך געפאלן פון דאך ".

י. ל. גארדאן, 1, 20.

ארויפקריכן אויפן דאך - שטיפן גוזמאדיק, (אנאלאגיש צו:
קערן וועלטן, איבערקערן די שטוב)

ברענען ווי א שטרויענער דאך - ווערן גיך אין כעס,
צוליב א ליאדע וואס.

... " ברענט ווי א שטרויענער דאך". |...| שלום=עליכם,
כתבים פון א קאמי=וואיאזשאר, 204, 149, אויך X - 301.

(ניט)האבן א דאך איבערן קאפ - (ניט) האבן ווו צו וווינען,
(ניט)האבן א דירה.

זיין אן א דאך איבערן קאפ - ניט האבן קיין וווינונג.

<u>ווינען אונטער איין דאך</u> - ווינען אין דעם זעלבן הויז.

|1926-1931| " ער האָט בלויז נישט פֿאַרשטאַנען דאָס
גליַיכגילטיקייט, דאָס וואַכעדיקייט צום רבין, מיט
וועלכן <u>מען ווינט אונטער איין דאך</u>". <u>אפאטאשו, 165,10.</u> 1072

<u>רייסן דעכער</u> - <u>(איר)</u> דאַווענען מיט גוזמאַדיקער פֿרומקייט.

<u>ער ווייזט א פֿייג אונטערן דעכעלע</u> - וועגן א פּחדן, וואָס
סטראַשעט, עמעצן, ווען יענער הערט ניט און זעט ניט.

<u>איך פֿייַף אויפֿן דאך</u> - אַרויסרופֿעריש מיטן מיין: כ'האָב
ניט מורא, ס'אַרט מיך ניט.

<u>דער פֿויגל איז נאָך אויפֿן דאך</u> - וועגן א פּריציַיטיקער,
ניט פֿאַרטיקער, נאָך ניט צוגעגרייטער זאַך, ענין.

אײדער דער טאַטע איז געבוירן, שטייט (וואר: שפּרינגט) שוין דער זון אויפֿן דאך — דזוו דפּוו.

אָרעמער דאך וואס קנאַקסטו? — ווענן אן אָרעמאַן א באַרימער, א גרויסהאַלטער, אָדער ווענן אַזאַ וואס וויל אויך פאַרנעמען א חשובן פּלאַץ.

א קו איז געפלויגן איבערן דאך און האט געלייגט (וואר: פאַרלוירן) אן איי — ווענן א זאך וואס איז ניט אמת, ניט מיגלעך.

(שוו) אז עס רעגנט מיט גאלד, שטייט דער אָרעמאַן אונטערן דאך — דער אָרעמאַן האט קיין מאל ניט קיין מזל.

ם

<u>דאך/טאך.</u>

1. ←----

1544 " ער שוש אונ׳ טראף דען בוגיל עש דוכט אין וויא

1195 ער עז זאך.// אונ׳ וויא דער בוגיל וואר גיואלן אויף

איין <u>טאך</u>". <u>שמואל=בוך, סטר׳ 1239.</u>

1610 " אונ׳ דו זולשט בידעקן אין גולד ריין זיין <u>טך</u>

1196 |פון מזבח| אונ׳ זייני וועגד גרינש הרום |...|".

<u>טײַטש=חומש, שמות, ל - ג.</u>

1743 " און זיין <u>דאך</u> איז שלעכט רעגנט אריין".

<u>קב הישר, דף יב - ו.</u>

4. קאָפּ. ←---

1544 " ער ווארף דעם בערן גישווינדן דען שטיין אויף

1201 זיין <u>טאך</u>.// דש דער שטיין צו קליינן שטוקן בראך".

<u>שמואל=בוך, סטר׳ 311.</u>

דאָך - 1. פּאַרטיקל, גיט צו דעם תוך פֿון געזאָגטן (ס'רוב דורכן ווערב) דעם ניואַנס פֿון פֿאַרזיכערונג, פֿאַרשטאַרקונג, באַשטעטיקונג. % פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרשפּעטיקט? דו ווייסט דאָך, אַז מיר וואַרטן אויף דיר. גיי שלאָפֿן, ס'איז דאָך שוין האַלבע נאַכט. מע קאָן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן, ער איז דאָך אַ דאָקטאָר.

1819 " וויא איזט מיגליך דער בעשט האט דעך זייא |די כתבים| איך שטיין פרשלאסין איך האט נאך א שומר 1203

אויף אנידער גישטעלט לעבין ייא". פּערל, 1, הקדמה.

1878 " לעבן דאָך יידן אָפּ א וועלט מיט בטחון אליין,

און גאָט פּירט זיי אויס". מענדעלע, 16, 35. 1204

1911 " |...| ווּעסטו דאָך אַוודאי ווּעלן אָפּטראָגן מיין

ווייב, וואס איך שרייב דיר אַצינד". שלום=עליכם, 215, 23. 1205

1931 " ער איז דאך אן אונדזעריקער... אן אונדזעריקער

אז ער איז ניט געבילט". טייטש, 5, 269.

1966 " שוין פון היינט ביסטו אן אויסנאם צווישן ברידער//

|...| ס'גאנצע לעבן קאן דאך גיין דיר קידער=ווידער". 1207

האלקין, 4, 40.

2. קאנ צווישן צוויי זאצן, מיטן באטייט פון קעגנשטעלונג,

נאכגיביקייט, אזוי ווי: ניט געקוקט אויף..., פון דעסטוועגן.

% ער איז שוין א פענסיאנער, דאך ארבעט ער נאך גוט.

דער וועטער איז ניט קיין גוטער, דאך וועלן מיר די

עקסקורסיע ניט אפלייגן.

1869 " ווי איך לעב, איך האב עס נאך פריער געוואלט זאגן,

דאך האב איך מיך געשייט". דיק, 47, 17. 1208

1908 " נו, - זאגט איין חסיד האלב בארוישט -// יא,

1209 משקה איז א גרונט,// דאך גייען מיר די כוחות אויס,//

בין הונגעריק ווי א הונט". ראזענפעלד, 2, 271.

1930 " ווי גראנדיעז זייערע געביידעס זיינען געווען,

1210 האט זיי דאך געפעלט אין דער מאסע יענער פעסטער צעמענט,

וואס זאל די געביידעס מאכן שטאנדהאפט". איינהארן, 7, 140.

1947 " איך האב געשוויגן... דאך האב איך געזוכט א

1211 בארויִקונג פאר מיין געמיט". סעגאלאוויטש, 11, 185.

0 מה=דאך - קאנ צווישן צוויי זאצן, מיטן באטייט

"אויב", אבער מער עמפאטיש (ווערט גענוצט אין א זאץ=

צונויפשטעל וואס שטעלט מיט זיך פאר א קל=וחומר).

% מה=דאך ער איז א דאקטאר און ווייסט ניט וואסער קרענק
דאס איז, טא פון וואנען זאל איך וויסן. מה=דאך

מה=דאך אזא גביר קאן זיך ניט פארגינען אזא זאך צו קויפן,
וואס זאלן מיר שוין זאגן.

שוו: דאס אויג איז קליין, דאך זעט עס די גאנצע וועלט.

ם
דאך/דוך.

1.

1541 " זיין גיזעל שפרך איי דו ליבר לודייל// ווערשטו
דוך צו קוועטשט איך דעם גיפרודיל". בבא=בוך, סטר׳123. 1212

1610 " ווש וולן מיר היא יצן מיר מוזן דוך שטערבן".
טייטש=חומש, ויקרא, מצורע(הפטורה, מלכים ב׳ ז - ג). 1213

1766 " אויב שוין דיא גמעלטי נגינת טעמים בייא פיל
1214 (בעלי דקדוק) איין גטיילט ווערדן אין פיל ארלייא טיילן
איז דאך אבר אין פונדאמענט איר אב טיילונג נור אין
צווייא טיילן |...|". אבן ישראל, דף יא - 2.

2. ←---

1541 " דער ליב דער ווערט דעם גישלעך נוך גין// איך
1216 וארכט ער ווערט ווידר קומן// דוך וויל איך עש הוייט
לושן אן שטין// אונ׳ וויל ווארטן אויף דען דעגן ורומן".
בבא=בוך, סטר׳ 450.

1697 " אונ׳ קענט ער|דער ארעמאן| שון נוך אזו פיל//
1217 דאך איז עז אלץ איין גישפוט אונ׳ איין שפיל |...|".
ס׳ משלים, דף לג - ד.

1713 " זעה, וואש פאר שוואכהייטן איך האבי איבר דיר//

1218 דאך איך טראג צי דיר זאלכי אינקלינאציאן".

מכירת יוסף, (ציט אווע !!!, ז' 502).

(?נ?) ד אַ כ אַ ד - דער, =ן. (רוס/פּויל, נא) הכנסה,

אײַנטראָג, רווח.

R: goxog

1866 " אַזאַ שטאָט, ווו עס ווערן |...| אַפּילו בײַ דער

1278 שלעכטער צײַט פּיל געשעפּטן געמאַכט און עס פּאַלט אַרײַן

פּיל שטאָטישער דאַכאַד אין דער דומע". פּער 177, נ׳ 12, ז׳ 180.

1910 "חוץ דעם האָבן אונדזערע בתי־מדרשים האַכאַד מער

1282 פֿונעם בית=עלמין". פּרוג, 3, 63.

1927 " |...| געווען בײַ לעקעמער |קעלעמער?| רב אַ

1285 גאַנצער בן=בית, |...| און פֿלעגט אים גרויס דאַכאַד

אײַנטראָגן". בודזאַהן, 4, 13.

(?נ?) || דאַכאַדנע - אַדי. (רוס/פּויל, נא) רווחדיק, וואָס גיט

גוטע הכנסה.

ד אַ כ אַ ד י א ג ע - דער, =ס. (שגל) אַ מענטש אין א
קאָנצענטראַציע=לאַגער (אין סאָוויעטן=פאַרבאַנד),
וואס איז שוין געווען אזוי אויסגעשעפּט פון הונגער
און שווערער ארבעט, אז ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן.

1958 " אויפן קרימינעלן לשון |?| האט עס געהייסן,
1286 אז איך בין געוואָרן א 'דאכאדיאגע'". א. באש,
פער 18, 5/XII.

דאָכוד - דער, מצ דאָכאָדן. (פּויל, נאָ)

הכנסה, איינטראָג, רווח.

ד אַ כ ו.ו ק ע - דזוו דאַכעווקע/דאַכלקע.

1974 " איינע נאָך דער אַנדערער האָט ער אַרויסגענומען
די דאַכוּוקעס און געציילט מיט זיי אין די אַנפּאַלער".
ש. שוואַרץ, פּער 14, !/11.

ד אַ כ ט - דער, =ן. (שנש) דאָס וואָס דאַכט זיך, אויסדאַכטונג, פֿאַנטאַזיע.

1935 " און עמעץ דאַרט, אין בלויען דאַכט, // מיר חלומט

1378 מײַנע לידער". מאַניק, 5, 3.

רעד: דאַ נאָך אַ קאַרטל מיט אַ פֿאַרוף אויף לייוויקן, אָבער אַן קיין שום ציטאַטע. ס'וועלט געווען כדאי צו זוכן דאָס וואָרט בײַ אים... און אפֿשר נאָך בײַ עמעצן.

ד אַ כ ט — די/דער, =ן. אַ קנויט אין אַ לאָמפּ.

... "נאַפּט איז ריין און אומריין, טייל מאָל נאָך מיט אַ שלעכטן ריח! און ווי ענלעך איז די דאַכט — דער פּלאַם צו אונדזער נשמה!". פּרץ, דערצ' "לאָמפּן=מוסר".

דאַכטונג - די, =ען. 1. עפּעס וואָס דאַכט זיך אויס, אין וואָס מע איז ניט זיכער, צי ס'איז וואָר, וואָס מע פֿאַנטאַזירט,

1958 " ביסטו בלויז געווען אַ דאַכטונג?// און דײַן 'מע',
1379 דײַן רוף פֿון שלום,// בלויז אַן עכאָ פֿון מײַן חלום?".
אלף כץ, 3.

2. דאָס טראַכטן, טראַכטעניש.

1958 " רײַפֿקייט אין שפּערישן זינען מיינט פֿאַר אַלעמען
1380 זיצן בײַם אייגענעם טיש פֿון דיכטונג און באַכטונג".
ביקל, 1, 163.

1968 " אָפּגעפּרעמט האָט מיך דער משה פֿון מײַן דאַכטונג,//
1381 זײַנע אויגן - נאָר אַ טאָפּלט פּײַערדיקע שפּיז".
לעיעלעס, 6, 176.

ד א כ ט י ק - אדי. (שנש) וואס דאכט זיך, אויסגעדאכט.

1963 "דאס ליד האט באוויליקט צו ווערן// נישט מער ווי

1383 א דאכטיקע זאך". מ.מ. שאפיר, 1, 83.

**דאכטן** - 1. טרוו. (עלט) דערמאנען, איבערגעבן,
ארויסזאגן.

1819 " |...| מען זאל הייסן אונזרי לייט, זאלין עס
1384/1 |[3]אס ביכל| אויסקויפן אונ׳ עס פרברענין,|...|
עס זאל זיין נאמין ניט גידאכט ווערדען אויף דער
וועלט". פערל, 1, 3.

1881 " איך בעט אייך איר זאלט דאס מיר מער ניט דאכטן...
1385 מער פון אייער מויל ניט ארויסברענגען". סאפיר, 1, 6.

1927 " זי האט מיר פארשווירן, אז איך זאל קיינעם
1386 ניט דאכטן". בודזאהן, 4א, 16.

1965 " האט זי וועגן דעם, וואס זי האט געזען, קיין
1387 איין ווארט נישט געטאן דאכטן". האקערמאן, פער69, VIII/7.

2. **אוטון.** טראכטן, קלערן, האבן אין זינען, געדענקען וועגן עפּעס.

1908 " מוטער טייערע, ווי מוז איך שמאכטן// נאך דיין

1388 ליבע און אין טרוים נאר דאכטן". ראזענפעלד, 2, 231.

1941 " גאט האט געדאכט אן אברהמען". תרגום יהואש,

1389 בראשית, יט - 29.

1945 " און ווער ס'האט דאס שיפֿל דערזען, האט געדאכט://

1390 עס שווימט אום אין וואסער דער טאג מיט דער נאכט".

האלקין, 3, 148.

3. **אוטון.** אויסווייזן זיך, אויסזען, זיין ווי...

1869 " אנקוקנדיק אים, איז ער געדאכט אז אפגעבארעט יידל,

1392 בלייך, גרוי ווי א טויב, פרום, שטיל, גאט די נשמה

שולדיק". מענדעלע, 5.

1902 " |...| וואס קען עס מיך אזא געשריי, אזא איקעריי

1393 ארץ? לאז מיר דאכטן - א קליינזל". מענדעלע, 7ג, 6.

מיר דאכט, פפ מיר דוכט - (באמערקזאץ) איך מיין,

עס ווייזט זיך מיר אויס, לויט ווי איך זע דאס.

... " טאטע, מיר דאכט, אז דאס וואסער ווערט נידעריקער,

1404 פאלט אפ". רייזען, 14, 245.

1936 " מיר דאכט, דו ביסט א זעגלשיפל ערגעץ אויף א ים".

1405 סוצקעווער, 3, 42.

1966 "מיר דאַכט, אויף מיר וואַלט קיינער ניט געגלייבט,
איך זאָל א מאָל דערמיט זיין א געשטראָפטער".
האלקין, 4, 64.

ניט... געדאַכט - ניט דערמאָנט (זאָל עס ווערן) -
אָנגענומען איך פאַלק צו זאָגן,(טייל מאָל איראָניש)
ווי אַן אָפּשפּרעכעניש, ביים דערציילן/הערן וועגן עפּעס
אַ צרה, אַן אומגליק, אַ קרענק, אויך וועגן אַן אומגעראָטענעם
מענטשן:
ניט דא געדאַכט, ניט היינט געדאַכט, ניט פאַר מיר,(פאַרבאָגן,
איר, אונדז, אייך) געדאַכט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט,
ניט פאַר קיינעם געדאַכט, ניט אויף מיין מאָס דערדאַכט א"א.

1864 " ביי אונדז איז, ניט פאר אייך געדאכט, געשטארבן

1408 א מיידל פון צוויי וואכן". דיק, 13, 26.

1873 " נישט קיין מענטשן, נישט קיין בהמות, ניט דא געדאכט!".

1409 מענדעלע, 1, קאנק 213630.

1900 " אויך א מאל ניט היינט געדאכט, געוועזן א פריי

1410 פייגעלע, א בחור כהלכה". שלום=עליכם, דערצ'

"דער פארכישופטער שניידער".

1932 " אפשר ביסטו א בעל=מום, נישט פאר קיין יידן געדאכט,

1411 א קאליקע?". זינגער, 5א, 162.

צו גוטן געדאכט (וואר: אלדאס גוטס געדאכט, אלץ גוטן געדאכט) –

געזאגט במקום דעם שפרוך ניט... געדאכט. |סטוטש 558;

פער 92, נ' 14|.

ניט אקעגן נאכט געדאכט - דזוו דפוו געזאגט ביים

דערציילן/הערן וועגן א בית=הקברות, מתים, שדים רוחות אד"גל.

1876 " זי איז שוין |געווען| ווו. די וועלט האט אן עק

און להבדיל ביי אלע טאטערן, ביי אלע שדים, 1412

ניט אקעגן נאכט געדאכט". גאטלאבער 2, 37.

ניט פאר די הינער געדאכט - געזאגט חוזקדיק לגבי דעם

שפרוך.

ניט געדאכט זאל ער(זי) ווערן! - קללה.

1916 " דאס האט |?| די קאץ אראפגעשפרונגען פון דער

לאזשאנקע, |...| און ספאלאשעט די עופות, 1430

ניט געדאכט זאל זי ווערן!". שלום=עליכם, 37, 177.

1963 " פאר אַ הונדערטער קריכן אויף די ווענט – אז ניט גערדאַכט זאָל עס ווערן אַזאַ פֿאַרדינעכץ".

שניאור, פער 155, |?|, VI /10.

דײַן פוס זאָל דאָ (בײַ מיר) ניט גערדאַכט ווערן! – זאָלסט מער ניט קומען אַהער.

ם דאַכטן.

1. ←----

1626 " אויף דעם אויך וואָס ווייטער גידאַכט איז דאָ איז זיך מיין הרץ דער שרעקן (ויתר) אונ' פר ספרינגט 1435

אוועק מיין הרץ פון זיינום אורט". ס' המגיד 1, איוב, לז–א.

1716 " דען ווער עס טוט איינש פון דיא שלעכטי זאכן

1436 דיא מיר דא <u>גידאכט האבן</u>, דער טוט עס אנדרשט ניט אז

ווייל ער דיא דעק פון דיא בושה פון זיך אב ציהט".

<u>חובות הלבבות, 1, דף לט.</u>

.2 ←---

1626 " דיא עניים וערן בגריפן (במזמות) איך דיא ביזן

1437 גידנקן פון דיא רשעים <u>האבן גידאכט</u>". <u>ס' המגיד,</u>

<u>1, תהילים, י' - ב.</u>

1716 "ביז דז איך <u>דאכט</u> פון מיין גדאנקן אב צו וייכן

1438 אונ' פון מיין פור נעמן אב צו שטין". <u>חובות הלבבות,</u>

<u>דף ז - 2.</u>

ד א כ ט ן  ז י ך – אומפערזאניק, פּפּ דוכטן זיך,

פאר געדאכט/געדוכט, (זן, דיאל) געדאכטן,

(צו א סוב/פראנ אין דאטיוו). 1. האבן א מיינונג,

אן איינדרוק וועגן עפעס, אז ס'איז ריכטיק, אמתדיק,

מיגלעך. % דער הימל איז פארוואלקנט, מיר דאכט זיך,

ס'וועט גיין א רעגן. אים האט זיך געדאכט, אז ער

וועט פארשפעטיקן, איז ער געלאפן אן אטעם.

1814 " איטליכן דאכטסיך אט צונד איז דיא רעכטי קלוגי

1512 פרומי וועלט אויף גישטאנין, וואס פאר אנאראבום דיא

אלט פרענקישי לייט זעניך גוועזן". איבן לעפין, משלי, ל-11.

1890 " ער איז קראנק געוועזן, האט זיך אים געדאכט,

1513 אז דאס ברויט איז זויער". פרץ, דערצ' "דער משולח".

1919 " ד"ר זשיטלאווסקין דאכט זיך, אז עס איז וויכטיקער

1514 פאר די יידישע מאסן צו וויסן קודם=כל ניטשע |...|".

זשיטלאווסק, 10, 111.

1968 " עפעס האט זיך זיי געדאכט, אז דאס איז ביי אים

קאנק א וויסטער שפאס, א משוגענע שפיל". גראדע, 7, 32.

2. פארשטעלן זיך עפעס אומגעוויינלעכס, אויסטערלישס,

אומרעאלס. % איך חלום האט זיך אים געדאכט,

אז ער פליט אויף א וואלקן.

1888 " עס האט זיך מיר געדאכט, איך זינק אין א טיפן

1519 אפגרונט, זינק אלץ טיפער, טיפער". מענדעלע, 2,

קאנק 438040.

1934 " |...| געדאַכט האָט זיך אים, נייטענען, אַז די

הויכע פֿאַרריסענע קעפּ פֿון די וואָלקן=קראַצערס |...| 1516

האָבן אַ שאָקל געטאָן מיט די קאָרפּוסן". מאַרקיש, 6, 20.

1968 " אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין פֿולן עמער ליגט

אויך אַ באַשעפֿעניש, וואָס ציטערט |...|". גראַדע, 7, 392.

3. (ווי אַ באַמערקזאַץ) זעט אויס, ווײַזט אויס, קען זײַן, מיגלעך.

1873 " קיין גראָב פֿערדל קען מען מיך, דאַכט זיך,

פֿאַרט נישט רופֿן". מענדעלע, 1, קאַנק 262120. קאנק

1910 " אַ ביסל ווײַטער שטייט אַ גראָבע אומגעלומפּערטע

נקבֿה אין באַדקליידער, וואָס וואָלטן, דאַכט זיך, 1517

אַרויף אויף אַ העלפֿאַנט". ראַזענפֿעלד, 3, 2, 133.

1944 " ער איז <u>דאכט זיך</u>, א ביסל צו טרוקן אט דער ~~דער~~

שוואכפּלייציקער ׳פריינד פון פאלק׳, א ביסל צו 1518

גראדליניק". <u>שניאור, 8, 232</u>.

|| <u>דאכטעניש</u> - <u>דאס, =ן</u>. 1. דאס דאכטן זיך, ב׳ 1.

1947 " אזא ׳<u>דאכטעניש</u>׳, ווען א געוויסע סיטואציע קומט

אן צום מענטשנס באוווּסטזיין". <u>דאברושין, 1, 21</u>. 1550

2. דאס דאכטן זיך, <u>ב׳ 2</u>, דאס פאנאזירן, פארשטעלן זיך עפעס,

דאס פארטיפט זיין אין דמיון.

1904 " גאר נישט! א נארישקייט, געוויס א נארישקייט,

<u>א דאכטעניש</u>, |טעקסט: דאכטענעס| , ווייבעלעך, מער 1549

גארנישט!". <u>לעוונער, 13, 5</u>.

1958 " רבה בר בר חנה// קוקט אויף דער לבנה |...|//

1551 די נאכט איז פריי פון הו און הא, // און ער איז פול

מיט דיכטעניש און דאכטעניש". אלף כץ, פער 9, צ/26.

1968 " אלץ איז אים דאכטעניש, אויסטראכטעניש".

1552 לעיעלעס, 6, 75.

דאכטער – דער, =ס/מצ דז. (שנש) פאנטאזיאר, טרוימער.

1959 " |...| געזעגן אויך אים די |?| פרומע ווארער און די

1556 שטילע דאכטער". א. אויערבאך, 6, 60.

... " זענען אלץ נאך חלומער און דאכטער". דצוו, |ז'?|.

17 לאָזן זיך (מיר, דיר, אים, אײַך) דאַכטן — פֿאַרשטעלן זיך, אײַנרעדן אַז ס׳איז אַזוי ווי... % ביסט הונגעריק?

לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז ס׳איז היינט אַ תּענית און דו פֿאַסט.

1902 " וואָס קען עס זיך אײַנרעדן איך דעם בעל=הבתּישקייט

אַ קעלבל. לאָז זיך אײַך דאַכטן אַ ישיבֿה=בחור — נאָך אַ לעפּל 1558

געקעכטס, נאָך אַ שטיקל ברויט". מענדעלע, 7ג, 47.

שוו: ווען סע לאַכט זיך, ווען סע דאַכט זיך.

איינעם (וואָר: יענעם, יעדערן) דאַכט זיך, אַז ביי יענעם

(וואָר: ביים צווייטן; ביים שכן) לאַכט זיך

(וואָר: לייכט זיך). קומט צו דער טיר (וואָר: אַז דאָס

אייגענע ווי ביי מיר (וואָר: ערגער ווי ביי מיר;

איז דאָס אַ מעשׂן קנעפּל) — דער אַלגעמיינער זינען אין

(עפֿנט די טיר)

~~אויך~~ אלע וואריאנטן: יעדער מיינט, אז אנדערע מענטשן
לעבן זיך בעסער, שענער, אבער אומעטום איז דאס
אייגענע, א מאל נאך ערגער.

ם **דאכטן זיך.**

3. טראכטן, באטראכטן זיך.

1676 " משה רבינו האט אלש |די צירונג פון די פרויען|
1571 גינומן אונ' הוט זיך ניט גידאכט צו ביזן אונ' האט ניקש
גישאט". ברנט שפיגל, פרק יד.

1743 " דא האט ער זיך גדאכט אום אב צו דיהן פון דיא
1572 שטאט". יוסיפון, 4, דף פ"ו.

ד א כ ט ר א פ ן  - דער, =ס. בנב. % "סימנים און מינהגים. א דאכטראפן טאר מען ניט אריינגעמען אין שטוב - |עס?| מאכן זיך שרעטעלעך"|קטור| .

ד <u>א</u> כ י ק - <u>אדי</u>. (<u>שנש</u>) ווי <u>א</u> דאך.

1576 1963 " אונטער סטערטעס דאכיקע |...|". <u>א. אויערבאך 7.</u>

ד א כ ע - די, =ס. (עלט) א מאנטל אונטערגעשלאגן מיט
פוטער (לויט געוויסע דערקלערונגען - אויף ביידע זייטן).

1920 " ער האט זייער דערמאנט א שטאלצן סקאנדינאווער.
די ברוינע דאכע האט אים נאך צוגעגעבן מער צפונדיקס". 1587/1
סעגאלאוויטש, 5, 40.

1936 " די פריצים פלעגט ער זען זייער זעלטן, ווען זיי
פלעגן דורכפארן דאס שטעטל |...| רייטנדיק אין 1587
לאנגע שווארצע דאכעס |...|". איבן ד'א מארשאק, 2, 193.

|1949-1953| " פון דער דאכע זעט זיך קוים ארויס א
באטיסטן קליידעלע". סמבטיון |וואסער באנד? זייט?|. 1588

" פון וואס פאר א חיהלע ס'איז די פעל פון איר דאכעלע,
ווייסט ער נישט". דצוו. 1589

ד א כ ע ו ו ק ע - די, =ס, פּפּ <u>דאכוווקע, דאכ(ע)קע.</u>

פּליטקע פון געברענטער ליים, **צעמענט** אדער פון

אנדער פייער=ווידערשטאנדיקן מאטעריאל, צו באדעקן א דאך

(אויך גערופן טשערעפּיצע). % מע דארף פארריכטן דעם

דאך - עטלעכע <u>דאכעווקעס</u> זיינען צעבראכן.

1865 " ער האט זיך אויסגעפלאכטן א געצעלט פון צווייגן

און האט אים באדעקט מיט קארע און מיט גרויסע גראבע בלעטער, 1293

וואס זיינען אזוי אויסגעוואקסן |?| ווי אונדזערע

<u>דאכעווקעס</u>". <u>דיק, 21, 21.</u>

1935 " |...| פּירן ברעטער, טירן און פענצטער, ציגל

און רויטע <u>דאכעווקעס</u> די הייזער צו באדעקן". 1294

<u>הירשביין, 5, 5.</u>

1957 "דאס רויטע ציגעלנע וואקזאלעכל האט אפגעשיינט

מיטן סקאסנעם דאך, א יינגעדעקט מיט גרינע דאכעוועקעס".

ח. פעט, פער 9, פסח=נומער, ז' 38.

דאכעל - דער, =עס. דזוו דאשעק (פֿון א היטל).

1947 " |...| האָב איך צוריק אויסגעטאָן מײַן קורץ

1577 רעקל, מײַן היטל מיט דעם גלאַנציקן דאַכעל און צוריק

אָנגעטאָן די לאַנגע קאַפּאָטע". ר. פּעדערמאַן, יזב 8, 376.

---

רעד: ניט זיכער, צי מע דאַרף דעם "ע" אין וואָרט.

אויב ניט, וואָלט די מערצאָל געדאַרפֿט זײַן דאַכל - דאַכלען.

איך האָב קיין מאָל אַזאַ פֿאַרמע ניט געהערט און ניט

געזען אין ליטעראַרישע מקורות, אין פּויליש ניטאָ אַזאַ

וואָרט (פּעדערמאַן איז אַליין אויך אַ טשענסטאָכאָווער).

דאַכ(ע)לקע - די, =ס. דזוו דאַכעווקע.

1949 "הייבט זיך אַ גלעזערנער |...| דאַך און קוקט אַרום

זיך אויף אַלט אָפּגעקראַכענעם בלעך און פֿאַרלאַטעטע 1296 1583

דאַכלקעס". זינגער, 9, 83.

1972 "איך קוק אין די הויפֿן אַרייַן, ווי איך היילן,//

און ס'דוכט מיר, די דאַכלקעס" בוימוואַל, 2, 37. 1584

(משלות "דאַכלבילך".)

1974 "די זון האָט ווי אַ פֿוילע קאַץ זיך צעלייגט

אויף די ציגלנע דאַכלקעס איבער דעם הייבוידעם". 1296

עלבערג, 2, 60.

דאכענע(ס) - די, =ס.(רעג, אונגערן) איבערבעט, פערענע.

1966 " דאס ווארט פערענע (איבערבעט) האט געהאט נאך

1591 א ווארט ביי יידן. איך סיגעט, אונגארן, האט מען

עס גערופן דאכענעס". י. וואלאך, פער 69, VI/19.

דאכפאן - די/דער, =ען. דזוו דאכעווקע/דאכלקע

|פינקעל, סטוטש 113|.

רעד: פינקעל טייטשט עס פון רוסישן ,черепица

וואס דאס מיינט טאק דאכעווקע, אבער מ. מארק(יישפ X-1)

זאגט: "דאכעווקע, פלאכע ליימענע קאכליעס אויף צו 1592, 1593

דעקן א דאך", דאכעווקעס (טשערעפיצע) ,זיינען אבער

ניט פלאך... טא וואס איז דאס? פינקעל גיט"דער",

מ. מארק -"די".

ד אָ כ פ ע נ ד ל – דאָס, =ער. |ליפשיץ 1| א פענדל

פון בלעך אויף א דאך, דינט צו באַשטימען די ריכטונג

פון ווינט.

(?נ?) ד אָ ל - |די?|=ן. (אַם, נאַ) ליאַלקע, פּופּע.

1938 " אין די הויפּן דרייען זיך// די דאַלן און

1597 די קראָען". גראָס, 1, 65.

1948 " וואָרט דאָרט אַ ווײַבל,// איך זאָג אײַך - אַ דאַל".

לוצקי, 3, 158.

| |
|---|
| רעד: ווי דאָס לייענען/שרײַבן אין ייִדיש: דאַל צי דאָל? |

((?נ?)) ד א ל א ז ש ע ן - טרוו, פאר דאלאזשעט. (רוס, נא)

מעלדן, ראפארטירן.

1870 " בעל=הבית, - האט חנה ווייטער דאלאזשעט, -

1601 מען האט אפגעבראכט דעם קעסל פון קאטליער".

פער 177, נ' 40, ז' 295.

1915 " אזוי איז דער איינפיר ביי די נגידים. אז עמעצער

1602 קומט, |...| באדארף מען פריער דאלאזשען דעם בעל=הבית.

|...| ערשט אז דער בעל=הבית הייסט |...| לאזט מען

אים אריין". שלום=עליכם, 15, 186.

ד אָ ל אָ ט ע - ------> דאַלעטע.

דאָלאַי=לאַמאַ - דער, =ס. דער הויפּטפּריסטער פֿון דער לאַמאַ=אמונה (טיבעט, אַזיע).

ד אַ ל אַ י - (רוסיצ) אינטעריעקציע, באַטייט:נידער!

אַוועק! אַראָפּ! מיר ווילן ניט!

1869 " דאַלאַי דאָס קעסטעלע! דאַלאַי די אַנגעוואָרפֿענע

1609 בעלי=טובֿות, דאַלאַי זייערע פֿינצטערע ביטערע

פּאַראַדקעס!". מענדעלע, 11.

ל גיין דאַלאַי - צו נישט ווערן, געפּטרט ווערן.

1923 " די שלעסער זענען געגאַנגען דאַלאַי, זיי זענען

1610 צעקראַכן געוואָרן ביי אים |ביים גנבֿ| אין די הענט".

ש. לעהמאַן, פּער 33, 71.

ד אַ ל אַ מ י ט - דער, =ן. מינעראַל, לויטן כעמישן באַשטאַנד - טאָפּלטע קוילנזויערע זאַלץ פֿון קאַלציום און מאַגניום [$CaMg[CO_3]_2$], געניצט אָפֿט ווי אַ פֿייער=ווידערשטאַנדיקע בוי=מאַטעריאַל.

1938 " איך לויף פֿון צענדליקער יאָרן האָט מען די |?| דנאַ פֿון די מאַרטען=אויוונס אָנגעקאַכט מיט דאַלאַמיט |...|". פּער 188, נ' 5 - 6. 1612

ד אָ ל אָ ן |ווייכער נ" ]- ----> <u>דאלאניע</u>.

דאלאניע - די, =ס, פפ דלאניע, (זן) דאלאן|ווייפער נ|

אינעווייניקסטע האנט פלאך. % ער האט מאזאליעס אויף

דער דאלאניע. עס בייסט מיר די דאלאניע.

1884 " גלייב מיר, יאכצע-לעב, אז דער מאמעס דיבורים

1616 זענען ביי מיר אזוי זיכער, ווי אויף דער דאלאניע".

ש. בערנשטיין, 1, 15.

1938 " סע גליען גלעזער גילדענע טיי אין די דאלאניעס".

1617 גראס, 1, 98.

1953 "גאנץ כאפון האט זיך אנטפלעקט פאר די אויגן

1618 אזוי ווי אויף אן אפענער דאלאניע". ברוסילאוו, 1, 19 .

◇ זיכער ווי אויף דער דאלאניע - אין גאנצן זיכער,

אן ספק, גאראנטירט.

פפ: גלאט ווי א דאלאניע.

וועז אויף דער דאלאניע וועט האר אויסוואקסן - דאס הייסט קיין מאל, געזאגט וועגן א זאך וואס קאן ניט געשען (ווייל אויף דער דאלאניע וואקסן ניט קיין האר).

ס׳בייסן אים די דאלאניעס, ער וועט ציילן געלט

(וואר: ציילן פעטש) - פאלקס=גלייבעניש.

אויסלעקן די דאלאניעס - פארצייטישע סגולה=גלייבעניש קעגן אן עין=הרע.

ד א ל א ר - דער, מצ דאלארן, פא דאלער. דער געלט=איינס פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע.

1892 " ער |דער טאטע| וועט שיקן צוואנציק דאלאר, // זיין פארטרעט דערצו,// און וועט נעמען, לעבן זאל ער// אונדז אהינצו=צו". שלום=עליכם, ליד "שלאף מיין קינד".

1928 " זיי האבן געבראכט ביידע געלט... פופצן דאלאר". 1627 לייוויק, 3א, 104.

1951 " מיט די צענדליקער מיליאנען דאלארן, וואס זיינען אריינגעפלאסן אין ליטע פון אמעריקע, 1628 האט מען אפגעבויט די צעשטערטע היימען". פער 106, 129.

|| דאָלאַרדיקע - אַדי. פֿון דאָלאַר(ן). % אַ דאָלאַרדיקע קאָנטע אין באַנק.

1955 " |...| איז פֿאַרגלאָצט געווען מיט טויזנט אויגן צום מיליאָן=דאָלאַרדיקן שמאַלצטאָפּ, דעם אָפּגאָט און אייבערגעץ |...| בעל=הבית". ב. ריווקין, 3, 226. 1633

(פֿון)

// שוו: בעסער אַן אייגענער סענט ווי אַ פֿרעמדער דאָלער.

(?נ?) ד אַ ל אַ ר אַ ז אַ - אַדוו. (איטאַל' מוזיק=טערמין)

אינטערפּרעטאַציע=אָנווייז צום אויספירן א מוזיקאַליש ווערק, באַטייט: מיט ווייטיק, מיט צער.

(?נ?) ד<u>א</u> ל ב ע - <u>די, =ס.</u> (<u>רעג, ליטע</u>) 1. "<u>א</u> גר<u>א</u>בער

שט<u>א</u>רקער פֿל<u>א</u>קן צום אונטערשפֿ<u>א</u>רן עפּעס"|<u>קטוו</u>|.

2. (<u>פּיג, שלש</u>) "וועגן א פּוילן מענטשן"|<u>קטוו</u>|.

1650 % "ער איז <u>א</u> שטיק ד<u>א</u>לבע"|<u>קטוו</u>|.

<u>רעד:</u> דער ז<u>א</u>מלער גיט אויך <u>א</u>ן אן עטימ<u>א</u>ל<u>א</u>גיע:ליטוויש: dalba.

302 דא -

דאלבען – טרוו. פאר געדאלבעט. (רוסיש)

1. בויערן, עקבערן. % דער סטאליער דאלבעט
די ברעט מיט א סטאמעסקע.

1865 " די יידן האבן געבען צו דאלבען א שטארקע
שטיינערנע מויער, וואס שיידט זיי אפ פון קריסטן".
פער 177, נ׳ 1, ז׳ 5.

2. (פיג) איינטענהן, איינריידן, דערקלערן לאנג.
% מע דארף אים לאנג דאלבען אין קאפ אריין, ביז
ער פארשטייט עפעס.

1904 " |...| דעם ׳שניט׳, דעם ׳קראי׳, דאס האט|ער|
בשום אופן ניט תופס געווען; און וויפל די שניידער
האבן אים געדאלבעט |...| אין קאפ, איז געווען לבטלה".
לעווונער, 13, 7.

1650/1

3. (פיג) מאטערן אין געדאנק, קלערן לאנג וועגן עפעס.

1945 " עס דאלבען אים אויך אנדערע רעיונות".
באריישא, 3, 190.

303 - דא

ד אָ ל ב ע ש ק ע - די. =ס. (רעג. וויַסרוסלאַנד)

1655 .1 "א פֿילצערנער האַמער" |קטוו|.

.2 (פּיג) "אַ נאַר, אַ טעמפּער מענטש" |קטוו|.

B: даубешка

דאלובינג – <u>דאס, בא.</u> (<u>רעג. פוילן</u>)

אַ לאַבעכץ, א דערקוויקעניש (וועגן אַ מאכל).

1933 " א טרוקענע קאַרטאָפל איז געווען א ׳<u>דאלובינג</u>׳, און קיין ברויט האָט מען ניט געזען". <u>דעמבלין, 1, 41.</u> 1659

<u>רעד:</u> כ׳שרײַב ווי אין טעקסט, אָבער אפשר שרײַבן <u>דאלובונג</u>? דדערלאָבונג? ס׳קומט פון לאַבן זיך (=קוויקן זיך).

305 - דא

ד אָ ל ו ב ע ן – <--- דלובען/דאלבען.

ד אָ ל ו י - ----- דָאלָאי.

(?נ?) ד אַ ל ז ש נ אַ ס ט |ווײַער ט| - די/דאס, =ן.

(רוס, נאַ) שטעלע, פּאַסטן, אַמט.

1865 " האט ער אויף זיך דאָס דאַלזשנאַסט איבערגענומען

1662 מיט דער האָפֿענונג, אַז צוליב אים וועלן די אײַנוווינער

די קינדער אין שולע געבן". פּער 177, נ׳ 3, ז׳ 38.

1934 " גיי אַהיים און זוך דיר אַ דאַלזשנאַסט מיט

1663 אַן אַנדער קוואַרטירע". מילשטיין, 1, 139.

308 - דא -

מטפֿאָל

ד אַ ל ט אָ נ י ז ם - דער, בא. (מעד) באַזונדערקייט

אין דער ראיה בײַ געוויסע מענטשן, באַשטייט אין ניט

קענען אונטערשיידן געוויסע קאָלירן, ס'רוב גרין און רויט.

ד אַ ל ט אַ נ י ס ט – דער, =ן. (מעד) אַ מענטש וואָס קען ניט אונטערשיידן געוויסע קאָלירן, ס׳רוב גרין און רויט.

1973 " אויף מוזיק און מאָלעריי בין איך כמעט אַ

1667 דאַלטאָניסט |...|". ראָזענפֿאַרב, 3, 197.

ד אַ ל ט אָ ן = ס י ס ט ע ם - __די, בא. פּפֿ__ __דאַלטאָן=פּלאַן.__

א שיטה אין דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק, וואס ווארפּט

אָפּ די לעקציע=סיסטעם און לייגט דעם טראָפּ אויף

פֿאַרזיכערקער ארבעט פון די תּלמידים.

ד אַ ל ט ש ע <u>I</u> - (<u>מוזיק</u>) אינטערפּרעטאַציע=אַנווייז

צום אויספֿירן א מוזיקאַלישע שאַפֿונג, באַטייט:

זיס, מילד, צאַרט.

ד א ל ט ש ע !! – די, =ס, פּפּ דאַלטשעץ.(רומ,נא)

1672 זיסיקייט, זיסע זאַך, זיסוואַרג.

1893 " און באַשעפּטיקן זיך איינסווייל מיט פאַרשידענע

1673 דאַלטשעצן אויך מיט צוקער=בעקערייַ". אַרנשטיין,2,72.

ד אָ ל ט ש ע ץ - ----← דאָלטשע !!.

(?נ?) ד א ל י ( ע ) - אדוו. (אוקר) נאר אין (אוקר)

שפריכוואָרט:

ד דאלי(ע) אטשי, דאלי(ע) סערצע - טײַטש:

ווײַט די אויגן, (איז) ווײַט דאָס האַרץ, געמיינט, אַז

פֿון דער ווײַטנס פילט מען ניט יענעמס צרות, לײַדן.

1676 ד אַ ל י אַ = ב ל ו ם - די, =ען, פֿאַ דאַליע=.זגאַל בלום.

~~1678~~ 1972 "די גערעטעניש אויף דאַליאַ =בלומען איז ביַי

אים היַי=יאַר געווען א באַזונדערס גוטע". י. ראַכלין,

פער 155, IX/38.

........................................................

רעד: סטוטשקאָוו גיט אָן (250): געאָרגינע, דאַליע(אַם)

ניט קלאָר, צי זייַנען בײדע דאָס זעלבע.

........................................................

ד אַ ל י אַ ק - דער, =עס. בנב.

1875 " |...| און שימחת=תּורה, דער דאַליאַק ,

1678 טעקסט: דאַליק| וויפּל ער האָט אין זיך געגאָסן".
גאָלדפֿאַדען, 1, 27.

317 - דא

דאַליטע - ----> דאַלאַטע/דלאַט.

ד אָ ל י מ אַ ן - דער, |מצ?| (עלט) פאַרצײַטישער

אײבער=בגד, גענויער בנב (דזוו דאַלמאַן?)

1860 " |...| אין אײן טורקיאס או דאַלימאַן אין

1682 אײן ווײס אפינטשי |...|". יהושע בר יוסף, 2, סימן גג.

ם דאַלימאַן.

1715 " ער האט אן גיהאט אײן ווײסי יאפאנטשיע

1683 אין אײן לאזער דאַלימאַן אין אײן ווײסין

קאפריש". שו"ת פני יהושע, ציט הש !.

דאלינע - די, =ס, פֿאַ דאלענע. 1. אַ טאָל, אַ נידעריק אָרט. *Uk: долина; P: dolina*

1850 "דאס אורט וויא דער בעש"ט איז געזעסן זעניך גיוועזן גאנץ הוכי בערג, צווישן איין בארג צום אנדרין איז זייער טיפע דאלנים גיוועזן, גלייך וויא איין וואנט". איבז אַנ, שבחי בעש"ט, 4,5, I. 1684/1685

1960 "דער טײַך קוועלט אַלץ, מן=הסתם דורך דער בערשאַדער דאַלינע |...|". י. פּרידמאַן, 2, 39.

2. (פּיג) אַ גאס אדער אַ שטאָטפּערטל וואָס ליגט אין אַ טאָל.

1968 " זינט ער האט אויסגעברוקירט |...| דעם

1691 מארק און די דאלינע, איז אונדזער שטאט געווארן

א הילכיקע". קיפניס, פער 131, נ׳ 6, ז׳ 32.

1973 " געווינט האבן זיי אין סטארי בארשטשעוו,

1687 איבער דער דאלינע |...|". בלומענטאל, 1, 177.

רעד: כ׳בין ניט זיכער, צי די לעצטע ציטאטע איז
טאקע צום צווייטן באטייט, אבער ביי אונדז אין
לויצק איז יא געווען א געגנט אין שטאט, וואס
מע האט גערופן די דאלינע.

דאליע - די, =ס. (סלאוו, פטמ) מזל, גורל, מערכה, מצב, (ס׳רוב געניצט איך נעגאטיוון זינען).

% האבן א שלעכטע (א גוטע) דאליע. א שווערע (פינצטערע, וויסטע) דאליע. דאס ווייב האט ביי דעם קמצן א ביטערע דאליע. זיי קלאגן זיך אויף זייער דאליע.

|אנהייב צוויי"ה| " אזא יאר זאל דער שדכן האבן, ווי
1697 א דאליע ער וועט נעבעך האבן ביי איר".
אנ. געגנארטע וועלט, 3, 91.

1873 " |...| ווי אזוי מיאוס |...| דו באהאנדלסט מיך,
1697 דייך געטרייען פריינד, וואס ווינטשט דיר א בעסערע דאליע, ווי איצט". מענדעלע, 1, קאנק 129590.

1910 " |...| כדי ער זאל מארגן// דערפילן נאך טיפער//
זיין שרעקלעכע **דאליע**, // זיין ביטערע נויט". 1698
פרוג, 1, 261.

1938 " פאר וואס האבן זיי, נעבעך, אזא פינטערע **דאליע**?".
מאנגער, 2, 203. 1699

1957 " דו ביסט מיין **דאליע**, מיין שווארצפליגלדיקע, –
האט דער פויער געזאגט". ברוסילאוו, 2, 29. 1700

2. (סלאַוו, נאָ) טייל, חלק, פּאָרציע. % אויף זייַן דאָליע
איז אויסגעפֿאַלן אַ קלענער סטיקל ברויט.
3. (עלט) רוסישע אײנס פֿון וואָג, גלײַך 13 44 מיליגראַם.

(?נ?) ד אַ ל י ע ג ע ן - אוטוו, דריטפֿערזאַניק, צו אַ סוב
אָדער פֿראָנ איך דאַטיוו. (פֿאַלאַנ) ווייי טאַן, מאַטערן,
דערקוטשען.

1895 " מען זאגט א מאָל, א קינד דאַליעגעט עפּעס, עס
טוט עפּעס ווייי, - דאַ גאַר ניט, דאַרף זיך אַ פֿרישע,
אַ געזונטע, און גייט אויס ווי אַ ליכט". ב. גאָרין,
פֿער 20, נ׳ 6, ז׳ 45.

(?בנ?) דאליען - ווערב. קטוו בנב.

רעד: חוץ דעם זוכוואָרט - גאַר[ב]יטאַ אויפֿן קאַרטל.

ד א ל ך – דער, =ן. (עלט) א שטעכגעווער, צווייישארפיק,

מיט א שפּיץ, מין קורצע שפּיז; קינזשאל.

1863 " דער דאלך (שפּיז) איז ארויסגעפאלן פון מיין

ציטערדיקער האנט". פּער 177, נ׳ 17, ז׳ 268. 1726

1899 " איין דאלך |...| מיט דימענטן רייך באזעצט,

האט טונקל גליענד געבליצט". איבן שפּערלינג, ז׳ 28. 1727

1915 " דער אינטריגאנט אין ארבל// האט גיפּט און

דאלך געבראכט". ראלניק, 1, 96. 1728

1923 " |...| דאס געמעל, וואס ווייזט א געפאנצערטן ארעם

מיט אן אויסגעקרימטן דאלך, איז אין מיטן אפּגעקראצט".

א.צ. גרינבערג, 2, 85. 1729

1958 "מיט דעם שפּיץ פֿון אַ **דאָלך** איז זיי געלונגען

1732 די טיר צו עפֿענען". א.י. קרים, פּער 18, 24/I.

דולכן.

1668 "און דער טרוג איז זיינר האנט איין שארף קליין

1730 שווערטליין דש מן נענט איין דעגן אודר איין **דולכן**.

און' עש האט צווייא שערפֿן". יוסיפון, 3, דף ריד – 2.

רעד: אומיסטן געגעבן אַ סך ציטאַטן (דאָ נאָך) פֿון פֿיינע שרייבערס (און דאָ נאָך), וואָס ווייזן אַז דער פֿלאַקן ביי סטוטשקאָוון איז ניט באַרעכטיקט. דאָס ווייזט אויך די ציטאַטע פֿון 1668!

327 - דא

(?נ?) ד אַ ל מ אַ ט י ק ע - די, =ס. |סטוטש 618,522|.

אייבער=בגד פון אַ גלח, מין סוטאַנע.

ד אַ ל מ אַ ט ש - דער, =|עס?|.(עלט) דזוו דאַלמעטשער.

1914 " בעטי (אַלס דאַלמאַטש, צו איוואַנאַוון): מײַן

1735 מאמע זאָגט, |...| ווי קאַנט איר דאָ זײַן? |...|.

שלום=עליכם, 36, 31.

|?1921| " קיין מאָל וועט א שטאַלצע הארץ פאַר זיך ניט

1736 זײַן אַליין קיין דאַלמאַטש". אגבז, אנ, אוריאל אקאסטא, ז"14.

**דאלמאן** – דער, =עס. (עלט) פארצייטיקער
אייבער=בגד פון א פרוי, מיט ברייטע ארבל.

1884 " זיי דיר א קריסט, א מוסולמאן, א ייד, טראג
1738 דיר א דאלמאן, א טלית, צי א ריזע!".
איב, י. לינעצקי, ז' 58.

1936 " |...| א דאלמאן געהאט צו דער חתונה, |...|
1739 א פליושענעם זשאקעט, גאלדענע פינגערלעך |...|".
בורשטין, 2, 109.

1958 " דערנאך וועט קומען די מחותנתטע, אויסגעפוצט
1740 אין א פליושענעם דאלמאן |...|". ארצישעווסקא,1,77.

1974 " דעמאלט האט די אלטע גלעזערקע אנגעטאן איר
1741 שבתדיקן דאלמאן |...|". א. קאגאנאווסקי, יזב 248,17.

ד אַ ל מ ע | ווייכער ל | – די, =ס. (רעג, מאַהלעווער געגנט)

1744 קורצע פּעלערינע | י. לעווין, פּער 90, נ׳ XVIII, ז׳ 57|.

..............................................

רעד: ס׳איז מסתמא דאָס זעלבע וואָס דאַלמאַן.

..............................................

1913 " |...| איך וועל איַיך ניט אָוועקלאָזן |...|

1743 טוט אויס אייער דאַלמע". פּינסקי, 8, 63.

ד אַ ל מ ע ט ש - דער, =|עס?| (עלט) דזוו דאַלמעטשער.

1866 " דער פּאַליציי=מייַסטער |...| האָט געהייסן

1746 ברענגען א דאַלמעטש". פּער 177, נ' 22, ז' 342.

דאַלמעטשן - טרוו. (עלט) איבערזעצן, פֿאַרטײַטשן
פֿון איין שפּראַך אויף אַ צווייטער.

1951 " דער פֿאַרטרעטער פֿון דײַטשן אַרבעטסאַמט אין געטאָ
|...| האָט זיך ניט געקענט גוט צונויפֿריידן אויף 1747
דײַטש און האָט זיך אַליין גענייטיקט אין דעם דאַלמעטשן
פֿון די ייִדישע פֿאַרשטייער". א. ירושלמי,
פּער 106, 1791.

**דאַלמעטשער** – דער, =ס. איבערזעצער פון

איין שפּראַך אויף אַ צווייטער.

1867 " דער גובערנאַטאָר האָט |...| געפרעגט |...|

1750 דעם קאַזיאַנע רב, וואס איז געווען דער דאַלמעטשער

|...|". פער 177, נ' 11, ז' 86.

1951 " איינצלנע געבילדעטע ייִדן זיינען געווען

1751 דאַלמעטשערס פאַר די פראַנצויזן". א. קאַצענעלנבאָגען,

פער 106, 346.

1968 " אויב איר פאַרכט איך, אַז איר וועט ניט קאָנען

1752 ריידן אין דייטשער שפּראַך, וועל איך זיין דאַלמעטשער".

לעיעלעס, 6, 404.

|| דאלמעטשערײַ — דאס, בא. איבערזעצערײַ, איבערזעצ=
ארבעט|מארק ווב 1296|.

דאלמעטשעריך — די, =ס. איבערזעצעריך.

1951 " די רביצין, וואס גייט אין מארק, איז געווען
1754 די דאלמעטשעריך צווישן פויער און רב".
א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 342.

335 — דאַ

(?נ?) ד אַ ל מ ע ן — דער, =עס. מצבה=שטיין פֿון פּרעהיסטאָרישע

צײַטן.

דאַלע - די, =ס. "פֿויגל"|קטור|. 1767

רעד: אויפֿן קאַרטל איז אָנגעגעבן: "פֿויגל(גאַלקע)"
אויב דאס איז ריכטיק, איז דער ווסנ:
Coloeus monedula.
אַ פֿויגל פֿון דער קראָען=משפּחה.
ענגליש: Jack-daw.

(דערפֿ)

ד אַ ל ע ב ן - אַדוו. (פּטמ) לעבן, (דער)נעבן, ניט ווייַט, בייַ דער זייַט פֿון עפּעס.

... " הערט ער פֿון אַ שטוב דאַלעבן // טרינקגעזאַנג און שפּיל פֿון קאָרטן". מ. ל. האַלפּערן, ציט 3, 23. 1769

... " אין דעם שפּאַציר=גערטל דאַלעבן". נאַדיר, ציט 13, 117. 1768

1973 " פּריידעלעס בעטל האַרט דאַלעבן". אַליצקי, 227,5.

(?ב?)

ד אַ ל ע ד - דער, =ן. 1. דער נאָמען (אין ייִדיש= אַרויסרייד) פֿון פֿערטן אות אין ייִדישן אַלף=בית.

% אין וואָרט "קודעלע" זײַנען דאָ צוויי דאַלעדן.

2. עפּעס וואָס זעט אויס ווי אַ דאַלעד. % די טישן האט מען אויסגעשטעלט אין אַ דאַלעד.

1882 "אונדזער ר' איטשעלע איז געווען ניט קיין נאַר און האָט מן=הסתם גענומען א שײַנע פּאָר טויזנט רובל פּײַער=קאַסע און אין קורצן אויפגעבויט א דאַלעד".

א. מרגליות, 1, 48.

| רעד: גענבן בײַ דלת? דלד? |

345 דא –

(?נ?) ד אַ ל ע ו ו ק ע – די, =ס. (פֿאַלאַנ) צוגאַב (ס'רוב
וועגן צוגיסן נאָך אַ פּאַרציע זופּ). % די זופּ איז
געשמאַק און חבֿרה בעטן אַ דאַלעוווקע.

דאלעטע - די, =ס, פֿא דאלאטע, פּפּ דלאטע, דלאט, פּקפּ דאלעטקע. א שטאַלענער מכשיר אין דער פֿאַרעם פֿון א שטאַבקע מיט אַן אונטערשטן שאַרפֿן קאַנט, דינט אויסצודויבען, אויסהוילן, ~~צו מאכן~~ א פֿאַרטיפֿונג אין האָלץ אָדער אַנדערע מאַטעריאַלן; שטאַמאייזן, סטאַמעסקע.

% דער סטאָליער מאכט מיט דער דאַלעטע א קוואַדראַטנע לאָך אין דער ברעט. דער סקולפּטאָר אַרבעט מיט אַ קליינער דאַלעטקע בײַ אַ האָלצשניט.

1867 " איין אַלט צווענגל קויפט ער ערגעץ אָפּ און

1777 דאַלעטע דינט פֿאַר א שרויפֿנציִער". ארז, פער, 177, נ׳, 31, ז׳, 239.

1887 " אויף דעם דנאָ |פֿון קאַסטן| ליגט פֿיל זעגעכץ,

1778 א דאַלאַטע, זעגן |...| און אַנדערע אינסטרומענטן".

פער 74, נ׳ 13, ז׳ 201.

1948 " געטראגן האט אויף זיך דער גראנאטאפער

1780 פאטריארך דעם גלאנץ פון דאלעטעס און זעגן".

מארקיש, 9, 100.

1960 " איך קען מאניפולירן מיט א דאלאטע".

1781 סיימאן, 2, 123.

□ דלוטא.

... " ומקבות -דלוט"א בלשון רוסיא". רייכלין 8,

1782 מלכים א׳, ו - ז.

ד א ל ע ם – אדור. (שגל) "דורך אונטן, געמיינט
דורך די קאנאלן (וועגן שמוגל אין געטא)
צום אונטערשייד פון "גוראן", איבער דער מויער".
|בלומענטאל, פער 90, נ׳ XIX – 3, 1959|.

(?נ?) ד אָ ל ע ר י ט - דער, =ן. מין מינעראַל.

| |
|---|
| רעד: ביי סטוטש ניטאָ. |

344

דא -

דאַלפּין - דער, מצ דאַלפּינען. (אַמ) דזוו דעלפּין.

1960 " דער דאַלפּין איז נישט קיין פּיש, נאָר א זויג=חיה.

ער האט נישט קיין בלאָז, ווי אַ פּיש, נאָר ער אָטעמט 1789

דורך זײַנע לונגען". ד. סעגאַל; פּער 155, ווא /2.

דאַלקין - דער, |=ס?| (רעג, אונגערן) קניש.

1895 " קנישעס (דאַלקין), אַז זיי זענען געפּילט מיט קעז אָדער מיט גריוון |...| איז אַ ספק ברכה".

1791

אַנ, ס' מקור הברכה, 2, דף יח - !!.

........................................................

רעד: 1) איז דאָס וואָרט "דאַלקין" דאָ אין איינצאָל?

2) איז דער פּאַרטייטש אין קלאַמערן אַ יידישער סינאָנים צו "קניש" אָדער אַן אונגעריש וואָרט?

די אויסגאַבע איז פון מונקאַטש.

........................................................

ד <u>א</u> ם <u>I</u> - <u>דער, =ען.</u> (<u>אם?</u>) ד<u>א</u>מבע, הרעבליע |<u>סטוטש445</u>|.

347 - דא

דאם II - דער, =ען. מין שפּיל, ווי דאַמקע (טערקישער דאָם) |סטוטש 514|.

348

דאָם I – דער, =ען. 1. ספּערישער אָדער ספּעראַידאַלער דאַך, ס'רוב איבער אַ קלויסטער.

1966 "ווער סע באַוווּנדערט די שטאָלצע, פּאַרריסענע

1498 קלויסטערס מיט זייערע דאַמען". מ.מ. שאַפּיר, 2, 41.

2. קאַטעדראַלע, קאַטעדראַל=קלויסטער.

3. אַ קײַלעכדיקער בנין; ראַטונדע.

דאַם !! - דער, =ען. שפּילברעטל פֿאַר דאַמקעס, שאַך.

|ליפשיץ 1|.

דא־

350 דאַמאָוואָי – דער, =עס. (רוס) דזוו דאמאווויק.

1867 " די צייט בלייבט צייט, און פון גייסט|ער|

1802 ווייסט ער נאָר פון שלעכט|ע|: אַ שד מיט אַ לץ און אַ דאמ

דאמאוואי". א. מרגליות, פער 177, נ' 50, ז' 377.

1910 " אייַנגעהויקערט נעבעך,// אין אַ פינצטער ווינקל,//

1803 זיפצט און קלאָגט דער אַלטער,// גראָער דאמאוואי:

ווידער שוין מע גקומען// נייַע בלעי=בתים!".

פרוג, 1, 23.

R: домовой.

351   דא –

ד אַ מ אָ וו י נ ע – די, =ס. (אוקר) 1. טרומנע, קאַסטן אין וועלכן מען באַגראָבט א געשטאָרבענעם (קריסטלעך).

ук: домовина.

2. (איר) "ניט=געשיקטער, אומרירעוודיקער מענטש" |קטוור|.

דאַמאַוויק – דער, =עס, פּפּ דאַמאוואי, (זן) דאַמאַווניק. (אוקר) 1. לויט די פֿאַלקסגלייבונגען – א גייסט(רוח, שד, ניט=גוטער), וואס באַזעצט זיך אין הייזער(אויפן בוידעם , אין קעלער אָדער אין אַנדערע פּוסטע, ניט=באַווינטע ערטער).

1886 " |...| דער דריטער האָט דערציילט אויך זייער א
שיינע מעשה פון אַ לץ, פון אַ דאַמאַוויק |...|". 1811
שלום=עליכם, 22, 236.

1936 " ניט קיין שדים,/ דאַמאַוויקעס,לעסעוויקעס//
איבער שטרעקעס שפּרייט זיך אויסעט/ א מעטאַלענער 1812
גלין=גלאַן". כאריק, 3, 175.

1957 " א סך ווונדערלעכע גײַסטער געפֿינען זיך אויף
1813 דער ערד: 'דאַמאַוויקעס' אין די הײַזער |...|".
ברוסילאָוו, 2, 207.

2. (שש) וועגן אַ מענטשן אַ שטובזיצער, אַזאַ וואָס האַלט
זיך ווײַט פֿון מענטשן.

דאמאווניק - דער, =עס. (אוקר) דזוו

דאמאוויק, ב׳ 1.

1867 " און אז איך דערזע ביי נאכט |...| א ווייסע
1820 ציג שלעפט א שטרוי פון דער סטריכע, מיין איך,|...|
אוודאי א דאמאווניק אדער א שד |...|". ליניעצקי,
פער 177, ז׳ 124.

1953 " בייאים איך הויז ווױנט נאך אלץ דער אלטער
1821 הויזגייסט, דער דאמאווניק, פונקט אזא היימישער
ווי דער גריל אונטערן פריפעטשיק". ברוסילאוו, 1.

רעד: א ספק, צי דאס ווארט איז ריכטיק איבערגעשריבן (געדרוקט?), ווייל איך אנדערע ערטער ניצט ברוסילאוו "דאמאוויק". כדאי צו געפינען די זייט איך בוך!

1960 " יעדע שטוב האָט געהאַט אַ דאָמאָווניק, אַ הויז=שד,
1822 וואָס האָט געוווינט הינטערן פּיעקעליק".

באַשעוויס, פּער 155, X/21.

..........................................................

רעד: אין פּויליש האָט ניט דאָס וואָרט דעם באַטייט.

פון וואַנען זשע האָט עס באַשעוויס גענומען?

אויך אַ טעות אין דרוק?

..........................................................

356 - דא

ד אַ מ אָ ט ש ק ע - ----→ דאַמעטשקע (דאַמע).

357 דא -

ד אַ מ אַ כ ו אַ נ א - די, =ס. (שפּא, רעג, אַרגענטינע,) (?נ?)

אַ גרויס קיישלפֿאַש |פּער 21|.

ד א מ א ל ט - אדוו. דזוו דעמאלט.

... " דאמאלט האט די רעדאקציע פון דער "יידישער
1825 ביבליאטעק' באאויפטראגט א געוויסן שרייבער |...|".
פרץ, 11, 64.

1963 " מ'טאר נישט צוריקשרייען. ווען זי לאזט אים
1826 דאמאלט אפשטארבן, וואלט ער איבערגעלאזט א גוטן
נאמען". באשעוויס, 4, 61.

358/1 דע-

ד א מ א ל ס ד י ק - ---→ דעמאלטיק.

דאמאלס(ט) - אדוון, דזוון דעמאלט.

1864 " תקופת חמה געפאלט אלע 28 יאר אין חודש ניסן,

1827 ווען די מצווה דאמאלס צו פרי, ווען די זון אויפשיינט,

ברכה צו מאכן". ברודא, 1, דף לד.

1885 " דאמאלסט וואר |=איז געווען| דער ייִד נאך

1828 שוואך אין געדאנקען |...|". בובבינדער, 1, 32.

1900 " דאס וועסנעדיקע פלאנצן פארזארגט דאס ביימעלע

1829 מיט ווארעמקייט, אבער דאמאלס דארף דאס ביימעלע

האבן א סך באגיסן |...|". וועללער, 1, 20.

1923 "ווער ווייסט? ביז דאמאלס |ביז דער ישועה|

1830 ווערט מען זיך נאך דרייצן מאל איבערדרייען אויפן

פיעקעליק". ביימאן, 1, 93.

1927 " פון דאמאלסט אן האט די מיסעס אייזיק אנגעבעטן

1831 איר פריינדינען זיי זאלן |...| דעם פעדלער געבן

צו לייזן". יודעלסאן, 3, 15.

1958 " אויב |...| זיי וועלן זיין אויסגעזארגט מיט

1832 פרנסה, דאמאלטס וועלן אלע ממילא זיין גוט און פרום".

טרונק, פער 68, VII/12.

|| דאמאלסטיק – אדי. פון דעמאלט, פון יענער צייט;

דעמאלטיק.

1899 " דער באוווסטזיין האט זיך מוראדיק פארשטארקט

1848 דורך די פאליטישע ווירקונג פון דער דאמאלסטיקער

רעגירונג און ביוראקראטיע אויף די ארבעטער".

פער 8, נ' 8, ז' 12.

361   דא –

1957   " ביַי מיר אין די קינדעריאָריקע רשימות איז פֿאַראַן

א פֿאַרצייכענונג |...| וואָס מיַין דאַמאַלסטיקער

מלמד |...| האָט מיר דערציילט".   י.י. שניאורסאָן,2,דף מ"ח.

דאָמאַן - בנב.

........................................................

רעד: אין קאַרטל שטייט אונטער דעם וואָרט:לעגענדע,
מער גאָרניט.
וואָס מיינט עס?

........................................................

ד אַ מ אַ נ י ק – דער. =עס. דזוו דאַמאַוויק/דאַמאַוואַי.

1895 " כדי זיי זאָלן איך גענען רוען, פֿלעגן זיי מיך

1851 שטענדיק שרעקן מיט אַ שד, אַ באַבאַי, אַ רוח, אַ דאַמאַניק,

אַ בעטלער מיט דער טאָרבע וכדומה אַזעלכע סטראַשידלעס".

ליִנעצקי, 9, 13.

רעד: אין אַנדערע קאַרטלעך מיט דער אייגענער ציטאַטע

איז געשריבן "דאַמאַניק".

ד אַ מ אָ ס ט - דער, בא. (עלט) דזוו דאמאסק.

1925 " צוויי מאָל איינפּאַך געשטרייפּטן גראַדעל און
1854 צוויי מאָל געבלימטן דאמאסט גראַדעל מיט געפּעקלטע
איינזעצן". מוירער, 2, 48.

1968 " |...| אויף שפּאַגל נייע ווייסע דאַמאַסט=טישטעכער -
1854/1 גרויסע זילבערנע לייכטער". א. קאליש, יזב 2, 190.

|| דאמאסטן - אדי. (עלט) פון דאַמאַסט / דאַמאַסק )

▫ דאמאשטין. אדי.

1726 " |...| איין דמשטן פאר האנג |...|". פנקס אה"ו,
1855 |ציט פער 94, נ' XXXII, ז' 121|.

365

- דא -

1732 " |...| ענגילשי אלש איך איטאליאנישי סחורות,

1856 נעהמליך ענגלישי שארשין,|...| שטרימפף, |...| איטאליאנישי

טאפיטין, דאמאשטין הויזן אין אן זעהנליכי קוואנטיטעטן".

אגרת שלמה, דף ג/ב.

366 - דא

ד א מ א ס ט י ק - דזוו דאמאסק | סטוטש 524 |.

ד אָ מ אַ ס י ע ד - דער, =ן. (רוס, נא) א שטובזיצער, (?ב?)

איינער וואָס האָט ניט ליב צו זײַן אין געזעלשאַפט,

וויל בעסער זיצן אין שטוב. % אויף דער עלטער

איז ער געוואָרן א דאַמאָסיעד.

ד אַ מ אַ ס ק - דער, בא, פּפּ (עלט) דאַמאַסט, אַדאַמאַסק, דאַמאַשק
דאַמאַסקין, עדעמאַשק. איינקאַליריקער שטאָף מיט
מוסטערן פון אַריינגעוועבטע גלאַנציקע פֿעדעם.

1844 " איינווייניג איז עס אויסגעהאנגען געווען מיט
אטלעס, דאַמאַסק, גראַדיטור, ראַצע מאַרע |...|".
פּאַוויר, 2, דף יג/ב. 1864

..........................................................

רעד: זעט אויס, דער אויסלייג איז מאָדערניזירט.

..........................................................

1927 " |...| אַן אינטערעסאַנטע רשימה פון סחורות
|...| ווי אַטלעס, דאַמאַסק, סאַמעט |...|".
עלזעט, 3, 9. 1865

ם דימאשק/דמשק.

1637 " זופאן אטלס או דמשק אין לעשות מכאן ולהבא

1866 חדשים כי אם מי שנותן וסכום מארבעה אלפים זהוי ולמעלה".

פנקס מדינת ליטא, ועד שצ"ז, ז' 68.

|| דאמאסקן |דאמאסקענע-ר| - אדי. פון דאמאסק.

1866 " צוויי הימלבעטן מיט שיינע ווייסע |...|

1870 אדער דאמאסקענע פארהאנגען". ארץ, פער 177, נ' 4, ז' 51.

1934 " א העמד - דאמאסקן זייד צו שלאפן גיין".

1871 מ.ל. האלפערן, 2, 79.

370 - דא

ד<u>א</u> מ <u>א</u> ס ק י ן - <u>דער, בא.</u> <u>דזוו</u> דאמאסק |<u>סטוטש 524</u>|.

ד אַ מ אַ ס ק ר ו י ז - בנב.

רעד: אויפֿן קאַרטל - נאָר דאָס וואָרט.

ד אַ מ אָ ק ל ( ע ס ) - געניצט נאָר אין באַהעפט

דאַמאָקלעס=שווערד/דאַמאָקלעישע שווערד - וועגן אַ טויט=סכנה וואָס באַדראָט עמעצן שטענדיק און מע ווייסט ניט ווען זי וועט מקוים ווערן (לויט דער גריכישער לעגענדע וועגן דיאָניזאָסן, דעם טיראַן פון סיראַקוזי, וועלכער האָט געלאָזט הענגען אַ שווערד אויף אַ פערדישער האָר איבערן קאָפּ פון זיין שונא דאַמאָקלעס).

1917 " אין פראַנקרייך איז אויף דעם קאָפּ פון דעם
1877 אַרמיי=קאַפּטאַן דרייפוס אַראָפּגעפאַלן יענער דאַמאָקלעישע= שווערד, וואָס הענגט אומעטום איבער דעם קאָפּ פון יעדן ייִדן".

זשיטלאָווסקי, 6, 140.

373 – דא

1948 " איצט איז די אנגסט |...| און די געפּאר פּילפּאכיק

1878 ממשותדיקער, זי לויערט איבער אונדזערע קעפּ ווי די

דאמאקל=שווערד". א.י. זאקוסקי, פער 44, נ׳ 5 - 6,ז׳47.

דאַמאַר - דער, באַ. סמאַלע פון געוויסע טראָפּישע געוויקסן, 1881
געניצט אין דער פּראָדוקציע פון דורכזיכטיקע לאַקן,
לינאָלעום, פּלאַסטערן.

0 דאַמאַר=גומע - די, באַ. "א ווײַסער רעזין, ווערט
געניצט צו ווײַסן עמאַל"|קטוו|. 1882

|221 סטוטש|סמאַלע,שמירעכץ מין .דער, באַ - ד אַ מ אַ ר י ן (?נ?)

רעד: מסתמא דאָס אייגענע וואָס דאַמאַר.

(?נ?) ד א מ א ש נ ע – אדי. (רוס, נא) היימיש, שטוביק.

R: домашний.

1868 " די פּאלאטעס זענען גרויס, גערײמיק און הויך,

1885 |...| חוץ א דאמאשנע אַפּטייק און נאָך אַנדערע נעבן=
צימערן". ארז, פער 177, נ׳ 49, ז׳ 363.

1881 " דו רעכנסט זיך שוין נאָך דער מאַמעס דאמאשנע

1886 ׳בר=מצווה=מעטריקע׳ 15 יאָר, און נאָכן דוכאָווונע
בית=מדרש=פּנקס 18 יאָר". דלוגאטש, 2, 53.

1900 " צום רייניקן פֿון בענקין זײַנען דאָ עטלעכע

1887 מעטאַדעס; גאַנץ קליינע וועשערײַען באַנוצן דערצו
הויזלעכע (דאמאשנע) מיטלען". ש. שפּירא, 1, 19.

דאמאשעק – דער, בא. דזוו דאמאסק.

1964 "די סחורה דאמאשעק קומט פון דער סירישער שטאָט דמשק". א. יאקובזאן, פער 155, X/11.

378 - דא

ד אַ מ אַ ש ק ן |דאַמאַשקענע-ר| - אדי. דזוו דאַמאַסקן.

ד אַ מ ב - די, =ן. דזוו דאַמבע.

1910 " אַט ברעכט זיך די שוואַכינקע דאַמב, // די

1894 שיידוואַנט פֿון מענטש און פֿון חיה". ליעסין, 3, 29.

1931 " אַ כוואַליע, וואָס האָט נאָר צום ווייטער |?|

1895 אַ שטעג, // האַלט שטענדיק אין יאָגן. |...| און וואַרפֿט

זיך אויף וועג |?| איר אַ גרענעץ, אַ דאַמב, // און מוז

זי זיך שטעלן". האָפּשטיין, 4, 106.

רעד: די ציטאַטע איז ניט קלאָר, מע דאַרף געפֿינען דעם

מקור און נאָכזען!

1961 " דאס לעבן האט |...| אויפגעריסן די אַלטע

1896 אָפּגעלעבטע שליוזן, דורות אַלטע דאַמבן".

י.י. שווארץ, 5, 39.

ד אָ מ ב [ - דער, מצ דעמבעס. דזוו דעמב.

1938 " אונטער אַ שאָטנדיקן דאָמב איז געזעסן דוד המלך [..]".

1041 מאנגער, 2, 206.

(גארדלער :)

דאמב !! - דער, בא. קאַרע פֿון דעמב (בוים), געניצט צו גאַרבן לעדער. % ווייקן די פֿעל אין דאַמב.

1960 " ...ער| האט געשלעפּט קאַדישקעס מיט אײַנגעווייקטע

1897 אין דאַמב רינדפֿעל |...|". פּ. שטיינוואַקס,

פֿער 68, VIII/14.

1963 " די גאַרבער האָבן זייער פֿעל// אין דאַמב צו

1898 גאַרבן ניט באַוויזן|...|". יאַנאַסאָוויטש, 3, 73.

1970 " זיינע פֿינגער ,יינען געווען רויט פֿון צעוויקלטן

1899 |צעווייקטן?| דאַמב". ערליך, 1, 155.

383 - דא

(?נ?) ד א מ ב א ד / ד א מ ב ו ד - דער, =ן. (רעג, ליטע)

דאמפשיף |קטוו|. % ער איז געפארן פון קאוונע מיטן

1903–1904 דאמבוד" |קטוו|.

ד אַ מ ב ע - די, =ס. אָדער (זן) דאַמבן. פּפּ (זן) דאַמב, זן.

1. אַנשיט פֿון ערד(שטיינער, בעטאָן) צו פֿאַרהיטן פֿון
א פֿאַרפֿלייצונג, צו פֿאַרצוימען א וואַסער-רעזערוואַר,
אָדער אָפּצוּווענדן דאס וואַסער פֿון א טייַך/ אַזיערע אין
א געוויסער ריכטונג.

... " די דאַזיקע דאַמבעס האבן שוין פֿון אַ צייט |...|
ארויסגעוויזן אַן איינגעשפּאַרטן ווידערשטאַנד דעם 1907
שרעקלעכן אַנפֿאַל פֿון גרויזאַמען אָקעאַן".
איבז, ז. רייזען, 2.

1940 " ער צוימט ניט איַין דעם טייַך - ער עפֿנט די
דאַמבן. און זאָל יעדער זען אין די כוואַליעס, וואָס ער 1908
וויל". קאַראַלניק, 2, 11.

1959 " בלייבט דאך דער איינדרוק פון אים, ווי פון א
פולן שטראם וואס אן וויפל פעלדזן און אן וויפל 1912
<u>דאמבעס</u> ער זאל זיך נישט אנשטויסן, גייט ער זיין וועג".
<u>ניגער, 9, 173.</u>

2. (<u>פיג</u>) שטערונג, צוים, אפהאלט.

1930 " די אלע נייע אידעען און געזעלשאפטלעכע כוחות,
וואס האבן דארט משוגע געווירבלט, <u>דאמבן</u> געבראכן 1913
|...|". <u>איינהארן, 7, 20.</u>

1938 " דער קינסטלער האט געוואלט אפשטעלן דעם לעבעדיקן
קוואל – און ער האט אוועקגעשטעלט די <u>דאמבע</u> פון 1914
וויץ, ווייל ווו דער וויץ הייבט אן, ענדיקט זיך דער
הומאר". <u>קאראלניק, 1, 139.</u>

דאָ מ ב ר ע - <u>די, =ס</u>. מוזיקאַלישער פֿאָלקס=אינסטרומענט (?נ?)
פֿון די קאַזאַכן, האָט צוויי סטרונעס, דער קאָרפּוס
איז דרײַעקיק אָדער האַלבּרונד.

1960 " ס׳הייבט אַ דאָמבּרע אָן צו שפּילן |...|".
<u>י. רובינשטיין, 2, 120</u>.

ד א מ ג ע ל ט - דאס, בא. |סטוטש 501|. בנב.

ד<u>א</u>מגרונט - <u>דער. =ן.</u> |<u>סטוטש 224</u>| <u>בנב.</u>

..........................................................

<u>רעד:</u> ניטא אין דער גרופע מיט דעם נומער, אויך

אין אנדערע מיט דאמבע!...

..........................................................

ד אַ מ ה י ר ש - דער, =ן. (עלט?) זגאַל הירשן.

1913 " |...| בעת אַ געוויסער גרויסער וואַנדערונג פון

דאַמהירשן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַאָבאַכטן 1927

אויפֿן אַמור". איבן מעריסאָן, 1, 7.

1941 " |...| ויחמור - און אַ דאַמהירש". תרגום יהואש,

דברים, יד - 5. 1928

........................................................

רעד: אבן=שושן גיט אַן אין צווייטן באַטייט: יחמור-

פון דער משפחה הירשן (איילים (Dama dama

קאַליר פון דער פעל רויטלעך ברוין, מיט ווייסע

קיילעכדיקע פלעקן, געפינט זיך אין די לענדער

פון מיטעלן מיזרח)".

לויבן אַט די דעפיניציע?

אמות

די ~~אמות~~ |דאַלעד אַמעס| - טייַטש: פיר איילן (מאָס),

געניצט אין דער אַדוו פּר:.

זייַן (קומען, שטיין, געפינען זיך) אין די ד' אמות +

(פון עמעצן/עפּעס) זייַן, געפינען זיך נאָענט פון עמעצן/עפּעס,

אין זייַן געזעלשאַפט, אין זייַן סביבה.

1912 " מענטשן, וואָס זייַנען אַליין אפשר קיין מאָל אין

1934 די ד' אמות פון דער וויסנשאַפט נישט געשטאַנען |...|".

זשיטלאָווסקי, 3, 111.

1929 " אַ בזיון אַזעלכעס צו ריידן אין די ד'אמות

1935 פון רב |...|". הירשבייין, 3א, 122.

זיך פאַרמאַכן אין ד' אייגענע ד' אמות - אָפּזונדערן

זיך, ניט קומען אין געזעלשאַפט.

(?נ?) ד א מ י ד ז ש א נ ע – די, =ס. (רומ) גרויסע ברייטע פלאש |קטוו|.

ד אַ מ ׳ י ט - אדור. (עלט) דזוו דערמיט.

1805 " דאמיט ער דא דורך צו עולם הבא גרייכין קען".

1941 איבז פֿאוויר, דף ג - 1.

1865 " איר פֿאטער וואר איין אָרעמער קרעמער אָדער

1943 איין קאסטן=טרעגער, ער איז געגאַנגען פון איין דארף

צום אנדערן דאמיט זיין ברויט צו פֿארדינען".

רוף, 1, 6.

1925 " דיזער וויינגארטן האט מיין |=מיר| געהערט

1944 נאר דאמיט איך זאל קענען רויק און אומבאזארגט תורה

לערנען |...|". ליכטענשטיין, 2, 26.

ם דא מיט

393



... " דא מיט |מ׳ט דעם אוצר| קויפט ער |אחשורוש|
1945 בויריג און׳ לנט". מגילה מינכען, דף מ/86ב.

1602 " דארום זול ניט מענכר אויף מיך טייטן//
1946 מענכיר וועלט ווייזן// וועלט זאגן דא מיט
הוט ער טוך גירייזן". ס׳ ירמיה, הקדמה.

1743 " |...| דר נאך האבן זיא דען גאלגין מיט דיא
1947 (צורה) פון המן פר ברענט, דיא נוצרים האבן
דא מיט גמיינט דש עש גשירט אום זיא צו בשפאסן".
שארית ישראל, דף כא – 2.

(?נ?) ד אַ מ י ט ש ע ן - טרוו.(פּטמ) פּייניקן, מאטערן,
קוועלן |סטוטש 567|.

p: domęczyć?

רעד: סטוטש גיט "דאַ מיטשען", פֿאַר וואָס? דער
סלאווישער סופּיקס איז "דאַ", וועט מען אויך
שרײַבן, "דאַקוטשען"?

דאמינא – די, =ס. 1. מאסקאראד=קאסטיום,
באשטייט פון א לאנגן שווארצן מאנטל מיט א
קאפּיושאן.

2. א מענטש וואס פארשטעלט זיך אין אזא קאסטיום.

3. א מאנטל מיט א קאפּיושאן פון קאטוילישע מאנאכן.

4. פּפּ (פּטמ) דאמינע. געזעלשאפט=שפּיל אין 28 פלאסטינקעס
(פון ביין, פלאסטמאסע, האלץ), אויף וועלכע ס'זיינען
אנגעמערקט פּינטלעך פון 1 ביז 12; אנדערש (פּטמ)
בלאנדזש/בלאנש.

1885 " די באשעפטיקטע מענטשן קענען זיך גענוג
אנשפילן אין דאמינא, אין אקע אדער אין באנק |...|". 1954
פער 74, נ' 9, ז' 134.

1926 " כמעט אלע געסט, וואס זיצן אין שענק, טראָגן

לאַקירטע שטיוול...|...| טייל פון זיי שפּילן אין 1955

קאָרטן, טייל – אין דאַמינאַ, און טייל – אין ווערפֿל".

אפּאָטאָשו, 5, 121.

1947 " מען פֿלעגט אויך פֿאַרברענגען ביי שפּילן א פּאַרטיע

שאַך, דאַמינאַ אָדער לייענען א צייטונג". יזב 8, 161. 1956

מאַכן דאַמינע – (פֿיג) שטאַרבן ~~243 סטוטש~~.

1946 " אַז א ייִד שטאַרבט, לעבט ער אָפּ די יאָרן, דאַנקט

ער אָפּ, לייגט ער אַוועק דעם לעפֿל, מאַכט ער דאַמינע". 2002/1

ב.י. ראָזען, פער 90, נ׳ זז, ז׳ 51.

(?נ?) דאַמינאַטאָר - דער, =ס. הערשער, געוועלטיקער.

"דו ווילסט דאַמינירן - דו ביסט א דאַמינאַטאָר... 1970

1966 דאַרף מען דיך באַשטראָפן". זוהר, 1, 34.

דאמינאנט ~~(ע – ר)~~ – אדי. הערשנדיק, גרונטיק,

הויפט =...; דאמינירנדיק.

1958 "|...| דער דאמינאנטער מאטיוו פון זיין דיכטונג

1959 |איז| געווארן דער מאטיוו פון תשובה". ביקל, 148,1.

1970 "מער האט מען דער השכלה נישט געשטערט, און איר

1965 טעטיקייט האט מצליח געווען אלץ מער און מער, ביז

זי איז געווארן דער דאמינאנטער כוח אויף דער יידישער

גאס". א. פיירולאוויטש, יזב 2, 39.

דאָמינאַנטע – די, =ס. 1. (מוזיק) דער פֿינפֿטער שטאַפּל פֿון א דיאַטאָנישער גאַמע.

2. (מעד) צײַטווײַליק באַהערשנדיקער אויפֿרייץ=צענטער אין דער צענטראַלער נערוון=סיסטעם.

1929 " דער דאָזיקער פּונקט | אין דער קאָרע פֿון דאַפּמאַרך | ציט צו צו זיך גאָר די נערווען=ענערגיע פֿון דעם גאַנצן מאַרך און ווערט צײַטווײַליק דער הויפּטצענטער פֿון אונדזער גאַנצער פּסיכישער טעטיקייט. אַזאַ מין דאָמינירנדיקער צענטער רופֿט זיך דאָמינאַנטע". פֿאר 151, נ 2.

1963

3. (פּיג) באַהערשנדיקע אידעע, מאָטיוו פֿון אַ שאַפֿונג, גרונטיקער סימן, כאַראַקטער פֿון עפּעס.

400 — דא

1961 "אין א ריי שטעט איז די שול נעבן קלויסטער

אדער נעבן ראטהויז געווען איינע פון די ווינציקע

דאמינאנטעס אין זייער סילועט". מ. פטיץ, יזב 93,13.

401 דא -

(?נ?) דאָמינאַציע - די, בא. באַהערשונג, געוועלטיקונג.

1959 "די אַלע לענדער האָבן מורא פֿאַר אַראַבישער

1967 דאָמינאַציע". ה. בערגער, פּער 38, נ׳ 32, ז׳ 8.

דאָמיניאָן - דער, =ען. באַשטאַנדטייל פֿון דער בריטישער פֿעלקער=געמיינשאַפֿט, אַ מאָל - פֿון דער בריטישער אימפּעריע. (צו איר געהערן, למשל, קאַנאַדע, אויסטראַליע א"א).

ד א מ י נ י ק - דער, =עס. (פֿטמ) דזוו דאָמינאַ, ב'4.
ד

1850 " מע זאָל נישט שפּילן אין קאָרטן אדער אין דאָמיניק, דען פֿאַר איין איש מכובד איז דאָס נישט פּאַסנד און זייער נישט שיין". פּנקס פֿון חברה "רחמנים", צייט פּער 58, נ' 2, ז' 9. 1973

דאמיניקאנער - דער, מצ דן. א מאנאך
פון דעם קאטוילישן ארדען מיטן זעלבן נאמען
(געגרינדעט דורכן שפאנישן פרעדיקער דאמיניק אין XIII י"ה.
די דאמיניקאנער האבן שפעטער אנגעפירט מיט דער
אינקוויזיציע).

|1926 - 1931| " גלייך ווי דער טויער האט זיך געעפנט
1976/3 האבן די מאראנען געבונדן דעם דאמיניקאנער,
אים פארשטאפט ס'מויל". אפאטאשו, 13, 58.

1954 " אויך די דאמיניקאנער ווילן אויסניצן די
1976/2 פאליטישע סיטואציע, זיי פארפירן א פראצעס מיט די
יידן בנוגע פארשיידענע גרונט=נחלות אין כעלם".
פ. פרידמאן, יזב 10, 21.

ם דומניקאניר.

1743 " דש זעלביגי (ספר) האלטן דיא מינכין דיא

1976/1 געהיישן ווערן דומניקאניר נאך אין גרוישי ווערד"א

|...|". שארית ישראל, דף פט - 2.

דאָמינירן - אוטוו. ~~פֿאַר דאָמינירט~~ (באַ)הערשן ,
האָבן די איבערמאַכט, האָבן די גרעסטע חשיבות,
האָבן די איבערהאַנט, איבערוועגן, פֿאַרנעמען דאָס
ערשטע אָרט.

1931 " אין פּרצעס שאַפֿונג פֿונעם לעצטן פּעריאָד
1978 (1900 - 1915) דאָמינירן אינטויציאָניזם פֿון בערגסאָנס
שניט און ניטשעאַניזם". עריק, 2.

1958 " דער שווערפּונקט פֿון דער תקופֿה ליגט אין
איר עפּיק, ווו ס'דאָמינירט דער פֿאָלקסזינגער |...|".
ניגער, 8, 163.

1964 " איבעראַשט איז ער יעדע ווײַלע בײַם ענדערן דעם
1980 קוקווינקל. אַט דאָמינירט פֿאַר זײַן אויג אַזאַ צונטערקייט
און אַט פֿאַרטראָגט זיך שוין דאָס אַלגעמיינע אויסזען
אין וויאָלעט |...|". י. קאַפּלאַן, 1, 242.

2. געפֿינען זיך אויף דעם העכסטן פּונקט, זײַן העכער פֿון
אַנדערע זאַכן.

1970 " העכער פֿון די אַלע בנינים האָט זיך אויפֿגעהויבן
אונדזער שול, |...|, וועלכע האָט דאָמינירט |...|
איבער אַלע געבײַדעס אין גרויסן מאַרק".
י. פֿרײַנד, יזב 7, 86.

|| דאָמינירנדיק - וואָס דאָמינירט.

1947 " יִידן האבן געשפּילט א דאָמינירנדיקע ראָל אין
די שוסטער=שניידער= און סטאָליער=פֿאַכן".
פּ. קאַלקע, יזב 8, 339.

1992

דא - 408

1959 " פון די צוויי כוחות, וואס ראנגלען זיך אין
דער מענטשלעכער נשמה - דעם כוח פון גלויבן און
דעם כוח פון פארשטאנד - האט דער פארשטאנד זיך
ארויסגעוויזן צו זיין דער **דאמינירנדיקער** כוח".

ניגער, 9, 331.

ד א מ י נ ע - ----> דאמינא, ב' 4.

ד א מ י ש - אדי/אדוו. ווי (פון) אַ דאמע, אויפן
שטייגער פון אַ דאמע. % דאמישע מאדעס. יענע
האט דאמישע מאנירן. די אויפגעקומענע גבירנטע
מאכט דאמישע אַנשטעלן.

1887 " אַנשטאַט אַ פּאַלטאָ, טראָגט ער דער מאַמעס קאַפּטל
אויף וואַטע |...| און אַ פּאָר לאַסטיגענע דאַמישע 2006
שיכלעך אויף די פיס". פער 74, נ׳ 47 -48, ז׳795.

ד אַ מ ל ס ט - ---> דאַמאַלסט/דאַמאַלט.

ד אַ מ נ י ע - דער, =ס. (רומעניש) האַר (איך ציטאטע געמיינט האַר גאָט).

| פּל | " איך וויל ניט שטאַרבן, איך וויל נאָר לעבן,//

אַך, דאָמניע, דאָמניע!//איך וויל צו גאָט אַ שבח אָפּגעבן,// 2010

אַך, דאָמניע, דאָמניע!". י.ל. כהן, 1, 398.

413 די־

ד א מ נ י ק - דער, מצ דאמניקעס. (עלט) לץ, שיבעניק, עכברוש |ליפשיץ 1, טײַטשט פֿון רוסישן (עלט) |Шиши́мора

|...182| " וואַריק איר ווייסט וואס דאס איז פר אַ גזלן, א דאמניק איז!". פּערל, 1, 61. 2010

(?נ?) ד א מ נ י ש א ר ע - די, =ס. (רעג, רומעניע)

" א יונגע פּריצה".

2011 1937 " ווילסט א דאמנישארע ווערן?". נ. מארקס,1,

דאמנע – די, =ס. (רוסיש) ספּעציעלער שאַכטע=
שמעלצאויוון, אַרויסצובאַקומען טשוהון פֿון אייזנאַרץ;
אויך דאַמנע=אויוון.

1932 " ס׳איז אבער זייער שווער צו רעגולירן די
קוואַליטעט פֿונעם טשוהון און אויסצוהאַלטן אים אין 2012
געוויסע ראַמען, ווען מע באַקומט אים פֿון דער דאַמנע".
פֿרומין, 1, 21.

1956 " געזעסן אין דער פֿינפֿטער זון ראַקיטאַס, פּיאַדאַר,
ווי ביי אַ דאַמנע בעתן שטורעמדיקן גאַט פֿון שטאָל". 2014
מאַרקיש, 11, 410.

0 דאַמנע=אויוון – דער, =ס. דזוו דפּוו.
1932 " טשוהון באַקומט זיך, אַז מע שמעלצט איבער אייזנאַרץ
אין דאַמנע=אויוונס". פֿרומין, 1, 3. 2025

ד א מ ס ק ע - אדי. (ווי) פון א דאמע, פון א פרוי.

% דאמסקע קליידער. דאמסקע הענטשקעס. א דאמסקע קאפעליוש.

R: дамский

דאמסקע חסיד - (אייפעם) א ווייבערניק, א פרויען=יעגער, אן אויסגעלאסענער.

דאמסקע שניידער - א שניידער וואס נייט מלבושים פאר פרויען.

1885 " זיי, די שניידערס, איבער הויפט די דאמסקע, האבן ביי אונדז די בעסטע און גרעסטע פארדינסטן". 2027

פער 74, נ' 43, ז' 656.

417   דא -

1900 " איך האב ניט געדארפט זיך אַנטרויען א שאַרלאַטאַן, א דאַמסקע שניַידער=יונג, א שיכור, א כל=בוזניק". לעווגער, 11.

1930 " עס שפּאַצירן דאָרטן דאַמסקע שניידער". שניאור, 1, 212.

2029

ד א מ ע - די, =ן/ ~~אדער~~ (זן) דאמעס. 1. א פרוי פון דער אזוי גערופענער "העכערער" געזעלשאפט (אריסטאקראטיע, גבירישע בסיבה). % די דאמען פון קיניגלעכן הויף. צו דעם אויפנעם לכבוד דעם מיניסטער זיינען די דאמען געקומען אויסגעפוצט אין זייער בעסטן צירונג. די רייכע דאמע פארנעמט זיך מיט פילאנטראפיע. דער ריטער האט געשווארן אייביקע טריי הייט זיין דאמע. די אויסשטעלונג האט געעפנט די ערשטע דאמע פון לאנד, די פרוי פון פרעזידענט.

1866 " |...עס זיינען געווען| די דיזשורנע סוויטנע פריילנס, |...| די דאמען פונעם דענעמארקישן הויף, דער אייבער=הויפמארשאל |...|". פער 177, ב' 37, ז' 559.

2034

2036 1875 " אין געוואָרן גאָר די ערשטע דאַמע |...|".

מענדעלע, 10, 134.

1884 " די פֿאַרנעמסטע דאַמען פֿון ייִדן און פֿון

2035 דורכרײַזנדע אויסלענדער קריסטן, גראַפֿיניעס און ווײַבער

פֿון די קאָנסולן וואָס וואַרען |=זײַנען געווען| געלאַדן

צו דעם אָוונט |...|". דיק, 93, 46.

2. א) וועגן סתם אַ פֿרוי אין טאָן פֿון רעספּעקט, אויסטיילונג

צוליב איר מעמד, שיינקייט, עלעגאַנץ, שיינע מאַנירן אד"גל.

% אין דער טעאַטער=לאָזשע זיצט אַן עלעגאַנטע דאַמע.

די דאַמע אין שוואַרצן האָט פֿאַראינטריגירט דעם עולם.

1968 " ער קען זאָגן מאָסיע, ער קען זאָגן באָנזשור,//

2037 און קען זייער גוט מאַכן דאַמען די קור".

מ. גאָרדאָן, 1, ליד "דער ייִד אין גלות".

1931 - 1926 " פּרויען זענען געווען אָנגעשטויסן אויף

2038 דער יונגער דאַמע, ניט געקענט הערן, ווי מען דערמאָנט

איר נאָמען". אָפּאָטאָשו, 12, 189.

1963 " די מוטער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אָפּגעהאַקטן געשריי,

2039 די דאַמען זענען געבליבן געפּלעפּט". באַשעוויס, 4, 285.

ב) איך ווענדונגען צו פּרויען אין אָפיציעלן טאָן בעת

א פּאַרזאַמלונג, צונויפּקום. % מײַנע דאַמען און הערן,

איצט וועלן מיר אָנהייבן אונדזער פּאַרזאַמלונג.

ג) וועגן סתם אַ פּרוי איך טאָן פּון איראָניע. % קוקט נאָר

די גרויסע דאַמע, ווי זי האָט זיך אויסגעסטראָצלט.

1861 "|...| יידישע ווײַבער גייען ווי אַלע <u>דאַמעס</u>

מיט אַ פֿאַלשן צאָפּ". <u>אַקסענפֿעלד, 1, 1.</u> 2039/1

1891 " דאָרט טראָגט אַ <u>דאַמע</u> אַ קאָרסעט,// זי קרענקט און

שנירט זיך אָן,// פֿון אונטן, אַך! ס'איז אַ סעקרעט,// 2040

שטייט אָפּ אַ טשעמאָדאַן". <u>גאָרנשטיין, 1, 21.</u>

1901 " אַן אויסגעפּוצטע <u>דאַמע</u> מיט אַ קליין נעזל, מיט באַבקעוואַטע

הענט מיט שוואַרצע נעגל |...|". <u>שלום=עליכם, 5 ג/ד,....</u> 2041

|1926 - 1931| " ווי זי הערט נאָר, אַז כ'רעד אויס אַ

וואָרט, מײַן געלערנטע <u>דאַמע</u> - זי לייענט דאָך 2042

בײַ מיר ראָמאַנען, האָט זי מורא, דער מאַן |...| זאָל

נישט אויסבלאָזן עפּעס אַ נאַרישקייט". <u>אָפּאַטאָשו, 7, 21.</u>

3. די פּאַרטנערקע פון דער פּאָר צום טאַנצן. % דער קאַוואַלער האָט זיך פֿאַרנייגט עלעגאַנט פֿאַר זײַן דאַמע, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין א וואַלס.

4. אין קאָרטנשפּיל – די דריטע פיגור לויט דער חשיבות אין געוויסע שפּילן. % איז איר צוגעפּאַלן אַקוראַט די קאָרט, וואָס ער דאַרף – די דאַמע טרעף.

1905 " |...| האָט דאָס פּעקל קאָרטן אַזוי פֿאַרמישט, אַז די דאַמע זאָל פֿאַר אים אַרויסקומען |...|". 2043

באַדער, 2.

5. אַנדער נאָמען פֿאַר דער מלכּה(קיניגין) אין שאַכשפּיל. % ער האָט געמאַכט א פֿאַלשן צוג, געמוזט אויסבײַטן די דאַמע פֿאַר א טורעם און דעריבער פֿאַרשפּילט די פּאַרטיע.

423 

אין דעם שפּיל דאַמקעס?

6. (ס׳רוב אין פּקפּ, דאמקע). אַזוי ווערט גערופן דער שטיין, וואָס דערגייט צו דער לעצטער שורה אין קעגנערס שפּילפּעלד און קריגט דערמיט די רעכט צו באַוועגן זיך אין א גראַדער ליניע איבער אַלע קעסטלעך פון שפּילפּעלד.

% ער האט שוין געמאכט צוויי דאמקעס, וועט ער געוויס געווינען.

|| דאמאטשקע/דאמעטשקע – די, =ס. פּקפּ. דזוו דאמע

אין ב"ם 2, ס׳רוב איראַניש.

1975 " די בייזע דאמעטשקע שטייט א געפּלעפּטע |...|" .

ב. רעסלער, פּער 14, 14/ד!!!.

2044

דאמעלע - דאס, =ך. דזוו דפוו.

1967 " איך האָב דערוואַרט, אַז דער מענערישער אויספּרעגער

2046 זאָל זיך כאַטש אויפהייבן און שליסן דעם שמועס מיט

א סצענע, |...| מיט א גוט געצילטן קלאַפּ, וואָס זאָל

אַזא דאַמעלע איינשלעפערן אין איר זיסן חלום וועגן דער

הויכער קונסט". י. (גלאַטשטיין) פּער 69, !!!/10.

דאַמענשע - אדי. (שנש?) פון אַ דאַמע.

1959 " די דאַמען קושט מען דאַ די האַנט, אָבער ניט

2047 אַלע דאַמענשעהענט זיינען דעליקאַט צום קושן".

ב.צ. גאָלדבערג, פּער 69, !!!/5.

<u>דאמעריש</u> - <u>אדי</u>. פון א דאמע, ווי פון א דאמע.

1939 " ער אליין האט זיך געוואשן מיט שמעקעדיקן
זייף און כסדר געשטרעבט צו דעם <u>דאמערישן</u>, וואס
איז געגאנגען אויף אים פון די בעסערע קונהטעס.
אזא <u>דאמערישס</u> האט ער געזען אין רוכטשען".
<u>פערלע, 2, 331.</u>

<u>דאמעמעסיק</u> - <u>אדי/אדוו.</u> אויפן שטייגער פון א דאמע,
פון דאמען |<u>סטוטש 530</u>|. % <u>דאמעמעסיקע</u> מאנירן.

0 <u>דאמען</u> = באשטימטייל פון סובסטאנטיוו=צונויפהעפטן,
מיטן באטייט: פון א דאמע (פרוי), פאר א דאמע (פרוי)
למשל: <u>דאמען=הענטשקעס, דאמענטאש, דאמען=פאראיין.</u>

<u>דאַמען=בײַטל</u> - <u>דער, =ען.</u> האַנטבײַטל וואָס פֿרויען טראָגן
צו האַלטן פֿאַרשיידענע פּערזענלעכע זאַכן.

<u>דאַמענברעט</u> - <u>די, =ער.</u> ברעטל מיט קעסטלעך געצייכנטע
צו שפּילן אין דאַמען/דאַמקעס און שאַך.

1890 " עטלעכע שטולן רויט געפּאַרבט,|...| |...|
אַזאַ האַרטע קאַנאַפּע, און נעבן אים אַ געפּאַרבטער טיש 2075
מיט אַ <u>דאַמענברעט</u> אין מיטן". <u>פּער 74, נ' 6, ז' 3.</u>

<u>דאַמען=הויזן</u> - <u>מצ.</u> הויזן פֿון/פֿאַר פֿרויען.

1869 " <u>דאַמען=הויזן</u> אויס שערטיג |?| צו איין רו"כ,
און פֿון פֿײַנסטער האָלענדישער לײַוונט מיט שטיקערײַ 2076
צו דרײַ רו"כ". <u>פּער 177, נ' 4, מודעות.</u>

דאמענהוט – די, מצ~ היט. הוט (קאפעליוש) פאר פרויען.

1906 " די פויערטעס קאפטור איז איר באקוועמער און |...| 2049 געזינטער פאר די שטאטישע דאמענהוט, וואס מוז צוגעטאכן ווערן צום קאפ מיט אייזערנע בולאווקעס |...|".

צ. ג. גאלאמב, 3.

דאמענהעמד – דאס, =ער. העמד פאר פרויען.

1869 " דאמען=העמדער פון אויסגעצייכנעטער לייוונט 2078 צו דריי רו"כ". פער 177, נ' 4, מודאת.

דאמענטאש – דער, =ן. דזוו דאמען=בייטל.

1973 " דער אנדערער איידעם האט א ווארשטאט פון 2080 דאמענטאשן". באשעוויס, פער 155, VIII, 6.

**דאמען=טואלעט** - דער, =ן. 1. קליידער פון/פאר פרויען.

2. אפטריט=צימער פאר פרויען.

**דאמען=ערע** - די, בא. געפיל/באציונג פון כבוד און רעספעקט פאר א פרוי. (שפאט פאראפראזירט טייל מאל: דאמען=הערינג).

**דאמען=פאראיין** - דער, =ען. ארגאניזאציע/אינסטיטוציע פון פרויען צוליב א געוויסן צוועק.

1867 "|...| דארט האט זיך געמאכט |...| א דאמען=פאראיין 'סומך=נופלים' צו אונטערשטיצן געפאלענע בעלי=בתים". 2085

פער 177, נ' 19, ז' 149.

דאמען=פארערער - דער, =ס. א מאנצפארשוין וואס האט ליב געזעלשאפט פון פרויען.

|1931-1926| " א מאן, וואס לויפט נאך פרויען, א 'דאמען=פארערער', האב איך נישט ליב. דאס איז קיין מאן נישט". אפאטאשו, 7, 176. 2086

דאמענפריינד - דער, מצ דז. דזוו דפוו |סטוטש 597|.

דאמען=קאנפעקציע - די, בא. אויסארטיקונג פון גרייטע מלבושים פאר פרויען.

1968 " אונדזער עקזיסטענץ איז אפט געווען נישט קיין לייכטע, באזונדערס דעמאלט ווען איך דאמען=קאנפעקציע |...| איז נישט געווען גענוג ארבעט". ר. אייזנשטארק, יזב 2, 750. ~~2090~~ 2090

דאמענרעכט — דאס, בא. (עלט) דזוו דאמען=ערע.

1888 " |...| האט אויסגעצייכנט געוויסט אלע פראווילעס
|=כללים| פון 'עטיקעט' אדער פון 'דאמענרעכט'". 2092
לעוויץ, 1, 39.

דאמען=שניידער — דער, =ס. 1. שניידער וואס נייט
פרויען=קליידער; דאמסקער שניידער.

1930 " |...| ביי מעכעלע דאמען=שניידער". הייזלער, 1,55. 2050

2. (שלש) א מאן וואס שלאגט זיין ווייב |פער, 90, נ'ץן ז'3-6|.

דאמען=שניידעריי — דאס פאך פון נייען מלבושים פאר
פרויען.

1951 " דאמען=שניידעריי איז נאך פיל ערגער, ווייל עס
זיינען אנגעפארן פון פראווינץ פיל קריסטלעכע שניידערינס". 2097
א. מאריאמפאלער, פער 106, 1566.

דאמען=שנײַדערין - די, =ס. שנײַדערקע וואָס נייט פֿרויען=לײַדער.

1947 " די מיטגלידער פֿון פֿאַרײַן זײַנען על=פּי=רוב פֿרויען וועש=נײַטאָרינס |...|, דאַמען=שנײַדערינס". 2098
יזב 8, 361.

דאמענשפּיל - די, =ן. (עלט) דזור (שפּיל אין) דאַמקעס, שאַשקעס.

1918 " |...| מ׳איז אַפֿילו מתיר קינדער זאָלן אין חדר שפּילן אין קוויטלעך |...|. די עלטערע שפּילן דאַמענשפּיל |...| ושאָך=מאַט". עלזעט, 1, 353. 2100

גראַנדדאַמע - די, =ן. זײַער אַ חשובֿע, אָנגעזעענע פֿרוי, אַריסטאָקראַטקע (טייל מאָל איראָניש).

1889 " זײַן פֿרוי שׂרה - שוין אַ גראַנדדאַמע... זי

2051 שפּילטשוין גאַר אַ גרויסע ראָלע". עליכם שלום, 14,1.

1916 " די מומע חנה |...| - אַ ײִדענע אַ הויכע, אַ גרויסאַרטיקע,

2052 עס וואָלט איר אָנגעשטאַנען זײַן אַ גראַנדדאַמע". שלום-עליכם,

150, 37.

433 - דא

ד אַ מ ע כ ע - די, =ס. "אַזאַ מין פֿלוים" |קטוו|.

433/1 -דא

ד א מ ע ן - -----> דוימען.
ד

434 - דא

דאָס

(?נ?) ד אָ מ ע ס ט י ק אַ צ י ע - די, בא. (פֿאַר) היימישן,

דאָס (פֿאַר)שטוביקן בעלי=חיים |סטוטש 248|.

435 דא -

(??נ) דאָמעסטיקירן - טרוו, פֿאַר ~~דאָמעסטיקירט~~,

(פֿאַר)היימישן, (פֿאַר)שטוביקן בעלי=חיים |סטוטש 248|.

דאמעסטעק - בנב.

... " כאטש די ארבל זענען שוין געווען גוט אויסגעריבן

און פון די עלנבויגנס האבן זיך ארויסגעזען די געלע 2101

דאמעסטעק". פער 74, נ׳ 15, ז׳ 419.

..........................................................

רעד: ס׳קאן זיין, אז דאס איז רעגיאנאלע פארמע

אדער פארגרייזונג פון דאמאסט=דאמאשעק =דאמאסק,

אבער האט מען דען געגעבן אזא טייערן שטאף אויף

פאדשעווקע? און אויב מע זאל לייענען ... סטעק=

שטעק, טא וואס מיינט דאמעשטעק?! מע דארף אפזוכן

דעם מקור - צום שלימזל איז ניטא אין קארטל דאס יאר..

..........................................................

437 דא –

ד אָ מ ע ן = פֿ י נ ג ע ר – ←---- **דוימען**.

ד אַ מ פּ אָ ל מ ע - די, =ס. (רעג, ישראל)

2106 "מין פּאַלמע"|קטוור|.

רעד: דער זאַמלער גיט אָן אַז דאָס מיינט אין העברעיִש "דקל הדום המצרי", בײַ אבן=שושן ניט געפֿונען אַזאַ.

ד אַ מ פּ י נ ג  — <u>דער, בא.</u> <u>(אמ)</u> דאָס פּאַרקויפֿן סחורות
צו נידעריקע פּרייַזן, טייל מאָל אונטער די זעלבסטקאָסטן,
ספּעציעל צו קענען עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד.

1947 "אַזוי איז געווען, ביז די דייַטשן האָבן איינגעפֿירט
דעם דאַמפּינג=סיסטעם". <u>יזב 8, 49.</u> 2109

ד א מ פ י ק - אדי/אדוו. דורכגעזאפט מיט דאמף, וואס האט אין זיך דאמף, % דאמפיקע לופט.

|| דאמפיקייט - די, בא. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין דאמפיק. % אויף/מעטעאראלאגישער סטאנציע מעסט מען אויך די דאמפיקייט פון דער אטמאספער.

ד א מ פ ן - ------> דאמפן.

ד אַ מ ף – <u>דער, =ן.</u> (<u>ס'רוב געניצט אין אצ</u>). אַנזעעוודיקע

גאַז, וואָס באַקומט זיך פון אַנוואַרעמען וואַסער אָדער

אַן אַנדער פליסיקייט; פּאַרע. % די לופט איז הײַנט

אַנגעזאַפּט מיט <u>דאַמף</u>, ס'וועט מסתמא רעגענען.

פון טשײַניק זעצט אַרויס אַ דאַמף, דאָס וואַסער האַלט

שוין בײַ זידן. די נאַסע הויזן טריקענען זיך אויף

דער זון, עס גייט אַזש אַ <u>דאַמף</u> פון זיי. געזעטיקטער

<u>דאַמף</u>, אָפּגעניצטער <u>דאַמף</u> |סטוטש 220|. קאָנדענסירטער <u>דאַמף</u>.

1833 " זי זאָל אים ניט זינגען קיין וועלטלעכע לידר,

וואָרום פון דעם <u>דאַמף</u> וואָס גייט אַרויס פון איר 2117

מויל ווערט באַשאַפן איין שטן |...|". אידיש, משה דר' נתן-נטע, 2, ד/ג/1

~~1870~~ 1922 " ער |דער רעגן| האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ

פײַכטן און וואַרעמען <u>דאַמף</u>, וואָס האָט אַרויסגעזעצט 2119

דורכויס". <u>בערגעלסאָן, 5, 49.</u>

1956 " א דאמף פון הייסער שפּייַז האָט ביי אַ טיר
ערגעץ געגרויט |...|". מאַרקיש, 10, 228. 2121

|| דאַמפּער – ----> זבז.

0 דאַמפּאָריטאַ – דער, =ס. אויטאָ, וואָס זייַן מאָטאָר ווערט
באַוועגט פון דאַמף |סטוטש 175|.

דאַמפּבאָד – די, ~בעדער. שוויצבאָד.

1966 " די מענער פאַרברענגען מער אין די דאַמפּבעדער".
צאַניק, 1, 181. 2134

דאַמף=באַהייצונג – די, =ען. דאָס באַוואַרעמען די
הייַזער מיט דער הילף פון אָנגעוואַרעמטן דאַמף |סטוטש 254|.

דאַמפּבילדונג – די, בא. (טערמ, פיזיק) בנב |פינקעל, ז' 46|.

דאמפדרוק - דער, בא. (טערמ, פיזיק) דער דרוק וואס
אנגעוואַרעמטער דאַמף ווירקט אויס אויף אַ קערפּער.

1947 " |...| לאַנגע שורות אַלומיניום=צעבערס, וואס
האָבן געהאַלטן 400 גאַלאָנען פּליסיקייט אונטער 2140
דאַמפּדרוק". מ. וויינרייך, 5, 218.

דאמפהאמער - דער, =ס. אַ מעכאַנישער האַמער, באַוועגט
דורך דאַמפּדרוק.

1920 " |...| אַ וואַלקן=קראַצער קאָן קיין געדאַנקען
נישט קלערן, אַ דאַמפּהאַמער קאָן קיין עטישע פּרינציפּן 2143
נישט אויסהאַמערן". איינהאָרן, 4, 87.

דאמפהייצונג - די, בא. דזוו דאַמף=באַהייצונג.

**דאמפּוואגן** - דער, =ס, וועגן/וועגענער. (עלט)
דאמף=לאקאמאטיוו.

1866 " מיט דאמפּוועגן האט מען זיך אויך שוין זייט
1775 געפּרוּווט |באניצן| עס איז אבער נישט געגאנגען" 2146
פּער 177, נ׳ 5, ז׳ 78.

**דאמפּוואלץ** - דער, =ן |סטוטש 153|. בנב.

**דאמפּטארמאז** - דער, =ן. טארמאז באוועגט דורך דאמף
אונטער א דרוק |סטוטש 175|.

**דאמף=טורבינע** - די, =ס. א קראפטמאשין, אין וועלכער
א דאמפשטראם אונטער א דרוק פארוואנדלט דעם דרוק אין
מעכאנישער ענערגיע.

**דאמף=לאקאמאטיוו** - דער, =ן. לאקאמאטיוו וואס ווערט
באוועגט דורך דאמף, אונטער א דרוק.

דאמפּלייטונג - די, =ען. (טעכט) בנב. |סטוטש 220|.

דאמפּמאשין - די, =ען/=עס. קראַפטמאשין, אין וועלכער
די דרוק=ענערגיע פון דאַמף ווערט פאַרוואַנדלט אין
מעכאַנישער ענערגיע.

דאמפּמיל - די, =ן. אַ מיל, אין וועלכער די מאשינען
ווערן באַוועגט דורך אַ דאַמפּמאשין.

1866 " איך האָב |...| דעם ווינטער |...| געקויפט צו
|?| זעקלעך מעל פון ~~ה׳ ב. ים~~ [...] דאמפמיל |...|". 2153
פער 177, נ׳ 6, ז׳ 91.

1948 " אין דעם פעריאָד האָבן ייִדן אויסגעבויט אַ
גרויסע דאַמפּמיל און עלעקטראָווניע". ל. לאַש. 2154
פער 44, נ׳ 2, ז׳ 25.

דאמף=פארטיילער - דער, =ס. (טעכט) |סטוטש 436 |טערמ' פיזיק, נייע שול, ווילנע 1920|.

אן אפאראט וואס דינט צום אויטאמאטישן אנפירן מיטן דאמפשטראם אין טערמישע, הידראולישע און פנעומאטישע מאשינען.

דאמפפייפל - דאס, =ער, |סטוטש 286 |סיגנאל=פייפל וואס גיט ארויס א קלאנג אדאנק א דאמפשטראם אונטער א דרוק (למשל, ביי לאקאמאטיוון).

דאמפפרעס - דער, =ן. פרעס=אפאראט באוועגט דורך דאמף אונטער א דרוק |סטוטש 526|.

דאמף=צילינדער - דער, =ס. (טעכט) צילינדרישער טייל פון א דאמפמאשין |טערמ' פיזיק, פער 128|.

דאַמפּקאַסטן - דער, =ס. |סטוטש 436, טערמ' פיזיק, פער128|.

בנב.

דאַמפּקעסל - דער, =ען. געשלאָסענע כלי, אין וועלכער מע וואַרעמט אָן וואַסער ביז צום פאַרוואַנדלען עס אין דאַמף פון אַ העכערן דרוק, געניצט פאַר באַהייצונג און פּראָדוקציע=צוועקן |טערמ, פיזיק, פער 129|.

1919 " ער האָט זיך שוין אויפגעהויבן, ווי אַ דעקל פון אַ דאַמפּקעסל- פּיו, אַרויף אויף מײַן שאַרבן, הויך, הויך |...|". פּינסקי, 3, 303.

1951 "|...| האָט מײַן פאָטער |...| אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע געמויערטע געבײַדע, אַרײַנגעשטעלט דאַמפּקעסלען |...|". י. פרענקעל, פער 106, 948. 2167

דאמפרער - די, =ן. רער אפצופירן דעם דאמף |סטוטש 228;
פער 128; פינקעל, 46|.

דאמפשטול - די, =ן. (טעכט) מעכאנישע וועבשטול באוועגט
דורך א דאמפמאשין (צום אונטערשיידן פון א וועבשטול
באוועגט מיט די הענט).

1896 " די דאמפשטולן קוילענען אוועק די וועבער, דער
שטאנץ הרגעט אוועק די שלאסערס". אנ, 3 שכירות, ז' 26. 2172

1909 " ס'וועט ביי אונדז, אין גיכן ווערן מער ארבעט.
איך שטעל צו נאך צען דאמפשטולן". י. קאצענעלסאן,3,55. 2173

1926 " האט ווידער געוועבט אויפן דאמפשטול דער
וועבער,// ס'וועבשיפעלע פליט ווי א צוג". 2174
גודמאן, 1, 255.

**דאמפשיף** – די, =ן. שיף וואס ווערט באוועגט דורך א דאמפמאשין; דאמפער.

1865 " דרייען זיך שוין |...| ארום ענגלישע דאמפשיפן אין די וואסערן פון סיציליען". פער 177, נ' 7, ז' 99.

|פל?| "א דאמפשיף האט ער אויסגעקלערט// און נעמט זיך דערמיט איבער.// דער רבי שפרייט א טיכל אויס// און פארט דעם ים אריבער."

1930 " זיי |די כינעזיש"קוליס"| לאדן אן און לאדן אויס אקעאנישע דאמפשיפן |...|". איבן לעוויטאן; לאפּודוס, פּאָליט. עקאָנאָמיר, כאַיקאָ II, 1930, ז' [?]. 2177

**דאמפשפאנונג** – די, =ען. דזוו דאמפדרוק |פינקעל 6,1|.

/7 קריגן דעם דאמף - קריגן א הארצשלאק |סטוטש 420|.

ם דאמפּ/דאמפּף/טנף.

Mhd: tampf/dampf

... "אזא דר טנף". רייכלין 8, שיר השירים, ג - ו׳. 2182

כתמרות -

1544 " דער דאמפף גיוועלטיקליכן גיגן דעם הימיל בראך//

דז איין מענש דש אונדר נעבן אים קוים זאך". 2183

שמואל=בוך, סטר׳ 446.

1626 " אונ׳ דער שניא (וקיטר) אונ׳ דר דמפּ". |...|

ס׳ המגיד, 1, תהילים, קמח - ח. 2184

1717 " צום הושט זאל ער עש קאכן |די טאטארסקע זיעליע|

אונ׳ דער דאמפּ מוז אין מויל ארייך גין". 2185

ס׳ החיים, 2, דף - 0 - 2.

דאַמפּן - אויסטוו, פֿפֿ (זן) דאַמפּן. אויסטיילן, אַרויסגעבן פֿון זיך דאַמף; פּאַרען.

1938 " נאָכן באַד |...| האָט פֿון איין געדאַמפּט מיט געפּאַרעטע בעזעמער, מיט קאַרע און מיט אַ פֿולער וואַך". 2200

שניאור, 3, 5.

| |
|---|
| רעד: אין קאַרטל שטייט "געדאַמפּעט", אפשר איז דאָס אַ גרייז און אפשר איז טאַקע "געדאַמפּעט", מע דאַרף נאָכזען די אויסגאַבע פֿון 1938; אין דער אויסגאַבע ת"א, 1969, שטייט "געדאַמפּט". |

דאמפער - דער, =ס. אַ שיף וואָס ווערט באַוועגט דורך אַ דאַמפּמאַשין. % אַ קלײנער דאַמפּער פּאָרט שטראָם=אַרויף איבערן טײַך. די דאַמפּערס ווערן איצט פֿאַרביטן אויף שיפֿן מיט עלעקטרישע אָדער דיזעל=מאָטאָרן.

1860 " אויך דאָס עסטרײַכישע מיליטער האָט זיך אײַן

2191 טריִעסט מיט דעם דאַמפּער |...| אײַנגעשיפֿט".

פּער 178, נ׳ 6, ז׳ 23.

1930 " אַלץ רוט, אַלץ שווײַגט,// אַלץ איז אײַן זיך

2192 פֿאַרזונקען. דער דאַמפּער נאָר ער ציטערט אויפֿגערעגט |...|" .

אײַנהאָרן, 6, 89.

1949 " |...| האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָוועקגעשטעלט בײַם

2193 רודער און דורך אַ הילכער געבעטן רחמים בײַ די מענטשן,

זײַ זאָלן ניט באַזעצן מער דעם דאַמפּער זײַנעם".

זינגער, 9, 322.

דאַמקע - די, =ס, אָפט געניצט אין מצ. 1. צווייפּערזאָניקע
געזעלשאַפט=שפּיל, וואָס ווערט געפירט אויף אַ טאַוול
מיט 64 שוואַרצע און ווייַסע קעסטעלעך; די שפּילערס
באַוועגן אויף דעם שפּילפעלד שוואַרצע און ווייַסע
(אויך פֿון אַנדערע פֿאַרשיידענע קאָלירן) קלעצלעך לויט
באַשטימטע כּללים מיטן ציל אַרויסצושלאָגן („אויפֿעסן")
דעם קעגנערס קלעצלעך (פֿיגורן, פֿענדלעך).
% שפּילן (אין) אַ דאַמקע, שפּילן (אין) דאַמקעס.

1911 " |...| מען לאַכט, מען שפּילט אין דאַמקע, מען
2203 שפּילט אַ ביסל מוזיק". י. גאָרדין, 7, 76.

1956 " |...| ווער אויף אַ דאַמקע האָט געזוכט אַ צווייטן
2204 צו דער פּאָר |...|". מאַרקיש, 11, 547.

2. די פֿיגור (דאָס פּענדל), וואָס דערגייט אין דער דאַמקע=שפּיל ביז צו דער לעצטער שורה פֿון קעגנערס שפּילפֿעלד און קריגט דעמאָלט דאָס רעכט צו באַוועגן זיך איבערן גאַנצן פֿעלד הין און צוריק. % ער האָט שוין צוויי דאַמקעס און וועט זיכער געווינען די שפּיל.

0 דאַמקע=טאָוול - דער, =ען. קוואַדראַט פֿון האָלץ אָדער קאַרטאָן מיט אויסגעצייכנטע קעסטעלעך צו שפּילן דאַמקע.

1959 " נעבן דעם דאַמקע=טאָוול אויף דעם טיש ליגט 'דער יוד' |ציייטונג". לייוויק, 13, 288.	2205

456 - דא

ד אָ מ ר ע - די, =ס |סטוטש 286|. דזוו דאמברע.

דאמקראט - דער, =ן. מכשיר אויפצוהייבן שווערינקייטן אויף א ניט=גרויסער הייך; הייבער, האנט=דאמקראט, הידראולישער דאמקראט |פינקעל, ז' 17|.

1934 " ער האט אונטערגעשטעלט דעם דאמקראט אונטער דער הינטערשטער ראד און האט זיך פארנומען מיט אראפנעמען די ראד פון אקס". ברעגמאן, 2, 283. 2206

דאן - אדוו. דזוו דעמאַלט.

1868 " האָט זיך דאַן געמאכט א גרויסער געדרענג

2203 |טעקסט: געדריינג| ביי אים איך שטוב". דיק, 36, 7.

1912 " איך בין=השמשות=צײַט, ווען מתים וואַכן//

2204 און קליינע קינדער הערן פרעמדע טריט,// און טירן

נעמען זיך אַליין פאַרמאַכן, - // באַפאַלן פלעגן זיי

דאַן מײַן געמיט". איינהארן, 2, 40.

1927 " קוים אָבער עפנט אויף דײַן שוועסטער אירע

2205 אויגן,// דאַן מוז איך שווייגנדיק מײַן קאָפּ

אַרונטערבייגן". מ.ל. האלפערן, 2, 166.

1957 " |...| נאָר טייל מאָל געשעט עפּעס, וואָס גיט ביי

2206 זיי אַ רײַס אויף, און דאָס גאַנצע משוגעת גיט דאַן

א כמאַליע אַרויס... אוי, דאַן איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן".

שטריגלער, 2, 177.

ם

דאַן.

1544 " דא דיא בוטן קאמן געגן רמה הין דאַן // שמואל אונ׳

2207 אנדריא נביאים דיא זאהן זיא אן". שמואל=בוך, סטר׳ 470.

דאָן - סוב., מענלעכער מין, גענייצט (אָן אַרטיקל) ווי
א טיטול "הער", אין א ווענדונג צו א מאַן, ווערט
אויך געשטעלט דרך=ארצדיק ביים אָנרופן א נאָמען אין די
שפּאַניש/איטאַליעניש רעדנדיקע לענדער. דאָן קיכאָט
פון לאַ מאַנטשע. דאָן יצחק אברבנאל איז געווען א
פילאָזאָף און אַ מלוכה=מאַן אין מיטלעלטער.
זייט אַזוי גוט, דאָן כאַסע, שרייבט אונטער דעם
דאַקומענט!

Spa: Don.

461 - דא

(?בּ?) ם |דאַן| ‖ד ו ן - טרון. טאָן.

1544 " ער |גלית| הוט בייא זיינן צייטן גאר ויל

2220 שטרייט גיטון.// דיר וערט דיא אורגיל אונ׳ דיא

לויטן ניט געבן רעכטן דון". שמואל=בוך, סטר׳ 351.

רעד: אפשר, דאַרף מען לייענען גיטון ( gitun ) - דון ( dun ), און ניט don - giton?

ד א נ א - סוב. ווײַבלעכער מין, ~~1. גענעיצט (אַן אַרטיקל)~~

פּפּ דאַניע/דאַנע. 1. גענעיצט (אָן אַרטיקל) ווי א טיטול "פּרוי" אין א ווענדונג צו א פּרוי, ווערט אויך געשטעלט דרך=ארצדיק בײַם אָנרופן א נאָמען אין די שפּאַניש/איטאַליעניש רעדנדיקע לענדער.

% דאַנאַ איזאַבעלאַ, די קיניגין פון קאַסטיליע.

2.(מצ, דאַנאַס/דאַנעס) רײַכע, אַריסטאָקראַטישע פּרוי, (אין שפּאַניע/איטאַליע).

1919 " פון דעם הויכן אויטאָ=דאַ=פע // פליִען פײַערן צום הימל,// און א שיינע פרומע דאַנאַ // וואַרפט אין פלאַם אַרײַן א בלימל". סעגאַלאָוויטש,3,ליד"אין טאַלעדאָ". 2222

~~1926 === "=אלטע=ליבע=אויך=בלענגען=ריטער,//=רײַכע=דאַנעס,~~

463 - דא

1926 " אַלטע לײַט און יונגע ריטער,// רײַכע דאַנעס,

2223 אָרעמע פּרויען,// ווײַסע מנישקעס,שוואַרצע מניכן,//

ווי א סטאַיע שוואַרצע קראָען". סעגאַלאָוויטש,8, 194.

(?נ?) ד אַ נ אַ י ִ ד ן – לויט דער גריכישער לעגענדע – די 50 טעכטער פון גריכישן קיניג דאַנאַי, וועלכע האבן געהרגעט זייערע מענער און דערפאַר זיינען זיי דורך די געטער באַשטראָפט געוואָרן אָנצופילן מיט וואַסער אַ פאַס אָן אַ דנאָ.

0 דאַנאַידן=אַרבעט – אומענדלעכע און אומזיניקע אַרבעט.

(?נ?) ם |דאנאך| ד א נ א ך/ ד א נ ו ך ־ אדון. דערנאך.

1713 " אונ' דא נוך האט ער אים |אדמען| איין גבלאזן

2233 דיא נשמה דז ער וואר לעבענדיג". מחזור,1,דף קכה - 1.

(?נ?) |דאנאן| ד נ ן - <---- דאנען.

דאַנאָס - דער, =ן. (רוסיצ) דאָס איבערגעבן, אָפּטראָגן צו די מאַכט=אָרגאַנען וועגן עמעצנס אַן אומגעזעצלעכע האַנדלונג (אַ פּאַקטישע אָדער אויסגעטראַכטע); מסירה.

1865 " |...| אז עס קומט שוין איינער |פון די גייסטלעכע און דערהיצט זיך שטאַרק, וואָס טוט ער? ער שרייבט 2236
אַ דאַנאָס דער פּאָליציע |...|". פער 177, נ' 4, ז' 53.

1910 " דערנאָך האָט מען - ב'קאָן איך ניט זאָגן פאַר וואָס און ווער - אויף דער מקווה דערלאַנגט אַ דאַנאָס". 2237
פרוג, 2, 299.

|| דאַנאָסטשיק - דער, =עס, (רוסיצ), דער וואָס ~~גיט~~ דערלאַנגט דאַנאָסן; מסור.

1869 " א גאַנצע שטאָט מענטשן, טויזנטער בלי=בתים
|...| זייַנען דאַנאַסטשיקעס!". מענדעלע, 11, 20.

1877 " |...| ביי אלעם דעם ווערט קיין שמוגלער
2245 באַשטראָפט, |...| און אַזוי אויך ווערט ניט באַשטראָפט
קיין פאַלשער דאַנאַסטשיק". איבן דיק, 5.

1974 " |...| איז ער תיכף געוואָרן א דאַנאַסטשיק".
2246 ברוסילאָוו, פער 38, נ' 51, ז' 83.

דאַנאַסל - דאָס, =ען. (ביטול/איר) דזוו דאַנאַס.

1864 " אַ שפרונג, א שיר=המעלה, א דאַנאַסל הייסט עס,
2250 וואָס מיר פלעגן שיקן אַהין ווו· מען דאַרף".
מענדעלע, 12, 135.

1910 " און דאנאסלען פליען, // שיטן זיך פון דארטן

2244 |...|". פרוג, 3, 275.

1915 " דערנאך הייבן אן לויפן דאנאסלען, מסירהלען

2251 הייסט עס |...|". שלום=עליכם, 12 | ג V | , 148.

דאנאסירן - טרוו. (רוס;נא) מסרן.

|1830| "וועק איינער פון די מוסרים האט דאנאסירט

2255 אויף איינעם פון מיינע מתנגדים, האב איך געזאגט,

אז ער איז א שליח פון דער השגחה". לעווינזאהן, 1, 46.

1887 " |...| מען האט דאנאסירט, אז מיר האנדלען מיט

2254 קאנטראבאנד און מיט פאלשע בילעטן". זאביעזענסקי, 27, 1.

דאנאסעווען - טרוו. (רוס, נא) דזוו דפוו.

1885 " מען האט דאנאסעוועט דעם גובערנאטאר וועגן

2257 דער פארבאטענער קאראבקע". מ. י. בלאנד, פער 74, נ'42, ז'645

1909 " מ'האט דיך באשולדיקט, אז דו האסט דאנאסעוועט

2258 צו דער פאליציי". מילטאן, 1, 19.

דאנאסען - טרוו. (רוס, נא) דזוו דפוו.

1868 " |...| אייערע חסידים האבן אייך נאך ניט

2259 דאנאסעט?". פער 177, נ' 11, ז' 84.

1935 " אפשר איז אייער אייגן קינד א שפיאן און דאנאסעט

2261 אויף אן אייגענעם טאטן". הירשביין, 5, 338.

471 דא –

דאנאציע – די, =ס. בייסטייער, נדבה, מתנה.

% דער נפטר האט אין זיין צוואה איבערגעלאזט א

דאנאציע פאר דעם יתומים=הויז.

472 - דא

(?נ?) ד אָ נ <u>א</u> ר - <u>דער, בא.</u> איינער פון די נאָרדישע געטער

|סטוטש 614א|.

ד אַ נ אָ ר – דער, =ס/=ן. א מענטש וואָס גיט רעגולער
פון זײַן בלוט פאַר צוועקן פון בלוט=טראַנספּוזיע
לטובת קראַנקע.

1930 " צוליבן קאַמף מיט די אומנאַטירלעכע דערשײַנונגען
ווערן |...| פאַר די דאַנאָרן אַרײַנגעפירט אַזוי גערופענע
בלוטפּאַספּאַרטן". פער 70, נ' 9–12.

474 - דא

ד אָ נ אָ ש ט ש י ק - ----⇐ דאָנאָס, דאָנאָסטשיק.

(?נ?) ד אַ נ ב אָ ס - דער, בא. (סאוו) דאַניעצקע קוילן=באַסיין.

1933 " דאנבאס? אוררא!// אַ, זע נאַר, וויפל שטערן!".

2268 אליעוווסקי, 1, 21.

1956 " אַט הייבט שוין דאָס פאַררייכערטע געזיכט אויף

2270 דער דאנבאס, // אַט שיקט אוקריינע שוין ארויס די

ווינטמילן אַנטקעגן". מארקיש, 11, 465.

476 - דא

ד א נ ג ע ן - ----⇐ <u>דאגהן</u>.

ד אָ נ ד אַ ל |ווייכער ל|. - דער, =ן/=עס. (שלש)

ווען אַ געמאדיק הויכן און דאַרן מענטשן|סטוטש 118,117|.

ד אַ נ ד י ק — פֿאַ דאַנדעק. געניצט ס׳רוב אין באַהעפֿט:

// יענקל דאַנדיק — אַ נאַר, אַ טיפּש |סטוטש 340|.

(?נ?) ד אַ נ ד ר אָ ף - |די?| " די שופּן, וואָס זענען פּאַראַן

2279 בײַ טייל מענטשן אויף דער הויט פֿון קאָפּ"|קטור|.

ד אַ ן = ז ש ו אַ ן - דער, =ען. 1. פּערסאָנאַזש פֿון אַ סך אייראָפּעישע ליטעראַרישע שאַפֿונגען אָנהייבנדיק פֿון XVIII י"ה.

2. (פֿיג) אַ ווייבערניק, אַ ליבע=פֿאַרפֿירער, אַ זוכער פֿון ליבע=אַוואַנטורעס.

1938 " מען דערזעט סטאַווראָגינען, וואָס רעדט זיך איין, אַז ער איז |...| אַ דאָן=זשואַן, געפּאָרט מיט דעם מאַרקיז דע=סאַד". קאַראַלניק, 1, 313. 2283/1

1972 "אין דער אמתן זיינען די דאָן=זשואַנען, וואָס האָבן זיך די הענט געשמידט אין קייטן".
צאַנין 3, 20.

||דאן=זשואניזם – דער, בא. די אייגנשאפט צו זיין
א דאן=זשואן.

1951 " אויך זיין |מ.דעווינישסקיס| דאן=זשואניזם
2284 |...| האט זיך שוין דעמאלט אין א קענטיקער מאס
ארויסגעצייכנט אין אים". א. רייזען, פער 1040,106.

דאן=זשואניש – אדי/אדוו. ווי א דאן=זשואן.

1960 " זיין דור איז געווארן אמוזאנט, פיקאנט |...|
2285 און דאן=זשואניש". גלאטשטיין, 2, 29.

דאן=זשואנעווען – אומוו. אויפפירן זיך ווי א דאן=זשואן.

ד אַ נ ז ש ע ן - אוטוו, פֿאַר געדאַנזשעט. (פּויל, נאַ) באַוויַיזן (צו דער צײַט) [פֿאַרגרייזט פֿון פּויליש: .[zdażyć

1929 " און ווי ער דאַנזשעט נאָר אויפֿצועסן די ערשטע

2287 פּאַרציע, זעט ער, ווי ער |דער בעל=הבית| מאַכט שוין גרייט אַ צווייטע פּאַרציע כריין מיט מצה". בערגמאַן, 112,2.

1962 " |...| מען האָט נישט געדאַנזשעט (אויספּעיעט)

2288 אָפּצוזאָגן 'עלינו', און עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן פֿון הימל, אַ גאַס ווי מיט צעבערס".

א. בורשטין, פּער 18, !/12.

(?נ?) ד א ן = ט א ן - אדי/אדוו. (אמ) אונטערשטאַטיש, אין דער אונטערשטאַט, אראָפּשטאַט |סטוטש 109.|

(?נ?) || דאַנטאַנער - אדי. (אמ) אונטערשטאַישער |סטוטש 116|.

ד אַ נ ט י ס ט - דער, =ן, פּפֿ דענטיסט. צײנדאָקטאָר.

1882 " װי מיר האָבן געהערט, איז מען שױן געקומען

2295 צו דאַנטיסטן (צײנערצטע), זײ האָבן ניט קײן

אוטשאַני סטעפּען |= געלערנטער טיטול|, האָבן זײ דאָך

ניט קײן רעכט צו װוינען הי"ס. פּער 74, נ' 13, ז' 194.

ד אַ נ ט ע יִ ש - **אדי.** שרעקלעך, גיהנומדיק

(ווי אין די שילדערונגען פון דאַנטען אין זײַן

"געטלעכער קאָמעדיע").

1968 " אין דער זעלבער צײַט, ווען די טראַגישע בילדער

האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די דרײַ טיילן פון געטאָ, 2298

האָבן זיך אָפּגעשפּילט **דאַנטעיִשע** סצענעס אין די ייִדישע

אינסטיטוציעס 'זאַפּיווקאַ' און 'בריאות'".

ב. אָרענשטיין, יזב 2, 828.

486 דא-נא

ד אָ נ י א - ←---- דאָנא.

487 דא-

(?נ?) דאַ נ י ו כ ע ן - טרוו. (אוקר, נאַ) דערשמעקן.

1930 " |...| פֿאַר פּאַדאַטעק און פֿלשער וואָג, וואָס דער

2300 פּאָליציי=מאַן האָט ביי איר דאַניוכעט". הייזלער, 1,59.

488 - דא

ד א נ י ט ש ק ע - די, =ס. 1. (פאלאנ) בלומענטעפל.

p: doniczka, doniczki

2. (שגל) באטייט - זען ציטאטע.

1959 " אויף די טרעפ, וואס האבן געפירט צום געריכט אויף לעשנע גאס, טרעפארט פון יידן און פאליאקן, פלעגן זיצן אויסגעהונגערטע קראנקע קינדער און בעטלען, ניט איין מאל זיינען זיי טאקע אויף די טרעפ אויסגעגאנגען. זייערע בעקלעך פלעגן פלאמען פון היץ, מען האט זיי דעריבער גערופן דאניטשקי, עלעהיי בלומענטעפ ביים אריינגאנג". נ. בלומענטאל, פער 90, נ' XIX - 3.

2301

489

דאנינע - די, =ס. 1. שטייער.

2. (ספ, שגל) אפצאל אדער קאנטריבוציע ארויפגעלייגט אויף יידן אין געטא.

1959 " דאס ווארט |דאנינא| איז אריבער אין פאלקלאר פון דער צייט, למשל: ' די גמינע, זי פאדערט דאנינע אין גיט צו עסן זויערקרויט מיט סאכארינע".

בלומענטאל, פער 90, נ' XIX - 3.

2305

ד אָ נ י ע - ----> דאָן/דאַנאַ.

דאָניצע - די, ס. דזוו דאַיניצע |פֿינקעל, ז' 50|.

1942 " אין באַברויסקער געגנט האָט מען געזאָגט אַזוי:

2307 אַז דער מאַן א דיין איז די ווייב א דאַיניצע,

און דערבײַ האָט דאַניצע באַטײַט - אַ הילצערנע כלי,

ווו מע מעלקט אַרײַן די מילך". פֿער 90, נ' !!, -6, ז' 189.

1958 " ער האָט געפֿירט אַ ווײַב קליין און קײַלעכיק

2308 ווי אַ דאַניצע". באַשעווויס, פֿער 9, נ' ראש=השנה.

דאנמע - דער, =ס. א צונאָמען פאַר די באַהאַלטענע שבתי=צביניקעס.

1931 "אַ'האָט געערדט, אַז ער שטאַמט פון די דאָנמעס
2312 און אַז ער גייט אַרויס יעדן פרייטיק אויפן פעלד אָפּוואַרטן דעם פאַלשן משיח". באַשעוויס, 2, 44.

1966 "איך גאַנץ טערקיי רופט מען זיי |די באַהאַלטענע
2313 שבתי=צביניקעס| 'דאָנמע', וואָס מיינט אויף טערקיש: אַן איבערגעדרייטער, אַ מומר=להכעיס". א. אַלפּערין, פער 13/XII, 69.

(?ב?) ד אַ נ ס ט ע ר ז - די, מצ. (אַמ, נאַ) אונטערשטער שטאָק, פּאַרטער|סטוטש 113|.

ד אַ נ ס י נ ג — דער, =ען. 1. זאַל (אין א רעסטאָראַן, קאַפעהויז אד"גל) באַשטימט צו טאַנצן. % דער האָטעל האָט א שיינעם גרויסן דאַנסינג.

2. א טאַנץ=אונטערנעמונג אין אַן עפנטלעכן זאַל. % די בחורים און מיידלעך האָבן פריילעך פאַרבראַכט אויפן דאַנסינג.

195 - דא

(?נ?) ד אַ נ ס=מ אַ ק אַ ב ( ע ) ר - דער, בא. טויטנטאַנץ.

Fr: Danse macabre

1928 " |...| טאַנצט די שטאָט א דאַנס=מאַקאַבער,//

2316 מ׳איז די אַלטע וועלט מקבר". פּײַנבערג, 1, 80.

(?נ?) ד אַ נ ע – די, |באַ?| (לאַקל, פּילוויזעק, ליטע) ברויט.

1944 " דאַנע – פֿון ליטוויש, ברויט. מען האָט דאָס וואָרט

2320 געניצט בלויז ווען מ'האָט געוואָלט ריידן פֿאַרשטעלט,

אַז אַ קינד זאָל ניט פֿאַרשטיין". ל. הערש, פער 90,

נ'וו, ז' 52.

ד אַ נ ע ב ן - אדוו. (עלט) דזוו דערנעבן.

1870 " די דינסט ביים נגיד, וואָס נעמט באַר 2 רענדלעך

2322 א חודש און מער ניט און מאַכט דאנעבן וויפל

פון קאַרטנגעלט פון געסט, פון אטיזדנעס |...|".

ארז, פער 177, נ' 9, ז' 68.

1911 " לאָזן זיך פון דעם שעף באַצאָלן גאנץ פיין,//

אַמאל קען אויך נישט שאַטן |א פאַרדינסטל| דאנעבן".

מוירער, 1, 29.

|1916 - 1921| " נישאָ קיין שטוב אין ערגעץ ניט,

2324 קיין גרוב דאנעבן". לייוויק, 6, 142.

ד א נ ע ט - ----> דאנען.

ד אַ נ ע ט ש ק ע - די, =ס. דזוו דאַיניצע, פּקפּ.

1951 "...| פֿלעגט זי אויף גיך אַפּגיסן נעגל=וואסער

2327 און אונעקגיין מיט דער דאַנעטשקע אין שטאַל אויסמעלקן

די בהמה". טשארני, 1, 60.

דאנען – קומט נאר אין די אדוו פר פון דאנען, ביז דאנען, פפּ פון דאנעט, ביז דאנעט, (זן) פון דאנענט, באטייט: 1. פון /ביז דעם אנגעווייזענעם (פריער דערמאנטן) ארט. % פון דאנען ביז דעם פארק איז שוין א גרויסע בלאטע.

(1899) "די עלטערע קינדער |...| שמועסן תוך=זאכן: וועגן א גרעבליע, וואס עס האט ערגעץ ניט ווייט פון דאנען זיך אפגעריסן". מענדעלע, 8ב, 4. 2328

... "|...| פון א שנייץ פון א סטערינליכט ווערט א מלמד, א לערער, א 'פון דאנען ביז דאנען', וואס רייכערט און קען קיינעם נישט ליכטיק מאכן אין מוח". פרץ, ארטיקל "פען דע סיעקל", 5 170. 2329

1943 " איר ווילט אן עפל? איר קענט אפרייסן א שטיקל 2330
פון דאנעט". דימאוו, 2, 145.

1947 " קיין גאנצע פון דאנענט וועט זי שוין מער ניט 2331
ארויסגיין". שניאור, 10, 243.

1973 " קליינע לאסטאויטאס האבן גאנצע טעג געפירט
פון דאנען דעם גרוין צו די הינטערשטאטישע מיסטפעלדער". 2333
שפיגל, 6, 20.

2. דערפון (פון דער זאך), דעריבער. % שוין לאנג
ניטא קיין ברייוו פון דער היים, פון דאנען איז
קלאר, אז עפעס איז דארט געשען.

1901 " דא לייענסטו אלע שבת, ביסטו געניט, - האט די

רביצין איבערגעשלאגן, - **פון דאנען** איז נאך קיין 2334

ראיה ניט, אז דו זעסט אין די שפאקולן |...|".

רייזען, 3, 25.

▱ ניט וויסן/ניט געדענקען פון דאנען ביז אהין - ניט

וויסן/ניט געדענקען גארניט.

פון דאנען אין אן אייגענער שטוב (וואר: פון דאנען אין

אן אייגענער אגעמויערטער) - (פטמ) ווינטשעוואניע

ביים אריינקלייבן זיך אין א נייער געדונגענער דירה.

ם

דאנן.

.1 <----

1544 " ער נם דיא הייליגן טאבילן מיט גיוואלט איך זיין

הנט.// אונ׳ טרוג זיא האלט בון דאנן בור וואר 2341

איך אוייף דש וויל זאגן |...|". שמואל=בוך,סטר׳ 79- 80.

1697 " |...| איך בערטיג בין,// פון איינר גרושן

שטאט |...|// אונ׳ גאר פיל קעשליכי ווייזיר 2342

קלואן מאנן // דא קום איך איצונדר פון דאנן".

ס׳ משלים, דף לא.

504 - דא

Mhd: doenen          ד אָ נ ע ן: שאַלן, ברומען, רוישן.          (?נ?)

... " יריע - דונט, כלומ' תרוע של שמחה". רייכלין 8,

תהילים, מא, יב.

(?נ?) ד א נ ע נ וו א ן - אַדוו. (רעג, גאַליציע) אָדער, ענטוועדער.

1936 " אין גאָרטן זעט איר דאַנענוואַן (אָדער פֿון

2352 צײַט צו צײַט) א שעפּסענעם ייִדן מיט אַ צוויקער

ענטוועדער מיט זייער אַ דין שוואַרץ שנירל אויף דער

רעכטער זײַט". נאַדיר, 10, 163.

רעד: כ׳גיב דעם אויסטײַטש ווי ס׳איז דורך עמעצן

געגעבן אויפֿן קאַרטל. אַליין קיין מאָל ניט געהערט.

ש.פּ.

(?ב?) דאָ נ ע ר ! - נאַר אין דער פּראָזע:

קריגן אַ דאָנער - (אַקטיאַריש) קריגן אַפּלאָדיסמענטן,
באַקומען אַן אָוואַציע |סטוטש 383|.

(?נ?) ם |דאָנער !!| ד ו נ ע ר - דער. שפּילער, זינגער.

... " נוגנים - דען דונערן, ל׳ ניגון".

רייכלין 8, תהילים סח - כו.

Mhd: doene

ד אָ נ ע ר ש ט אָ ג - דזוו דאָנערשטיק.

1836 " דא איז משה ארויף גיגאנגין אום דאנערשטאג און

2357 האט זיך דארטין גיזוממ פערציג טעג |...|".

לב טוב, 3, דף 1/24.

1878 " אַלס איך בין געוועזן אַלט אַ יאָר פֿניף און האָב

2358 אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, פֿלעגט מיר דער רבי

אַראָפּנעמען די הויט דאָנערשטאָג, דאָס איך זאָל קענען וואָס

איך האָב געלערנט אַ גאַנצע וואָך". דיק, 89, 15.

1883 " אַז אַ גאַנצע וואָך לערנט מען ניט, מוז מען דאָנערשטאָג

2359 אָפּגיין מיט בלוט". ליניעצקי, 7, 31.

□ דאנרשטאג.

1743 " אונ׳ דען פר זאמלן זיא זיך אן דאנרשטאג אין דער

2360 שול אונ׳ מאכן אים א ין מישבירך". שארית ישראל, דף 2/1.

רעד: איך קאַרטל שטייט "דאנדרשטאג", עס מוז זיין אַ טעות פֿון איבערשרייבער: ניט איך נה"ד, ניט אין מה"ד איז אזוי. מהד:

DONERSTAG

דאַנערשטיק - דער, =ס. (זן). נאָמען פֿון דעם פֿינפֿטן טאָג אין דער וואָך. % דאַנערשטיק קויפֿט איין די בעל=הביתטע אַלצדינג אויף שבת. די מאַמע פֿלעגט באַקן דאַנערשטיק ברויט אויף ~~אויף~~ אַ גאַנצער וואָך. אין דעם שטעטל איז אַלע דאַנערשטיק אַ יריד.

1888 " חוץ דעם האָט ער |...| דער מלמד פֿון תּלמוד=תּורה|

2362 באַדאַרפֿט אָפּשפּרעכן עין=הרעס, איבערקוקן מזוזות, און פֿון אַלע מלאכות זיך אָפּרייסן דאַנערשטיק און פֿרײַטיק מיט אַ פּושקעלע אין די הײַזער אַרומצוגיין". מענדעלע, 3, 23.

1926 " איין מאָל, דאַנערשטיק בײַ נאַכט, דעמאָלט איז

2363 שטענדיק די גרעסטע גראַטשקע |...|". בערגמאַן, 35,1.

1959 " די וואָס זײַנען אומגעקומען אין באַלאַסטאַקער

2367 געטאָ דאַנערשטיק דעם 4טן יולי 1941 בעת דער אַקציע אויף דער אינטעליגענץ". בלומענטאַל, פּער 90, נ׳ XIV - 3.

1973 " ס'האט גענוגט צו זען דעם באטרעפנדיקן בחור
צי דאס באטרעפנדיק מיידל גיין אויסגעפוצט אין א 2364
פשוטן מאנטיק צי דאנערשטיק מיט פעטער=און=מוטער צו
דער באן |...|". בלומענטאל, 1, 206.

|| דאנערשטיקע(ר) - אדי. פון דאנערשטיק.
% דעם גאנצן דאנערשטיקן טאג איז ער געשטאנען אין קראם.

1968 " |...| זיי |...| שפירן נאך א ברענעניש אין די
ביינער פון שלעפן זיך די דאנערשטיקע נאכט מיט שווער 2365
באלאדענע פורן אין שניי=זאווערוכעס". גראדע, צמח אטלאס,
|באנד? זייט?|.

7/ אלע/יעדן מאנטיק און דאנערשטיק - זייער אָפט, צו אָפט.

1930 " אויסגעגאַנגען איז עס נאָר צו די מענטשן. זיי
האָט מען |...| אלע מאנטיק און דאנערשטיק אפגעזאָגט". 2366
פערלע, 1, 440.

גרינער דאנערשטיק - יידישער נאָמען פאַרן קאטוילישן
יום=טוב "קאָרפוס קריסטי"(אין פויליש (Boże Ciało).
פאַלט אויס דעם צווייטן דאנערשטיק נאָך דעם קריסטלעכן
שבועות; אין גרינעם דאַנערשטיק פירט מען דורך אַ גרויסע
רעליגיעזע פראַצעסיע, וואָס פלעגט אַ מאָל זיך אויסלאָזן מיט
אַנטי=יידישע עקסצעסן.

**ד א נ ק** – דער, ס׳רוב געניצט מיטן אומבאַשטימיקן אַרטיקל אַדער אַן אַרטיקל. 1. באַ. געפֿיל פֿון גוטגינציקייט, אָנערקענונג און מחויבדיקייט צו עמעצן פֿאַר יענעמס אַ טובֿה, געפֿעליקייט, באַמיִונג, פֿאַר גוטער באַציִונג, פֿאַר איידעלער באַנעמונג. % אויסדריקן, אַרויסווייַזן אַ דאַנק. קומען (שולדיק זייַן) עמעצן אַ דאַנק.

ער נעמט אָן די מתּנה מיט דאַנק. איך וועל אייַך מיט דאַנק אָפּדינען פֿאַר דער טובֿה. זייַן האַרץ איז פֿול מיט דאַנק צו גאָט.

Mhd: danc. ~~מורו״צ:~~

1864 " |...| דאָס איז אַן אַלטער כּלל, אַזוי גוט ווי אַלגעמיינער דאַנק אייפּערט אַן נאָך מער צו טון,

אַזוי אויך אומדאַנק, דער שונא זאָל ניט אויספֿירן". 2386

פּער 177, נ׳ 16, ז׳ 245.

1873 " כמה מעלות טובות למקום, וויפל דאנק בין איך

דעם אייבערשטן שולדיק". מענדעלע, 1, קאנק 113010. 2387

190... " פרייד און דאנק דעם נייעם מענטשן, ער האט

פרייד און דאנק פארדינט |...|". רייזען, ליד

ליד " פרייד און דאנק".

2. מצ דאנקען. דער אויסדרוק, ארויסזאג פון דאנק, ב 1,

אין אנגענומענע פארמולירונגען. % א דאנק!

א שיינעם דאנק! א גרויסן דאנק! דעם בעסטן דאנק!

א הארציקן דאנק! טויזנט דאנקען אייך! זאגן א דאנק.

באקומען/קריגן א דאנק. א דאנק אייך פאר אייער הילף!

וואס מאכט איר אין געזונט? – א דאנק, נישט צו פארזינדיקן.

1834 " ווי דער רב האט גיטאן דעם בריב לייענען |...|

2389 אזוי האט דער רב ארויש באפוילן איין גרוישין דאנק

|...|". אנ, מעשה גדולה מן אומן.

1868 " זיי קומט יא עפנטלעך בשם הכלל א גרויסער דאנק".

2390 פער 177, נ' 31.

1903 "נו, מזל=טוב אייך! - האבן אייניקע געסט אנגעהויבן

2391 ונזגטשן |נ..| - א שיינעם דאנק אייך! האט אהרן ג

געענטפערט |...|". רייזען, 4, 135.

3. ווי פרעפאזיציע = באהעפט: א דאנק. צוליב, דורך,

אין/ווי א רעזולטאט פון. % נאר א דאנק א צופאל

האט מען אויסגעמיטן אן אומגליק. א דאנק דעם בארימטן

פראפעסאר איז ער געזונט געווארן. ~~א דאנק דיר האב~~

~~איך פארשפעטיקט צו דער באן.~~

1923 "א דאנק א גרויסער צאל געלערנטע, |...| דער

עיקר א דאנק פאסטערן אין פראנקרייך, קאך אין 2397

1973 "דער רב פֿון זלאַטשעוו (זײַט 1883) איז געווען
אַ גאון אין לערנען, |...| ער האָט אויך עוסק געווען 3042
אין וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, שטודירט אויפֿן לעמבערגער
אוניווערסיטעט און געשריבן אַ דאקטאר=ארבעט".
בלומענטאל, 1, 94.

**דאקטערבוך** - דער/דאָס, ~, ביכער. (פֿטמ) פּאָפּולער בוך
מיט עצות ווי צו היילן קראַנקהייטן.

1832 " דער דאקטער שרייבט ניט אַ דאקטערבוך פאר די
דאקטוירים, נאר צו פראסטע לייט |...|". 3043
דוב בער |...|, 1, הקדמה.

רעד: דער אויסלייג מאָדערניזירט (דורכן אויסשרייבער?).

דאקטאר=דיסערטאציע - די, =ס. פארשארבעט צו באקומען
דעם טיטול דאקטאר.

1970 " ווען זיין טאכטער האט געשריבן איר דאקטאר=
=דיסערטאציע |...| האט זי די גאנצע צייט גענאסן
פון זיינע באמערקונגען". יזב 15, 630.

דאקטאר=האנאראר - דאס געצאלט דעם דאקטאר פאר באהאנדלען
א קראנקן.

דאקטוירים=פארבאנד - דער, =ן. פראפעסיאנעלער פאראיין
פון דאקטוירים.

דאקטוירים=קאמער - די, =ן. פאראיין פון דאקטוירים,
וואס פארנעמט זיך מיט ענינים פון פראפעסיאנעלער עטיק,
מעדיצינישע פראבלעמען אד"גל.

1929 " דער צוזאמענפאר מאכט אויפמערקזאם די |דער| עפנטלעכע|ר| מיינונג און די דאקטוירים=קאמערן אויף דער שעדלעכקייט פון דער פאפולער מעדיצינישער פארנאגראפישער ליטעראטור". פער 72.

**אויגן=דאקטאר** – ספעציאליסט אין אויגן=קראנקייטן.

**אינערן=דאקטאר** – ספעציאליסט אין קראנקייט פון פארדיי=אפאראט, און אנדערע אינעווייניקסטע אברים; ~~ענטעראלאג~~ אינטערניסט.

**בהמות=דאקטער** – (פטם) דאקטאר וואס היילט בהמות און אנדערע חיות; וועטערינאר. [=בהמהדאקטער]

1881 " אז עס טרעפט שוין גאר א גליק, אז דער שוחט דער גרויסער בהמות=דאקטער, איז מסכים, אז דער אקס 3049 איז געזונט |...|". שאצקעס, 1, 113.

**הויטדאקטאר** – ספעציאַליסט אין קראַנקייטן פון דער הויט; דערמאַטאָלאָג.

**האַרצדאָקטאָר** – ספעציאַליסט אין קראַנקייטן פון האַרץ; קאַרדיאָלאָג.

**משפחה=דאָקטאָר/פאַמיליען=דאָקטאָר** – דאָקטאָר אין אַ קראַנקן=קאַסע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַלגעמיינער טעראַפּיע פון די קראַנקע און קערעוועט זיי, אויב נייטיק, צו ספעציאַליסטן אָדער אין שפּיטאָל.

**פרויען=דאָקטאָר** – ספעציאַליסט אין פרויען=קראַנקייטן; גינעקאָלאָג.

**צאָנדאָקטאָר** – ← צייןדאָקטאָר.

**ציינדאקטאר** – ספעציאליסט אין היילן ציין; דענטיסט.

**קינדער=דאקטאר** – ספעציאליסט אין קינדער=קראנקייטן;
פעדיאטער.

**שטובדאקטאר** – א דאקטאר וואס היילט שטענדיק אלע
מיטגלידער פון א געוויסע משפּחה.

1957 " |...| האט ער אויעקגעווארפן אלע עצות
פון שטובדאקטאר, אלע זיינע פּארעווע דיעטעס און 3050
זשעדנע אנגעווארפן זיך אויף שווערע עסנס".
שניאור, 13, 33.

**אלגעמיינער דאקטאר** – א דאקטאר צו וועמען מע ווענדט זיך, אויב מע פילט זיך ניט גוט אין געזונט, אבער ס'איז נאך ניט קלאר וועגן וואסער קאנקרעטער קראנקייט עס האנדלט זיך.

**דאקטער=מיט=די=ציין** – (איר) פאראדירט פון דאקטאר מעדיצין.

**דאקטאר קאניושנע** – (שלש) "וועגן עמעצן וואס שרייבט זיך צו אומבארעכטיקט א דאקטאר=טיטל" | הארענדארף, 1, טייטש=צעטל |.

**דאקטאר פלעקל** – (שלש) דזוו דפוו.

(?ב?) <u>דאקטער פון א קא</u> - <u>(שגל)</u> צונאמען פאר ד"ר ברעסלער
אין לאגער פעלצערן (טשענסטאכאוו), (א פראשעק
פאר קאפווייטיק מיט א צייכן פון א האן אויפן פאפירל;
ווארט שפיל מיט אקא "ארמיא קראיאווא".
<u>בלומענטאל, פער XIX - 3</u>.

ווייל ער האט קראנקע פארשריבן אלס אַט- פירן אלס 'יאַגודשיק'

<u>דער דאקטער ווייסט א קרענק</u> ( <u>וואר</u>: <u>ער איז א דאקטאר</u>,
<u>ער ווייסט א קרענק</u>) - וועגן א שלעכטן דאקטאר
דער קאמיזם ליגט אין דער צווייטייטשיקייט פון
אויסדרוק: א) ער ווייסט טאקע (ער קען) אין וואס
די קרענק באשטייט; ב) ער ווייסט גארנישט.

<u>איך און מעכל פיזיק און אנדערע צוויי דאקטוירים</u> -
<u>(שלש)</u> וועגן א בארימער <u>סטוטש 550</u>.

ס'וועט (שוין) ניט העלפן קיין באבע און קיין דאקטער -

א) וועגן א חולה וואס האלט ביי שטארבן.

ב) ער איז שוין א פארפאלענער, מע קען מיט דעם מענטשן גארנישט מאכן.

דאקטוירים האבן אים/איר שוין אפגעזאגט (דאס לעבן) -

ער האלט שוין ביי שטארבן, מע קען שוין ניט אויסהיילן.

שוו: פרעג(ט) ניט דעם דאקטאר, פרעגט דעם חולה.

אז ס'איז דא א דאקטער אין שטוב, זיינען אלע געזונט,

אז ס'איז דא קרויט אין שטוב, זיינען אלע זאט.

דער דאקטער האט א רפואה צו אלעס, אבער ניט צום דלות

(וואר: דער דאקטער קען אלעס, אבער ניט ארויסטרייבן דעם דלות.)

א דאקטער קען זיך אליין ניט העלפן.

צוך א וווּנד און צוך א בלאטער, אז עס העלפט ניט קיין דאקטער, העלפט א טאטער.

א רבי און א דאקטער ווערן רייך נאר פון ווייבער.

א דאקטער איז א גנב |סטוטש 427|.

אז דער קראנקער גייט צום דאקטער, ווערט דאס ערשטע געהאלפן דער דאקטאר.

א דאקטער און א רופא טאר מען נישט ווינטשן א גוט יאר.

דאקטוירים ווייסן א חולאת אינעווייניק און רופאים - א מכה אויסנווייניק.

גוט איז די דאקטוירים: זייערע מעלות פארקלינגען די וועלט, זייערע פעלערן פארדעקט די ערד.

די מצבות זיינען די בעסטע שבחים פארן דאקטער.

א דאקטער און א קברות=מאן זיינען שותפים.

דער דאקטער האט פאר א שותף דעם מלאך=המות.

איינגעשפארט אויפן מאגן - און דעם דאקטער געטראגן.

אויב די טיר עפנט זיך ניט פארן ארעמאן, עפנט זי זיך
(וואר: וועט זי זיך עפענען) פארן דאקטער.

פארן דאקטאר און פארן בעדער זיינען נישטא קיין סודות.

איידער דעם דאקטאר א צווייג, איז בעסער זיך א שאק אייער.

איידער דעם דאקטאר א גילדן|=גילדן|, בעסער גיין אין
קארטן שפילן.

בעטער צום ערגסטן בעקער איידער צום בעסטן דאקטער.

לאכן איז געזונט, דאקטוירים הייסן לאכן.

דער שלאף איז דער בעסטער דאקטער.

די צייט איז דער בעסטער דאקטער.

גאט איז דער בעסטער דאקטער.

דער טויט איז דער בעסטער דאקטער.

קללות: אויף דאקטוירים זאל ער דאס אוועקגעבן!

א דאקטער זאל אים דארפן!

קיין דאקטער זאל אים ניט העלפן!

מיט דאקטוירים זאל ער האנדלען!

645 דא –

ם

# דאקטער, דאקטוירים/טוקטורס.

---- .1

|סוףקוטאי"ה| " האב איך לבעלי זצ"ל |...| געזאגט איך

דיא זעלבי ארציניייא ניט וואלט אך נעמין וועלכיש 3087

זיא אן דען דאקטורים גיזאגט". זכרונות גליקל האמיל.

1964 " אונ' גלייך עז מאכט אנטרינך איין קלוגר

גשיקטר דאקטער דר דא פר שטיט ווי עש מיט די קרענק 3088

ווערט גין אן דען קראנקר פון זיין שווערי קרענק".

יוסיפון, 5, דף סט.

---- .2

1701 " |...| אזו קאנט מן דאז שרייבן ניט לייאן.
דא שיקט ער |דער מלך| נאך אלי <u>טוקטורת</u> אבר עש קענט
עז נימנט ניט לייאן". <u>מעשה=בוך, מעשה רכ"ח</u>.

1743 " אונ׳ דיא אנפאנג |פון געבן דעם טיטול "מורנו"|
איז גוועזן צווישן דיא אשכנזים.|...| עש קען זיין
|...| דש זיא עש האבן גלערנט פון די (אומות) דש
דער איין קונשט גלערנט איז דען גיבט מן דען טיטל פון
<u>דאקטר</u>". <u>שארית ישראל, דף קיז</u>.

|| <u>דאקטרייא</u> .

1743 " אך וואר ער איין גרושיר (חכם) איין <u>דאקטרייא</u>".
<u>שארית ישראל, דף סא</u>.

647 - דא

ד אָ ק ט אָ ר פ י ש - דער, מצ דז. (זאאל) בנב. 3100

רעד: אין קאַרטל איז דאָ אַן אַנווייַז:

א. פּאָמעראַנץ, פאָרווערטס, פון 13 יוני 1957.

648 - דא

3099 ד אָ ק ט אָ ר פ ל י ג - די, =ן. (זאאל) "פליג וואס

לייכט אין דער פינצטער"|קטוור, פון גריידינג=

( Gróde Jagielonski

ד אָ ק ט ו י ר ן ם - <u>מצ</u> פֿון דאָקטאָר/דאָקטער.

דאקטיל |ווייכער ל| - דער, =ן. 1. (באַט)

מין פּאַלמע; טייטלבוים.

2. די פּרוכט פֿון אַט דער פּאַלמע; טייטל.

3. פערזפֿוס אין דער סילאַבאַטאַנישער ~~פּאָעזיע:~~ ריטמיק:

א) ביי די אַנטיקע גריכן און רוימער - באַשטאַנען פֿון לאַנגער און צוויי קורצע טראַפֿן;

ב) אין דער יידישער ריטמיק - באַשטייט פֿון דריי טראַפֿן, ~~איין טראַף~~ דעם ערשטן א באַטאַנטער און צוויי אומבאַטאַנטע,

למשל: " בלימעלעך// קרענצעלעך, מאָלט אויף די//

שויבן דער // פֿראָסט" |מאַני לייב|.

|| דאקטיליש - אדי. (ווי) פֿון דאקטילן, ב' 3.

% דאקטילישער פֿערזפֿוס, דאקטילישע פֿערזן.

דאקטילישע גראַמען.

1955 " אַ גרעסערע אונטערגרופּע האַלט זיך ביים מוסטער

פֿון צוויי טראַפֿן אין אַ פֿערזפֿוס, אויסער די דאקטילישע

ווערטער |...| וואָס שאַפֿן דרייטראַפֿיקע פֿערזפֿיס".

קאַזדאַן, פֿער 90, נ' XV - 2, ז' 39. 3132

652 - דא

דאקטילאגראפיע - די, בא. די טעכניק

צו שרייבן אויף אַ שרייבמאַשינקע.

דאַקטילאָלאָגיע - די ב״א. האַנט=אלף=בית,

די סיסטעם צו פֿאַרבײַטן די רייד אויף האַנט=באַוועגונגען,

געניצט פֿאַר טויבשטומע.

654 - דא

ד אָ ק ט י ל אָ ן - דער, =ען. מוזיקאַלישער אינסטרומענט, (?בנ?)

גענויער בנב |סטוטש 286|.

(?נ?) ד אָ ק ט י ל אָ נ אָ מ י ע - די, בא. פינגער=רעכענונג

|סטוטש 54|.

דאקטילאסקאפיע - **די, בא.** די פארשונג
פון די מוסטערן וואס שאפן זיך פון די ליניעס אויף
דער הויט פון די פינגער=קישעלעך (אויף די הענט), די
דינט צו אידענטיפיצירן א פערזאן.

1929 " דער עיקר גענוי ווערט דורכגעפירט די דאקטילאסקאפיע,
ד"ה די אונטערזוכונג דורך א פארגרעסער=גלאז די 3128
שטריכן פון די ליניעס אויף יעדן פון די 10 הענטפינגער".
פער 151, נ' 11.

|| דאקטילאסקאפיש - **אדי.** שייכדיק צו דאקטילאסקאפיע,
אויפן סמך פון דאקטילאסקאפיע.

1969 " דער הערשער פון יענעם לאנד האט געטראכט צו
פארלייגן אן אודיא=וויזועלע קארטאטעקע, לויטן 3129
מוסטער פון דער דאקטילאסקאפישער קארטאטעקע פון פארברעכער,
פארן גאנצן פאלק". ס. וויזאדסקי, פער 38, נ' 66, ז' 261.

ד אָ ק ט ע ר - ------> דאָקטאָר.

ד א ק ט ע ר ן - טרוו. 1. (שש) היילן, קורירן

א קראנקן אליין, אָן אַ דאקטאר.

1967 " אויב דער חולה איז געווען אַ דערוואקסענער,

האט מען צו ערשט אליין געדאקטערט". צ. לעדער, 3102

יזב 21, 437.

2. (פיג, איר) פארריכטן, איבערמאכן, אויסבעסערן.

1972 " ס'איז דאָ פאראן איינער פון ניו=יארק, וואס

'דאקטארט' פיעסן |...| ער איז ווי אַ כירורג, וואס וועט 3103

ווען די פיעסע איז צו לאנג, מאכט ער איר אַן אָפּעראציע".

באשעוויס, פער 155, V, 5/.

דאקטערן זיך – אויטוו. (שש) גייען אָפּט צו דאָקטוירים,
היילן זיך בסדר.

1819 " א פריץ האט א לאנגי צייט גיקרענקט אויף
פאדאגרי, נישט פר אונז גיזאגט, ער האט זיך 3104
גידאקטירט און׳ גידאקטירט, עס האט אבער אלצדינג
נישט גיהאלפין". י. פּערל 1, 146.

1886 " זיין ווייב איז געווען אַ חלי=רע, |...| זי
איז פון תמיד אָן געווען אַ גרינגע, |...| שטענדיק 3105
זיך געדאַקטערט". שלום=עליכם 25, 198.

1910 " די גבירים, כ׳ ווייס, מען דאקטערט זיך, //
מע היט זיך, מען האט מורא פאר היץ". פרוג 3, 269. 3106

|1931-1926| "אַנדערע מאַמעס לאָזן זיך קאַסטן א פֿאַרמעגן צו האָבן אַ קינד, מען דאַקטערט זיך, מען פֿאָרט צו רביים". אפּאַטאַשו. 8, 158. 3107

דאַקטערן קאַנטעס/חשבונות - פֿאַלסיפֿיצירן קאַנטעס/ חשבונות.

דאַקטערן ביכער - פֿירן פֿאַלשע בוכהאַלטעריע=ביכער.

דאַקדירן ם - דזוו דאַקטערן זיך.

|סוף XVII"ה| " |...| ער ע"ה בימי נעוריו גאר קרענקליך געווייזן און פֿיל גידאַקדירט". זכרונות גליקל האמיל, ז' 69. 3108

ד א ק ט ר י ן - די, =עס. 1. לערע, טעאריע, שיטה.

% פילאסאפישע (וויסנשאפטלעכע, פאליטישע) דאקטרין.

1917 " |...| איז קיין חידוש ניט, וואס אלע פארמאל לאגישע אנפאלן אויף זיין דאקטרין האבן געמוזט אפשפרינגען פון אים". זשיטלאווסקי, 7, 82. 3133

1956 " |...| דא פאלט מיט אים זיך ניט צונויף דעם פירערס געטלעכע דאקטרין |...|". מארקיש, 10, 236. 3134

2. (פעיא) אן ענג פארמאכטער און באגרענעצטער געדאנקען=גאנג, וואס איז אפגעריסן פון דער פארענדערלעכער רעאליטעט.

|| דאקטרינער - דער, =ן. פארעקשנטער אנהענגער פון א דאקטרין, ב׳ 2.

1936 " נאר א פאנאטיקער, א דאקטרינער, וואס האט נישט קיין זין פאר רעאלע זאכן, האט זיך געקענט צו אזא אומזין דערקלערן". זינגער, 6, 536 |?534|. 3139

דאקטרינעריי — דאס, בא. דאס עוסק זיין אין א דאקטרינע/דאקטרינעס, אין ב' 2.

(?נ?) דאקייט - די. בא. (שנש) דזוו דאיקייט.

1957 " |...| היימישע יידישע קלאַנגען מיט דאקייט".

3142 לעיעלעס. 5, 272.

.....................................................

רעד: שטאַרק מסופק אין דער גייטיקייט פון אט

דער גייַישאַפונג...

.....................................................

(?נ?) דאקלאד I - דער, =ן. 1. (רוס, נא)

ראפארט, באריכט.

1863 " ער האט פארגעלייענט איין אויספירלעכן דאקלאד

3143 איבער דעם שטאנד פון די פוילישע עסקים".

פער 177, נ' 31, ז' 481.

1873 " איך איר |...| דאקלאד האט די קאמיסיע אונדז

3144 פארגעלייגט איר חוות=דעת |...|". מענדעלע, 1, קאנק225250.

1949 " זיינע אייגענע מיניסטארן קען ער ניט אנקוקן

3145 און יאגט זיי פון ווינטער=פאלאץ, ווען זיי קומען

צו אים מיט א 'דאקלאד'". שניאור, 11, 5.

2. (רוס, נא) רעפעראט, לעקציע.

1889 " איך בעט אייַך, מײַנע ליבע געסט, זיך זעצן

ארום טיש און אויסהערן קודם=כל דעם ״דאקלאד״". 3146

שלום=עליכם, 35, 11.

1910 " אזוי האב איך אין מײַן דאקלאד געשריבן".

פּרוג 1, 291.

|| דאקלאדטשיק - דער, =עס. (רוס, נא) רעפערענט.

1864 " די מיינונגען זאל מען אדרעסירן אויף דעם

נאמען פֿון דעם דאקלאדטשיק אין דער קאמיסיע".

פּער 177, נ' 29, ז' 451.

דאקלאד !! - דער, =ן. (שניידעריי, שוסטעריי)

צודאטן, צוגאבן צו דעם הויפט=מאטעריאל

(א שטייגער: אונטערשלאק, שטייפליוונט, קנעפ, א"א);

% דעם שטאף אויפן אנצוג האט געבראכט דער קליענט,

אבער דעם דאקלאד גיט דער שניידער.

" |...| ווער קויפט אייך דאקלאד? - מיר. און 1935

וועמען גייט דאס פארדינסט פון דער גרייטער סחורה? - 3151

אייך. וואס זשע ווילט איר נאך?". א. קאהאן, 4, 205.

" |...| ווי אין דער היים, ביים שניידעריי 1956

א מאל, ביים ווארשטאט פלעגט ער אויסטיילן דעם 3156

דאקלאד |טעקסט: דאקלעד|". מארקיש, 11, 439.

667- דא

1968 " אונטערגעניטע שטיוול הייסט, אַז די כאַליעוועס מיט די פֿידקלייקעס זײַנען אַלטע, און נאָר די קעפּלעך, דער דאָקלאָד און די פּאַדעשוועס - נײַע".

קיפּניס, פּער 131, נ' 6, ז' 66.

3152

(?נ?) ד אַ ק ל אַ ד ע ו ו ע ן — טרוו. (רוס, נאַ)

ראַפּאָרטירן, מעלדן, אָנזאָגן.

1882 " דער סטאַרשינאַ דאַקלאַדעווועט וועגן דעם דירעקטאָר

3158 |...|". פּער 74, נ׳ 15, ז׳ 226.

1896 " די גאָרנישנע |=שטובמיידל| איז אַריין און

3159 האָט איר דאַקלאַדעווועט און לאָזט איר זאָגן, אַז זי זאָל

וואַרטן אין קיך". אחוך, 2, 34.

דאַקס – דער, =ן. (זאַאָל) זויג=חיה פֿון דער משפּחה מאַרדערס (וווסנ *Ursus meles*).

R: барсук, E: badger.

1924 "דער דאַקס איז אַן אומגעלומפּערטער זוילן= 3162
טרעטנדיקער בעל=חי. מיט זײַנע שטאַרקע נעגלריַיסט
ער אויס וואָרצלען פֿון דער ערד, געוויקסקנוילן
און פֿאַרשיידענע קליינע בעלי=חיימלעך, און מיט דעם
שנוק |...| דערשמעקט ער זיי און זוכט זיי אויף
אין די אָפּגעפֿאַלענע פֿאַרפֿוילטע בלעטער".

איבז איסעל, 1, 19.

דאקסהונט - דער, ~ הינט. (זאאל) זגאל

הונט, שוואַרץ אָדער ברוין, מיט קורצע פּיס און

לאַנגער שמאָלער מאָרדע, גענוציצט ס'רוב צו געיעג.

1924 " דאַקסהינט |טעקסט: טאַקסהינט| באַנוצט מען ביים 3165

געיעג אויף פוקסן און דאַקסן. א דאַנק זייערע קורצע

קרומע פּיס קריכן זיי לייכט אַריַין אין די דאַקסן=

און פוקסן=לעכער |...|". איבן איסעל, 1, 15.

671 - דא

ד אַ ק ס ט ע ר י ע ר - דער, =ן. (זאאל) זגאַל הונט

|סטוטש 247|.

672 - דא

(?נ?) ד אַ ק (ע) - דער? די? =ס. בנב.

1938 " |...| פֿון פֿאַרפֿיאַנאָווס שפּיַיכלער // דאַקעס
3170 פֿירט דער טאַטע". ראַסיָן, 1, 49.

....................................................

רעד: ס'איז א גרײַז, אָבער פֿון וועסער וואָרט?

....................................................

ד אָ ק ע ג ן - ----> דערקעגן.

דאקראַן – דער, באָ. איינער פֿון די סינטעטישע טעקסטילשטאָפֿן.

1961 " |...| דאַקראַן איז אויך אַ בײַפּראָדוקט פֿון וואַנילין". י. וואַלאַך, פֿער 69, 26/XI. 3171

1963 " דער בראַזיר |?| אויפֿן בילד איז געמאַכט פֿון מאַרקיזעט, אויסגעפּאַרטיקט מיט נײַלאָנשפּיצן, און האָט אײַנזאַצן פֿון דאַקראַן= עלאַסטיק". 3172

מ. ראָוז, פֿער 155, 18/II.

ד א ר I - אדי/אדוו. 1. אן פייכטקייט, טרוקן,
אויסגעטריקנט אדער ספעציעל איינגעטריקנט.
% דאר ברויט. דאס דארע האלץ ברענט גיכער אויס. ער
האט ליב צו עסן דארע פלוימען. זי צעצינדט דעם
אויוון מיט דארע שפענער.

1832 " ווען דאש פייאר נעמט צו ברענין דיא פייכט,
3173 ביימר האבין דיא דארי אונ פאר שניטיני העלציר
בוסאי מורא". מחזור 2, דף ל/ב.

1873 " אן ארמאנס קישקע קלייבט גאר נישט איבער,
3174 כאטש דאר ברויט, |...|, אבי עסן". מענדעלע, קאנק 238750.

1908 " די דארע ערד וועט זיך מיט לוסט באזיען //
3175 און ווי א יונגע ראזע פרעכטיק בליען".
ראזענפעלד, 2, 177.

דא - 676

3176

1926 " ער האט ארויסגענומען פון דער כאליעווע א פלאטשיק פלעשל מיט שנאפס, געטאן א צוויי=דריי זופ, |...| און פארביסן מיט א שטיקל דארן קעז". אפאטאשו, 5, 110.

1948 " ס'וועלן בלייבן די שיך, אויסגעקרימטע און דארע...// פאר רעגן און שניי, פאר גרידע און שטיין".
ר. קארן, 4, 163.

2. מאגער, אן פעטס אין די מוסקלען, אויפן לייב.
% נאך דער קראנקייט איז ער זייער דאר און בלאס.
זי וויל ווערן דארער, היט זי אפ א שטרענגע דיעטע.
דער בחור איז א הויכער און א דארער - הויט און ביינער.

1873 " ארום אים שטייען א סך גרויסע און קליינע
קינדער, דארע, בלייכע, מיט פארשמאכטע ליפן, ווי 3178
הונגעריקע". מענדעלע, 1, קאנק324990.

1904 " חיה=ביילע האט זיך ארײַנגעריסן מיט אירע
דארע לאנגע הענט אין זעלדעס לײַב". רייזען, 3, 40. 3179

1932 " בלומע האט |...| אנגעהויבן |...| אפט געגעצן
מיט איר |...| חיסרון=געגעצל און ארײַנבאפן
דאס געגעצל אין דארן פויסטל". בערגעלסאן, 344,13.

1965 " וואס ביסטו אזוי דאר? מען גיט דיר נישט צו
עסן?". קאגאנאווסקי, 78 |?28 ?18|.

|| דארינק(ע-ר) - אדי, צערטל=פארמע.

... " מיין אלטע באבע רייזע, א בת=שבעים,//

א קליינינקע, א דארינקע אלמנה,// א בעקערין מיט 3181/1

אויסגעפראצעוועטע פלייצעס |...|".

לייוויק, ליד, "א דערמאנונג, אזוי ווי דורכן שלאף".

דארלעך - אדי, אפשוואך=פארמע. א ביסל דאר.

1912 " |...| לאנגע וואסער=פעדעם האבן זיך אראפגעשנירלט

איבער שלמהס דארלעכע באקן". אפאטאשו, 1, 7. 3181/2

1947 " |...| איך זיין - א הויכלעכער, א דארלעכער".

דאבין, 1, 37. 3181/3

דארעוואטע – אדי. 1.א ביסל דאר, ב' 1. דאס ברויט
איז שוין דארעוואטע, מע דארף עס אפפרישן.

1. א ביסל דאר, ב' 2.

1960 " זיינע תלמידים און תלמידות דא זענען ס'רוב
פון נידעריקן וווּקס, דארעוואטע". מ. גראסמאן, פער 47, 3183
נ' מאי-יוני.

דארעניש – דאס, בא. דזוו דארקייט, ב' 2.

1901 " בריינע, אזוי ווי מען האט זי נישט ארויסגעזען
ביים לעבן, האט מען זי קוים אנגעזען אויף דער 3182
מיטה... אזא דארעניש!". פרץ, דערצ' "מענדל בריינעס".

דארקייט - די, בא. 1. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן דאַר, ביידע ב"ב.

... " זעסט א דאַרקייט, |...| קיין טראָפּן בלוט אין די ליפּן". פּרץ, 5, 155. 3184

2. (עלט) טריקעניש.

1851 " גאָט וועט דיר שלאגן |...| מיט געשווילעכץ |...| און מיט היץ |...| און מיט דארקייט |...| און מיט א שווערד פון חיילות". איבז, אנ, חומש עם עברי=טייטש, דברים, כח - כב. 3184/1

~~**דארקייט** – די, בא. 1. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין דאר,
ביידע ב"ב.~~

~~... " זעסט א דארקייט, |...| קיין טראפן בלוט אין די
ליפן". פרץ, 5, 155.~~ 3184

0 **דארבייניק** – אדי. זייער דאר, מאגער, הויט
און ביינער.

1931 " דארבייניקע מאנדארינען, מיט נעז באזאטלטע
מיט שווערע ברילן". ז. שפירא, 1, 117. 3185/א

**דארגופיק** – דזוו דפוו.

1964 " זיין בלאנד און דארגופיק יינגל |...| איז שוין
איצט, זאגט מען, א בארימטער מאלער |...|". 3185/ב
בערגעלסאן, פער 190, 6.

**דארלייביק** – דזוו דפוו.

**פּפּ:**

**דאַר ווי:** אַזן אויסגעווייקטער הערינג, בייז, אַ דראַנג (דרענגל, דראַנזשיק), אַ וואַנץ, אַ כאַרט, אַ לולב, די סוכאַטע, אַ סוכאַטניק, סוכאַר (סוכאַרקע, סעכערל), אַ סקיפּקע, אַ פּענעצל, אַ פּלאַנדערקע, אַ קאַטשערע, אַ קינעלע, אַ ריטל, אַ שטרוי, אַ שפּאַן (שפּענדל).

דער (און) קוואַר – אָפּט געבראַכט ווערטער=פּאַרל, אין טאָן פון פאַרשטאַרקן, אונטערשטרייַכן די אייגנשאַפט.

1888 " יענע – גע, דאַר=קוואַר, פּאַלן, וואַגלען נעבעך

פונעם ווינט זיך עלנט אַרום". מענדעלע, 3, 222. 3185

1910 " אויף די |...| דאַרע=קוואַרע דערנער // אינעם

גי=התפּס// וועלן וואַקסן ניס". פרוג, 3, 297. 3186

683 - דא

דאַרע קישקע - די, =ס. 1. (עלט) ווּורשט.

1867 " איטלעכס יינגל האָט געבראַכט |...| 10 גראָשן,

3188 און דער רבי האָט געקויפט דאַרע קישקעס מיט בראָנפן,

פּלעצעלעך האָט די רביצין געבאַקן". ליניעצקי, פער 177,

נ' 31, ז' 241.

1916 " דאָרט פאַרקויפט מען יידישע כשרה קאַלבאַסעס,

3189 דאַרע קישקע, געבראָטענע צונגען און גערייכערטע

פליישן". שלום=עליכם, 8ב, 140.

2. ספּעציעל איינגעבראָטענע קישקעס געפּילטע.

1888 " |...| מאַמעליגע, גערייכערטע שאָפּנפלייש מיט

3190 דאַרע קישקע |...|". מענדעלע, ציט עלזעט, 2ב,14.

דארע מילך - די. בא. "וועגן מילך וואָס איז ניט פעט|קטוו|.

דארער קאָפּ - וועגן איינעם וואָס טראַכט איבער א סך איז תמיד פאַרזאָרגט|עלזעט. 2ג. 17|

דארער קאַפּעליוש - האַרטער קאַפּעליוש|סטוטש 522|.

דארע דרויבע, דארע וואַנץ, דארער טשוואַק, דארער שטעקן" - צונעמענישן פאַר אַ מאָגערן מענטשן|קטוו|.

דארער יאַש, דארע שטרוי - דזוו דפוו|ב. ראַבאַק, פער 90, נ׳ XVII - 1|.

דארע כראַנדיע - דזוו דפוו|ליפשיץ 1|.

685 דא -

כלל: שור: קראַנק און דאַר, געווייקט אין צער - וועגן אַן אָרעמאַן.

הויך און דאַר און שמעקט מיט נאַר. דאַר און הויך און שטינקט נאָך רויך. א דאַרער לעבט איבער צען פעטע.
דעם ארעמאנס יצר=הרע איז א דאַר שטיקל ברויט.
פאַראַן דאַרע גידים און פעטע ארעמע=לייט.

ם דאַר |אין עלטערע מקורים דור/דיור; מה"ד dürre/durre

1. ←---

1716 " |...| גיב מיר איין פרנסה ווען אין לאנד
הנגב איין באַר לאנד |...|". ס' המגיד, 3, דף י"ט. 3206

1752 " אויך זאל מן געווארנט זיין דארי פלוימן ניט

3207 צו עסן ביז מן זיא צום ערשטן אויף שניידט צו ביזעהן

אויב זיא ניט ווערמיג זיינן". ס' עץ חיים, דף כא - 3.

|| דארניש - טרוקנקייט, טריקעניש.

... " אבר דיא דארניש פון דיא גרוישה היץ ווערט

3210 פאר פלאקרן זיי |...|". מחזור, 4, דף 130.

דרקייט/ דערקייט. - טריקעניש.

1692 " אונ' איך האב גרופן |...| (חורב) דרקייט

3208 אויף דר ערד |...|". ס' המגיד, 2, חגי, א - י"א.

1696 " |...| נייארט דיא אב קערד זיא רואן אין דערקייט".

3209 |סידור| תפלה למשה, דף ש/ז.

Mhd: dar. (?ב?) ||||| ד א ר !! - אדוו. אַהער, דאָ, ~~אהער~~.

1541 " טירץ |?| ני, צו בבא ווידר קומן וואר//

3290 אונ' רייט נעבן אים אן דער זייטן// מארגריטש

הייפט מן דער קאם דאר |...|". בבא=בוך, סטר' 607.

1544 " |המן דערציילט:| " אונ' מורגין זול איך אביר

3291 דר גאן |צו דער דעודה מיט אסתרן און אחשורוש".

מגילה=ליד, שורה 891.

|סוף XVII י"ה| " |...| זוא האב איך זיא |מייך לעבנס=

געשיכטע| דאר איך קארטציין אויף גישטעלט |...|".

זכרונות גליקל האמיל, ז' 67.

דאָר – די, בא, פֿפּ דער. (עלט, דיאַל) שווינדזוכט,
טובערקולאָז.

1850 " די זאַפט פון חריין איז גוט צו מושין |=מישן| 3286
אין ביר אודער אין גערשטין וואַשיר און געבין צו
טרונקין די לייט וואָס האבין דיא דאָר".
אנ, תעלה ארוכה.

1895 " |...| צו פּוסנס |פון ווייב| א יינגל פון אַ יאָר 3295
צוויי אין דער דאָר". ליניעצקי, 9, 162.

1916 " אַז משה דער שוחט איז שוין גאָר גוט קראַנק 3296
געוואָרן, באַקומען די 'דאָר' און אָוועקגעלייגט זיך
האָבן חברה אַנגעהויבן אַרומצוגיין פּוסטעפּאַסט".
שלום=עליכם, 37, 116.

689 - דא -

1940 " יאָ, - כאַפּט אונטער גדליה, - ווילסטו באַקומען

3287 די דאַר, טאָ ווער אַן אַקטיאָר"‎.ו, דרוקער, 1, 128.

(?נ?) ד אָ ר אָ ב אַ נ ד - דער, =ן. (עלט) מין סאָלדאַט.

| |
|---|
| רעד: פֿון קאַרטל איז ניט קלאָר, צי "דאראבאנד" צי "דאראבאנד" , אויך נ'ט, צי דער סוף=אות איז ד' אָדער 3. |

1866 " דעמאָלט ערשט \|...\| זענען אָנגעקומען די

3305 נאַציאָנאַל=גאַרד און אין אַפּטיילונג פֿון די דאראבאנדן, זיי זאָלן באַזעצן דעם פּלאַץ". 177, נ' 28, ז' 433.

דארא<u>ב</u>(י)ען זיך - <u>אוטוו</u>. דערגרייכן
עפעס, דערגיין, צוקומען/צושלאגן זיך צו עפעס,
ארויפארבעטן זיך. % זיי הארעווען שטארק כדי צו
<u>דאראביען זיך</u> צו אן אייגן הייזל. מיט גרויס מי
האט ער <u>זיך דאראבעט</u> צו א בעסערער שטעלע.

1868 " |...| פון די שכירות, וואס איך נעם, וועל
איך מיך א שיין ביסל מויערן? און אייביק |...| וועל 3306
איך דינען? |...| איך זאל מיך נישט געווען <u>דאראבען</u>
|...| א ביסל פונעם קצב, א ביסל פונעם מעל, ~~א ביסל~~
~~פונעם קצב~~, א ביסל פונעם איינקויפן, וואלט טאקע געווען
א ווייטיק מיינע שונאים". <u>מענדעלע, 3, 83</u>.

1934 " |...| אט האט זיך חייקלס טאטע <u>דאראביעט</u>
צו א סקלאד". <u>מילשטיין, 1, 103</u>. 3307

692 — דא

1957 " א ווירטשאַפט איז בײַ מיר א שײנע. דאָראָביעט

3308 זיך מיט אײגענע הענט". קאָרן, 6, 89.

(?נ?) ד א ר א ב ע ל ע – "אַ צו גרויס מעבלשטיק, אַ שאַנק, אַ בעט" קטוור.

רעד: פֿון קאַרטל ניט קלאָר צו "דאָראַבעלע" אָדער "דאַראַבעלע".

דאַראַזשקע I — די, =עס, פּפּ דראשקע. (פּאלאַנ)
אַן אָפּענער, גרינגער פּערד און וואָגן צו פֿירן פּאַסאַזשירן
אין שטאָט; פֿאַעטאָן. P: dorożka; R: дрожки

1968 " ביי דער באַן=סטאַציע, פֿון ביידע זייטן טונעל,
אויסגעשטעלט דאַראַזשקעס, די מערהייט יידישע". 3320
מ. רעכטמאַן, יזב 2, 403.

1973 " אינעם טאָג פֿון די עקסצעסן, ווען די |...|
פּאַגראָמשטשיקעס זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון 3321
דער טייל שטאָט, |...| האָב איך גענומען אַ שווער
פֿאַרוווּנדעטן פֿערד=סוחר אין אַ דאַראַזשקע און אַוועקגעפֿירט
צום דאָקטאָר". יזב 18, 193.

דאַראַזשקאַזש — דער, =עס, פּפּ דאַראַזשקאָר. דער פֿורמאַן
וואָס פֿירט אַ דאַראַזשקע.

... " אַרומלויפֿן אין גאַס און כאַפּן דאַראַשקאַרעס,
3333 וואָס שמײַסן צו שטאַרק די פֿערד|...|".
פּרץ, 13, 11.

1946 " וואָלף האָט באַצאָלט דעם דאַראַזשקאַזש".
3332 טרונק, 5, 222.

1968 " |...| אין דעם מאָמענט איז אונטערגעפֿאָרן
3324 אַ דאַראַזשקע, און דער דאַראַזשקאַזש האָט געפֿרעגט אַשן
|...|". נ. געלבאַרד, יזב 2, 426.

(?נ?) דאַראַזשקע !! - די, =ס. (רוס, נא) שמאַלער, לאַנגער טעפּעך; טרעטער. R: дорожка

... " אין ביידע זײַטן פֿון דער דאַראַזשקע, אויפֿן רויטן האַלב קײַלעכיקן וואַנטטישל |...|". בערגעלסאַן |?|. 3336

רעד: אין קאַרטל איז אין ווינקל דאָ נאָר "בערג"; איז דאָס גערגעלסאָן? פֿון וועלכן ווערק?

1925 " |...| צעראַטע, דאַראַשקעס, לינאַלעומס, קאַלאַשן |...|". ~~אדרעס=ווייזער פֿון ווילנער פֿירמעס, פער,~~

פאַ 34 א', נ' 10, ש' 4.

(?נ?) דאַראַכניע – די, =ס. (זאאל) מין פּליג.

1960 "דאַראַכניע האָט מען גערופֿן דאַראַכניער צינצאַרעס,

3328 וויַיל אַרום דער שטאָט זענען געווען גרויסע זומפּן,

וואָס האָבן געהאַט אַ סך צינצאַרעס (אַזוינע מיני פּליגן)".

אונגער, פּער 69, 20/III.

---

**רעד:** מסופק צי געבן דאָס וואָרט. ס'איז זיכער אַן ענג

לאָקאַל וואָרט, אָבער ווו?

---

(?נ?) ▣ ד א ר א ן / ד א ר יי ן – אין דעם, דעריין, אין דרינען.

1544 " איין קרוּן אלזו שוין בוּן איינם צענטנר גולט.//

3329 אונ׳ דר צו אלזוא שוין אלש מן זיא מאלן זולט.//

אונ׳ דער דער אידילן גישטיין ווארן ויל דאראן

|...|". שמואל=בוך, סטר׳ 1337 – 1338.

1668 " דא האט מן גימאכט גרושי שטארקי אייזרני רינג

3330 גאר דיף דארייַן גינאגלט אונדאראן האט מן גיבונדן

אייזערן קעטן אונ׳ גרושי דיקי זיילר |...|".

יוסיפון, 3, דף רצה – 2.

ד אַ ר ב אַ ט ש ל - דאָס/דער, |=עק?|. בנב.

1973 " און דו, דאַרבאַטשל, וואָס האָסטו געבראַכט?".

3338 אַליצקי, 5, 215.

דאַרבן – אוטוו. 1. ווערן דאַר, מאָגער, איַינגייַן,
פֿאַרערגערן זיך. % די אָרעמע קינדער נעבעך דאַרבן
פֿון הונגער. ער דאַרבט פֿאַר א שטיקל ברויט.

1868 " ...| איר ווייסט, אין אונדזער פֿאָטערלאנד זענען
דאָ טויזנטער מענטשן וואָס דאַרבן פֿאַר הונגער".
ארז, פער 177, נ' 8, ז' 62.

1887 " זיי זאָלן ניט פֿון הונגער שטאַרבן, ניט דאַרבן".
דיק, 96, 4. 3342

1908 " אָ, פֿרעג זיי וואָס זיי טוען אין צייַטן פֿון
דאַרבן,// אין צייַטן פֿון סלעק, יאָ, די צייַטן 3343
פֿון שטאַרבן". ראזענפֿעלד, 2, 3.

2. איַינגעטריקנט ווערן.

1967 " ביימער דאַרבן, פֿייגל שטאַרבן |...|".
י. פֿרידמאַן, 4, 54. 3344

ד אָ ר ד אַ ט ש ק ע ס - די, מצ. בנב. (?נ?)

רעד: דאָ אַ קאַרטל פֿון אַ זאַמלער - אָן קיין שום דעקקלערונג און ביישפּיל...

דאַרדיק - -----> דרדקא. (י)

ד א ר ד ע I - די, =ס. (עלט) אמאליק געווער,

א שטעקן מיט א איַזערנער שפיץ ארויפגעזעצט.

% אין די קליינע שטעטלעך פלעגן נאך די נאכטוועכטער 3355

טראגן דארדעס.

ד אַ ר ד ע !! - די. בא. " קאַרטנשפּיל|קטור|,
3355 דזוו דערדע.

ד א ר ד ע ו ו א ט ע – אדי. בנב. (?נ?)

... "שלעפן זיך אכט וואכן, ווי איר, מיט דארדעוואטע

פערד". דיק. 3356

| |
|---|
| רעד: אונטער דער ציטאטע איז נאר דא "אמד", |
| זאל דאס זיין דיק? פון וועלכער דערציילונג? |
| מיינט דאסווארט דארע, מאגערע? |

(?נ?) דאַרוואַל - דער. |מצ?| בנב.

... " געוואָרן א יונג, אַ דאַרוואַל וואָס האָט זיך

שוין לײַטיש אַרומגעדרייט אַרום דער ראַגאַטקע". 3359

..................................................

רעד: איך ווינקל אונטן איז דאָ "יד". איז דאָס

פון יעקב דינעזאָן? פֿון וועלכן ווערק? וואָס

איז דער באַטייַט?

..................................................

דאַרוואַן - דער, =ען. מין סינטעטישער טעקסטילשטאָף. (?נ?)

1958 "מיר נוצן שוין איצט אַ גאַנצע רייע קינסטלעכע

פּראָדוקטן, ווי נאַילאָן, אָרלאָן, אַקרילאַן, דאַרוואַן

און מאַסן אַנדערע סינטעטישע געוואַנטן, וואָס |...|

זײַנען אויסגעאַרבעט פון ניט=ראַפינירטן אייל|...|

און נאַטירלעכן גאַז". א. קליינמאַן, פּער 68, XII/7.

ד א ר ו י נ י ז ם - דער, בא. די לערע וועגן דער עוואָלוציע פֿון דער פֿאַונע און פֿלאָרע לויט די געזעצן פֿון נאַטירלעכן אָפּקלייב (אויפֿן נאָמען פֿון באַגרינדער טשאַרלז דאַרווין, 1809 - 1882).

|| דאַרוויניסט - דער, =ן. אָנהענגער פֿון דאַרוויניזם.

... "די אַזוי גערופֿענע דאַרוויניסטן ווילן אונדז איינשמועסן אַ קינד אין בויך". שלום=עליכם,5,ג,82.

3363

דאַרוויניש - אדי. פֿון/לויט דאַרווינען.

% ס'זענען נאָר דאָ אַ סך קעגנער פֿון דער דאַרווינישער טעאָריע.

דאַדרויס - אדור. (עלט) דערפֿון, פֿון דעם;
דערויס.

mhd: dār uz.

1924 " |...| להלוטיך ניט=אויפֿבליענדיקע באַגערן
האָבן זיך אָפּגעזעצט אין איר פּנים און געמאַכט 3365
דאַרויס אַ רירנדע מאַסע |...|". ע. וואַרשאַווסקי,
פּער 100ב, ז' 37.

...................................................

רעד: כ'האָב דעם איינדרוק אַז ס'דאַרף זיין
"אַרירנדיקע מאַסקע". מ'וואָלט געדאַרפֿט נאָכזען
אין מקור!

...................................................

ם

**דארויז/ דא ארויז.**

1668 " אונ' דען גרושן נוץ דער דעם גימיינן פאלק
דארויז גיפאלגט איז דא האט עש אונז ביט פאר 3366
אונגעשיקט אן געזעהן אך דש ספר |...| פון לשון
העברי צו טייטשער שפראך צו מאכן אונ' צו דרוקן".
יוסיפון, 3, דף 3.

1766 " דער טייטש פון דעם אות אלץ איז צו לערנן,
דא פון זאל מן לערנן רידן אותיות ונקודות וטעמים
דא ארויז בשטיט דאס גאנצי לשון הקודש".
אבן ישראל, דף א – 2.

דאָרויף ! - אדוו. (עלט) דערויף, אויף דעם.

Mhd: dār ūf / dār ūffe

1805 " ווען דוא ווילשט דענקין דש דר מענש זאל לעהר

זיצין און ניט ארבייטין ווערט אים אויך גאט ביגליקין 3368

דארוף זאגט דער פסוק |...|". איבנ פאוויר, 1, דף נט- 2.

1864 " |...| בשעת איך האָב אָפגעשנייצט דאָס לעכט

איז אַ שנויץ דאַרויף אַראָפּגעפאלן". מענדעלע, 6. 3369

1925 " עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט מען ביי

ר' שלמה=חיים אָנגעהויבן ... אויפגעקעפנדעט דאַרויף און דאַרינטער".

מוירער, 2, 52.

1974 " ער האָט אַ וויש געטאָן דעם שווייס פון פּנים,

האָט ער אויסגעשמירט דאַרויף אַ בלאַטע". 3371

עלבערג, 2, 321.

□ <u>דארויף/דא ארויף.</u>

1544 " אז דער קוניג דש אופפיר ברוכט אויף,//
דא קאמט דער נביא שמואל צו גלגל עבן <u>דערויף</u>". 3373
<u>שמואל=בוך, סטר׳ 204.</u>

1676 " אין פרקי רבי אליעזר שטייט איין בויזר מלאך
היישט עזואל אי<u>דא ארויף</u> גיזעצט ווען ער זיכט אזו 3374
איין פרויא |...| זיא הענגט אירי קליידר אויף ורטן
פויר מאנן אונ׳ איין מאן גיווינט בויזי גידנקין
זא בישעדיגט ער זיא". <u>ברנט שפיגל, פרק י"ד.</u>

1752 " פון איצונד אן האב איך חרטה דארויף |...|".
<u>ס׳ עץ חיים, דף נט - 4.</u> 3375

(?נ?) ד אַ ר ו י ף !! - דער. =ן. דזוו אַדערויף, האַרפּגעגאַנגען.

1916 " מ'פּאַרגעסט ווּהין מ'פּאַרט, מ'פּאַרגעסט, אַז

3372 מ'האָט נישט אין קעשענע אַפֿילו אַ 'דאַרויף'

צו געבן". זילבערבוש, 1, 86.

..............................................................

רעד: אפשר בכלל אַפּשיקן צו "אַדערויף?".

..............................................................

ד א ר ו ם - אדוו. (עלט) דערפֿאַר, דעריבער, צוליב דעם.

1836 " דאס שרייען |פֿון קינד| קאָן מען ניט תמיד

3384 נעמען פֿאַר א צייכן אז דאס ליידעט שמערצן אדער

הונגער, דאָרום דאַרף מען ניט געשווינד אייננעמען אים".

דיפֿלאַנט, 1, 58.

| רעד: דער אויסלייג מאָדערניזירט (דורכן אויסשרייבער?) |
|---|

1895 " |...| דאָרום מוזן מיר אים דעם בקשה=בריוו

3385 איך די הענט איבערגעבן". איבן טרובניק, 1, 26.

1910 " |...| דאָרום מוזן מיר זיך באַגנוגענען מיט

3386 די ווייניקע אויסער [לעכ]ע ליניען פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע".

פּרוג, 1, הקדמה.

1925 " דארום געפינן איך מיך שולדיק צו פאַרעפנטלעכן |...| דאס די צוויי איינווענדונגען שקר און גזל זענען". 3387

ליכטענשטיין, 2, הקדמה.

**איטלעכער ווארום האט (זיך) זיין דארום -**

שוו, מיינט צו זאָגן, אַז יעדער זאַך האָט זײַן סיבה.

וואו: יעדע וואָרצל האָט זײַן באַרעכטיקונג [פּאָליש 103, 325].

ם דארום.

1544 " ער |דוד| שפראך איך ווילט בור קויפן עש קומט מיר גאר עבן.// ויל גולדין אונ' ויל פפעניג מוש 3388

מן מיר דארום געבן". שמואל=בוך, סטר' 389.

1602 " דאש איז ניט גישעהן דא מן דאש אנדר בית המקדש האט גיבויט דארום גיט עש אויף דאש בית שלישי 3389

דאש דא ווערד גיבויט ווערדן". ס' ירמיה, לא - לט.

716   דא -

1723 " דאז איז אלש אובן גישריבן דארום בידארף
איכש ניט ווידר אום צו חזרן". לב טוב, 2, דף 19 - 2.

דארונטער – אדוו. (עלט) 1. צווישן דעם,

צווישן זיי, בתוכם. Mhd: dar under

1872 " |...| די גרעסטע לייט פון פאריז |...|

3405 דארונטער אויך איינציקע פרינצן און פרינצינען

|=פרינצעסינס|". דיק, 57.

2. אונטער דעם, אונטער דער זאך, נידעריק(ער).

|| דארונטערדיק – אדי. וואס איז אונטן, אויף א

אונטערשטער מדרגה, אין א נידעריקן מעמד.

1971 " די שטעטלשע האבן זיך געוווּנדערט, הלמאי

3407 דער רבי האט אפגעזוכט א קוואַרטיר דווקא ביי אזא

דארונטערדיקן פאר=פאלק". גראדע, פער 69, II/27.

ד אַ ר ז ש ע נ ע - <u>די. =ס.</u> (<u>רעג. ווו?</u>)

"לייכטערבנין, ווו· מען האַלט וועגענער, מאַשינען,

היי אויפֿן בוידעם" |<u>קטוור</u>|.

..................................................

**<u>רעד:</u>** צום באַדויערן איז ניט אָנגעגעבן פֿון וואַנען

דער זאַמלער שטאַמט. ס'איז אויך ניט קלאָר ווו· ס'

ס'איז דער אַקצענט.

..................................................

דאָרט - **אַדוו**, פּפּ **דאָרטן**. 1. אין יענעם (פֿריִער אַדער ווײַטער אַנגעוויזענעם, דערמאַנטן) אָרט, ניט דאָ. % דאָ, אין שטוב, איז וואַרעם, **דאָרט**, אין דרויסן, איז קאַלט. ער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, ער האָט **דאָרט** אַן אייגענע דירה.

Mhd. dort

1815 " הָט ער אום |=אים| גמאכט זייער אוואוף פינגריל און הט **דארט** אויס גיקריצט גימעליך |...|". 3411

<u>בראסלאווער, 1, דף כו / ב.</u>

1856 " |...| האָבן **דאָרטן** דערשאָסן זייער פיל ווילדע טירן |=חיות, דײַטשמ)". <u>דיק, 3, 4.</u> 3412

1888 " נאָך גאַנץ פֿרי האָט פֿון איר געצעלט **דאָרט** ביים עק הימל אַרויסגעשײַנט די זון מיט איר ליכטיק פּנים". 3413

<u>מענדעלע, 3, 62.</u>

1912 " אָט זע איך דאָרט אַ פֿענצטערל,// אַ שטיקל

3414 בלאָער הימל |...|". איינהאָרן, 2, 21.

1926 " וואָס האָב איך פֿון די ליכטיקע חדרים?// איך

3415 בלאָנדזשע דאָרטן, ווי אַ בלינדע". סעגאַלאָוויטש, 44, 8.

1953 " איך מיטן פֿון דער אָזיערע איז אַ געמפּקע און דאָרטן

3416 לעבט אַ מעכטיקע קאָלאָניע פֿון צאַפּליעס". ברוסילאָוו, 192, 1.

2. ווי אַן ענטפֿערוואָרט אין אַ הויפּטזאַך צו דעם פֿינדוואָרט "ווּ." פֿון בײַזאַץ, אין וועלכן ס'איז אַנגעוויזן (באַשריבן) דאָס אָרט. % ער וווינט נאָך אַלץ דאָרט, ווּ ער האָט זיך באַזעצט בײַם אַנקומען אין לאַנד. מיר וועלן זיך טרעפֿן דאָרט, ווּ מיר האָבן זיך אָפּגערעדט.

... " שפאצירן וועלן מיר ביידע גיין דארט // ווו,
עס גייט נישט קיינער". פל. 3417

1908 " ניט זוך מיך דארט, ווו מירטן גרינען,//
געפינסט מיך דארטן ניט, מיין שאץ". ראזענפעלד, 3418

1926 " דער וואלד, א געדיכטער, אן אלטער, איז ווי
אויסגעוואקסן, זיך גערוקט נענטער, און דארט, ווו 3419
נאדלביימלעך זענען געשטאנען, איז די לאנקע געווארן
שמעלער". אפאטאשו, 3, 212.

1972 " |...| געלאפן א גאנצע וואך דארטן, ווו
דער קיסר קאן קיינעם נישט שיקן". בריקס, 2, 90. 3420

3. סובסטאנטיווירונג - דער, בא. עפעס א ווייט,
אומבאשטימט ארט.

1936 " דאכט זיך מיר, איך גיי געוויס צום דאַרט".

מאלאדאווסקי, 1, 42. 3421

1947 " דאָס בליקט זי צום דאַרטן". אהרן צייטלין, 3422

5, 100.

1958 " ס'איז יעדער וואָרט א לאַנד צום וואַנדערן.//

איך גיי אין וואָרט// און זוך אין דעם דעם ווייטן דא 3423

דאַרט,// וואָס טוט פון סוד כסדר אונדז פונאַנדערן".

אלף כץ, פּער 9, אָן/24.

4. פּאַרטיקל. ס'רוב אין פראגזאץ. גיט צו דעם זאץ דעם

טאָן פון אויסטיילונג, טייל מאָל פון ביטול.

% וואָס פּלוידערט ער דאַרט, דער פאַרשויך? א נפקא=מינא

דאַרט, צי אַזאַ מלבוש, צי אַזאַ.

1875 " צו קלערן הייבן דאָרט די חכמים אָן,// וואס

3425 זאָלן מיר מיט דעם 'ברוך שם כּבוד' טאָן".

מענדעלע, 19, 81.

1911 " וואָס איז דאָרט פֿאַר א געשרייבעכץ?".

3426 גאַרדין, 5, 63.

1929 " וואָס האָט אײַך דאָרטן אַזוי אָנגעשפּאַרט מיט דער

3427 ~~מיט דער~~ סחורה?". טײַטש, 3, 198.

0 דאָרט(ן) אַרום - אַדוו., פֿר. דורך יענעם אָרט.

1868 " פֿרײַטאג |...| בין איך דאָרט אַרום דורכגעפֿארן".

פּער 177, נ' 15, ז' 112.

|| דאָרטנקײַט - די, ־קײַט. (שטיל) דאָס זײַן דאָרט (פֿאַרקערט פֿון "דאָיקײַט") (דנ?)

3427/א 1955 "13 קוסט נאָך מיט דאָרטנקײַט פֿון זײַן". לייוויק, 11, 364.

<u>פון דארט(ן)</u> – <u>אדוו. פר.</u> פון יענעם ארט.

1916 " עס טראגט זיך <u>פון דארטן</u> א ריח פון פרישן,

3440 נאר וואס אויסגעבאקענעם ברויט |...|".

<u>שלום=עליכם, 38, 165</u>.

1928 " |...| האט פארזיכטיק ארויסגענומען דאס פעקל,

3441 אראפגעוויקלט דאס פאפיר, <u>פון דארטן</u> זיינען

ארויסגעפאלן צוויי דינע ביגיקע שטיקלעך שטאל |...|".

<u>בלום, 1, 56</u>.

1973 " אווארעמקייט טוט זיך <u>פון דארט</u> א געפליִץ

3442 איבער אלע אברים". <u>אליצקי, 5, 232</u>.

א דאָרט / אַט דאָרט / אָט דאָרט - דזוו דאָרט, נאָר עמפּאַטיש, אונטערגעשטראָכן דער אָנווייז.

% ער וווינט ניט ווייט פֿון דאַנען, אָט דאָרט, אין דער ווייסער שטוב.

1934 " אַט דאָרטן ליגט דאָס לאַנד פֿון אייביקן געפּריר |...|". האָפּשטיין, 5, 164. 3431

דאָ (און) דאָרט / דאָרט און דאָ - אין עטלעכע פֿאַרשיידענע ערטער, אין אַ סך ערטער. % די גאַס איז פֿינצטער נאָר דאָ און דאָרט לייכט זיך אַ פֿענצטער.

1876 " |...| אַהין, אַהער, אַ לעק אַ שנאָר, דאָ, דאָרט, און שפּרינצע איז אויך אַ גאַנצע מאַכערין |...|". 3433

לינעצקי, 1, 69.

1910 " דאָ אַ גראַף און דאָרט אַ פּרינץ... // אָ, דו קריגסט
3434 אַ נאָמען!// גיב אַוועק דאָס ביסל מינץ,// טאַנץ און
ענטפֿער ׳אָמן׳!". ראָזענפֿעלד, 3, 222.

1939 " |...| ליימבאָדן מיט זאַמד געמישט, אויף אייביק
3435 פֿאַרהאַרטעוועטע הונדערטפֿודיקע קיזלשטיינער |...|
און איינציַיִטיק זיַינען דאָ און דאָרט צעשטעקט קלייניקע
שטיינדעלעך, אָפּגעטאַקטע, געשליפֿענע |...|". פּערסאָוו, 1.

1958 " |...| דאָ און דאָרט רוקט זיך ביַי אים דער
3436 הומאָר אַרויס אויבן אָן |...|". ר. אויערבאַך, פֿער 47, טבת.

דאָרט און דאָרט – אין אַ געוויסן, באַשטימטן אָרט.

1899 " דאָרט און דאָרט האָט ער אַרויסגעטריבן אַ גילגול".
3437 מענדעלע, 8ב, 41.

נ יט דא און נ יט דארט - אין ערגעץ נ יט, אין קיין שום ארט.

אי דא אי דארט - אין פארשיידענע ערטער.

1910 " און לעבער איז דאך נארישקייט - זאל זיין

אי דא אי דארט". פרוג, 1, 108. 3448

אויף יענער זייט דארטן - (שפאסיק) מע ווייסט נ יט ווו.

שרו: דארט, ווו מ'איז איין מאל, איז מען צוויי מאל.

ווו ס'איז דא איבעריקס, דארט פעלט.

דארטן, ווו מען עסט, חזירט מען נ יט אן.

ווו דער חתן זיצט, דארט איז אויבן אן.

די ציג עסט דא גראז און דארט גראז.

ם

## דארט/דורט/דארטן.

1544 " ער גיבוט זיינן קנעכטן וועך איר זייט דארט.//
זוא גרישט מיר אין פון מיינט וועגן אונ׳ געבט אים 3455
גוטיא ווארט". שמואל=בוך, סטר 619.

1626 " גיא איך אויף דען הימל בישטו דורטן, (ואציעה)
אונ׳ וועך איך בעט מיר אין דער גרובן בישטו דאך 3456
דורטן". ס׳ המגיד, 1, תהילים, קלט - ח.

1743 " אונ׳ אין דש יאר (שנ"ב לפ"ק) איז ער גגאנגן
נאך פוזנא אונ׳ אין דארטן גווארן (ראש ישיבה)
אונ׳ אב"ד איבר גאנץ גרוש פולין". שארית ישראל,
דף קי"ח - 2.

ד א ר ט י ק - אדי. פֿון יענעם (אנגעווייזענעם, דערמאַנטן) אָרט. % ווווינט אין ירושלים, זיין גאַנצע משפּחה איז א דאַרטיקע.

1873 " פֿרעגט אַ שאלה ביי די גלופּסקער דיינים און
3513 ביי אַלע דאַרטיקע פֿיינע=בריות פֿון דער גוטער כּנופיא |...|". מענדעלע, 1, קאַנק 11650.

1910 " און אומעטום – רב דוב ברב"ש,// דער גרעסטער
3514 דאַרטיקער בר=נש.// טוט חי=וקים שרייען".
פֿרוג, 3, 283.

1927 " |...| ער איז געקומען קיין אַמסטערדאַם און איז
3515 אריינגעטראָטן אין דער דאַרטיקער ישיבה".
גאָלדבוים, 2, 22.

730

דא –

1970 " דער 20סטן אַפּריל 1942 איז האַמאַן ווידער

3516 אַראָפּגעקומען קיין לימאַנאָוו, געלאָזט רופן צו זיך

דעם דאָרטיקן יודענראַט". יזב 15, 178.

ד אָ ר ט ן - ----← **דאָרט**.

ד אַ ר י ב ע ר - אַדון. (עלט) 1. דערפֿאַר, צוליב דעם; דעריבער.

mhd: dār über

1866 " אַרדענונג איז ניטאָ דאָ |איך טערקײַ|, דאָס ביסל הכנסה באַגנבֿעט מען אויך, |...| דאַריבער 3527
איז דער קרעדיט פֿון דער מדינה געשלאָגן".
פֿער 177, נ׳ 1, ז׳ 10.

1893 " די גרויס גרונט=באַזיצערס קענען זיך באַגײַן אָן אַזוי פֿיל אַרבעטער... די אַרבעטער ווילן דאָך 3526
אָבער פֿאָרט ניט שטאַרבן פֿון הונגער, דאַריבער מוזן זיי באַשטײַן אויף דעם קלענסטן לוין".
פֿײַגענבוים, 1, 27.

2. אויף דעם, איבער דעם , וועגן דעם.

1873 " איך וועל אייך זאגן, וואס איך האב א מאל

3528 געהערט דאריבער פון איינעם א ווילנער סוחר".

דיק. 65.

דא אריבר/דאר איבר/ דארויבר.

1. ‏<----

1713 " דער דא ברכה מכט מיט שיני זיסי ריד אז זייני

3530 פירות צום ערשטן צייטיג ווארן אין ארץ ישראל

דא אריבר מכט מן ברכה צו הקב"ה". מחזור, 1, דף ד.

1766 " איך הב אבר מיך דר בארמט איבר דעך גמייני

3531 פאלק אונ' אירי קינדר אונ' איבר די גמייני חזנים,

דא ריבער האב איך גשריבן אויף טייטש דיא חללים|...|".

אבן ישראל, הקדמה.

.2 <----

1544 " ווער <u>דארויבר</u> |איבער די ווילדע פעלדקרויט|

טריט, דער ווערט אונגיזונד |...|". 3532

<u>שמואל=בוך. סטר' 515.</u>

□ ד א ר י י ן - ----← דאראן.

ד אַ ר י מ ע ך - <u>אַדוו</u>. (<u>פֿטמ</u>) דעריבער, דערפֿאַר,

צוליב דעם (טייל מאָל געניצט אויך איראָניש,פֿאַראַדיש).

1865 " <u>דאַרימעך</u> דאַרפֿן מיר ייִדן |...| זיך באַמיִען דורך

3534 אחדות און דורך שטרעבן צו פֿאַרבעסערן אונדזער

מאָראַלישן צושטאַנד". <u>פער 177, נ׳ 1, ז׳ 6</u>.

1958 " <u>דאַרימעך</u> האָט ביַי אַ סך שטעטלדיקע לײַט זיך

3535 אַרײַנגעגנבֿעט אַ ספֿק, צי ער |...| איז טאַקע אַ

בעל=מלאכה כדבעי". <u>ב. רעסלער, פער 9, ר"ה-הומער, ז׳ 51</u>.

דאַרין – אַדוו, פּפּ דאַרינען. (עלט) אין דעם,
Mhd: dā(r) in אין דער זאַך, דרינען.

1816 " |...| אויב ער |דער גראָבן| גייט דורך פֿון אָנהייב
3536 וויינגאָרטן ביז צום סוף, ווערט דאָס אָנגעזען ווי
צווישן צוויי וויינגערטנער און מען מעג זייען דאַרין".
איבז אַנ, משניות, זרעים, דף מג/ב.

1913 " לאָז די מחתנתטע גייך לאָזן מיט דעם |ד"ה אין די
3537 אייגענע האָר|, זי זעט אויס דאַרין |אין דעקטור|,
ווי אַ פּורים=שפּילער". י. האַלפּערן, 1, 10.

1927 " אַ מיסט=כלי איז עס, און מיסט איז דאַרינען".
3538 מ.ל. האַלפּערן, 2, 48.

1970 " א סך האבן זיך געקלאַמערט דאַרין, ווי איך א

ראַטונעק, א שטאַרקונג פאַר דער נשמה". ב. רעסלער. 3539

פער 69, VII/11.

# דריך/דאַריך, דאַרינען.ם

1544 " ער |דוד| ולוך איך אייך שטאַט דיא ווש נוב

גינאַנט.// דאַרינען וואַרן כוהנים דוד זיא וואל קאַנט". 3539

שמואל דוך, סטרי 512.

1679 " איך וויל אייך אויז דעם אילענט פון מצרים

פיארן |...| איך דאש לאַנד דאַרינען מילך אונ׳ 3540

הוניק פליסט". בליץ, שמות, ג – יז.

1722 " זוא האַט (רבי שמעון בן יוחאי) גיזעהן אייך

פעלד וואו מתים זייך דריך גילעגן |...|". 3541

מנורת המאור, דף נה/א.

739 דא -

ד א ר י נ ע ן - ←---- דארין.

740 - דא

3548 (?נ?) ד א ר י ק - דער, |=עס?| מין מטבע.

רעד: אויפן קאַרטל איז נאָר דאָ צוויי ווערטער "דאריק" און "מטבע", פון וועלכן לאַנד, | Darik? Dorik? |

ווערט?

ד אַ ר י ש – אדי. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַרכיטעקטור פֿון די דאָרן=שבֿטים אין אַנטיקן גריכנלאַנד.

% דאַרישער סטיל. דאַרישע קאַלומנעס.

1944 " |...| האָבן גענומען שימערן די שלאַנקע דאַרישע זײַלן פֿון שענסטן פּאַלאַץ". שניאור, 8, 330. 3550

ד אָ ר ך - פּרעפּ. (פֿד) דזוו דורך.

1815 " האט זו |=זי| א טייל ארוס גשיקט אתשובה דארך אירי פאניס |...|". בראסלאווער, ז' לד/ד.

1935 " דער דייך טאַר נישט פסקענען אַ דין דאַרך משער זיין,
3552 נאַר דאַרך דעם |דער| איבערצייגונג". אנ, ס' המצות, דף נ"ש|ז|.

1971 " אויב אַזוי זעט אויס אַמעריקע, ווי ער זעט זי דאַרך
3553 דעם שמוציקן באַנפּענצטער |...|". ב. דעמבלין, פער 155, IX/19.

0 דורך דעם - אדוו פר. דערמיט, אַזוי אַרום; דורך דעם.

1815 " דס הַט אלץ דער מלך גיטאן אונ דארך דעם האט ער
3554 אַפּ גנומן גאר דוא וועלט אונ הַט איין גזאמלט זייער אסך געלט". בראסלאווער, ז' טז/ג.

□ <u>דארך</u>.

1743 " |...| דוא זאלשט אויש מאלין לאזין דיא גשטאלט

פון דיא קינדר אויף איין טאביל אונ' שיק עש <u>דארך</u> מיר". 3455

<u>יוסיפון, 4, דף ק"ז</u>.

744 - דא

דאַרכסבאַנק - אדוו. אין דורכשניט, דורכשניטלעך.

1971 " צי ווייסט איר |...| וואָס איז דער טייַטש

3557 'דאַרכסבאַנק' (מיטן אקצענט אויף דער ערשטער זילב)?

דער טייַטש דערפֿון איז: אין דורכשניט, דורכשניטלעך".

אהרן צייטלין, פער 69, XI/12.

........................................

רעד: איז דאָס נאָר אַ רעגיאָנאַלער אויסדרוק אין פּוילן? איך האָב עס אין ערגעץ נישט געהערט. ש.פּ.

........................................

ד אָ ר (כ) ש ל אַ ק - דער, =ן. קין=כלי פון בלעך מיט לעכעלעך אין דנאָ, דינט אָפצוזייַען די וואַסער פון אַ געקאָכטן מאכל. % די בעל=הביתטע זייַט איבער די לאָקשן אין דאָרכשלאַק.

(?נ?) ד<u>א</u> ר ל י נ ג – (<u>אמ</u>) געניצט אין <u>א</u> ווענדונג צו א

מענטשן, וו<u>א</u>ס איז ליב, טי<u>י</u>ער.

|1931–1926| "ה<u>א</u>לל<u>א</u>ו, בעסי <u>דארלינג</u>! וו<u>א</u>ס מ<u>א</u>כט איר?".

3559 <u>אפאטאשו, 7, 73.</u>

1952 "טוט עס ניט, <u>א</u>זוי זי<u>י</u>ט איר שענער, <u>דארלינג</u>!".

3560 <u>קאברין, 3, 73.</u>

דאַרם — דער, =ען. (אנאַט, עלט) קישקע.
Mhd: Darm

... "ר׳ גבריאלטשען האָט זיך א דאַרם איבערגעדרייט".
3563 פּרץ, 4א.

1929 "...| וווּרט מיט דערפֿאָלג באַנוצט ביי אַלע
3564 קראַנקייטן פֿון די דיקע דאַרמען". פּער 70, נ׳ 3.

0 דאַרמביין — דער, =ער. (אנאַט) בנב |יאַכינסאָן, 272,2|.

דאַרמקאַטאַר — דער, =ן. (מעד) איינע פֿון די מאָגן= קראַנקייטן

1908 "דער דורכפֿאַל מיט שליים |...| די סיבה פֿון דעם
3565 איז דאַרמקאַטאַר |...|". איבז אַנ, דער אוצר פֿון געזונט...|
ז׳ 33.

<u>דאַרמקאַנאַל</u> - <u>דער, =ן.</u> <u>(אַנאַט)</u> <u>בנב.</u>

1868 " באַזונדער היילזאַם האָט ער |דער קומיס| זיך

3566 געצייִגט ביי מענטשן |...| אָרעם אין בלוט און

בייַ כראָנישע קאַטאַרן פֿון דעם <u>דאַרמקאַנאַל</u>".

<u>פּער 177, נ' 21, ז' 152</u>.

ד א ר מ א י א ד נ י ק - - ----← **דערמאיעד(ניק).**

ד אַ ר מ אַ י ע ד – דער, =ן/עס. (רוסיצ) איינער וואָס אַרבעט ניט און לעבט אויף יענעמס חשבון, אַן אַנלייגער, אומזיסטער פּרעסער.

1886 " |...| וואַלט מלכה דיך באַלד ליב באַקומען און

3568 וואַלט איך יוספן דעם דאַרמאַיעד גאָר פֿאַרגעסן".

נעריינסקי, 1, 38.

1900 " איך חדר גייסטו? אַ מצווה א גרויסע וועל איך

3569 האָבן צו קאַרמענען אַזאַ דאַרמאַיעד, אַזאַ וועפּער".

גאָרין, 4, 5.

1911 " איך דער קאָנטרי קומען זיי שלאָפֿן און איך

3570 שטאָט עסן זיי ברויט אומזיסט. אַי, גאָט! וויפֿל דאַרמאַיעדעס

די האָסט איך דיין גרויסער וועלט!". י. גאָרדין, 40,12.

|| דארמאיעדיכע – די, =ס. (רוסיצ) דזוו דפוו
וועגן א פרוי.

... " איך וויל ניט דער דארמאיעדיכע האלטן ביי
זיך אין שטוב, זי איז ניט קראנק צו הארעווען אזוי 3571
ווי איך". שמ"ר, 4, 10.

דארמאיעדניק – דער, =עס. דזוו דארמאיעד.

1886 " ווען מיר זאלן זיך ניט האלטן פאר קלוג און
לערנען זיך פון אנדערע פעלקער, ווי מען ערציט 3572
קינדער, |...| וואלט ביי אונדז ניט זיין קיין
ליידיק=גייערס, דארמאיעדניקעס, פוסטעפאסניקעס,
באנקקוועטשעס |...|". בעקערמאן, 6.

|1927?| "איר אלע דארמאיעדניקעס, // איר ליידיק=גייערס,
3573 גייט!". ווינטשעווסקי, 2, 74.

1957 "מיר דארפֿן נישט קיין דארמאיעדניקעס...
3574 א זעלכער איז פּונקט ווי אַ ציגיינער: א בראַדיאַגע,
נישט קיין ערד=ארבעטער". ברוסילאוו, 2, 249 |?|.

(?נ?) דאַרמיטאַרי - די, =ס. (אמ).

1. שלאָפשטוב.

2. אינטערנאַט |אַהיים|.

1958 " נאָך דעם ווי ער האָט די אַריינגענומען אין דער

3582 דאַרמיטאַרי, איר געוויזן זײַן ווינקל, דאָס געלעגער".

א. בלום, פער 38, נ' 28, ז' 126.

(?נ?) ד אַ ר מ ע ן - <u>דער, =ער.</u> (<u>אמ</u>) פּאַרטיער, שווייצער, טירוועכטער.

דאַרן - אוטוו. איינגעטריקנט ווערן, מאָגער ווערן

(וועגן מענטשן). % די אָרעמע קינדער דאַרן נעבעך

פֿון הונגער. עטלעכע צווייַגלעך פֿון בוים דאַרן שוין.

1910 " געקרענקט, געדאַרט, און אַלץ געוואַרט,// וועט

3585 גאָט וועט אים דערלייזן". פרוג, 2, 22.

1934 " און אויך דער שטיין פֿון וואַנט איז האַרטער פֿון

3586 זייַן קאָפּ, // און שלאָגן זיך אָן אים וועט ברענגען נאַר

אַ בייַל,// נישט גרעסער פֿון אַן עפּל אויף אַ בוים

וואָס דאַרט". מ.ל. האַלפּערן, 4, 57.

1945 " ס'איז דאָס בלוי פֿונעם קוק אויסגערונען,//

3587 ס'האָט דאָס וואָרט איך זייַן גומען געדאַרט |...|".

אַ. אויערבאַך, 3, ז' 175.

דארונג - די, בא. אקט אדער רעזולטאט פון דארן.

1941 " איך וועל מיינע פיילן פארלענדן אויף זיי:
דארונג פון הונגער און צערונג פון היץ |...|". 3588
תרגום יהואש, דברים, לב - 24.

דארעניש - דאס, בא. דאס דארן.

האבן קאפ=דארעניש - זיין זייער פארזארגט, טראכטן
זייער א סך און מיט זארג ווי ביי צוקומען געוויסע
שוועריקייטן.

1893 " זיי ארבעטן מיט שווייס, ביז זיי זעען זיך מיט
א פארדינסט, דאגעגן עסן זיי מיט געשמאק און 3589
שלאפן אן קאפדארעניש, זיי האבן קיין מורא, אז
מארגן זאל מען זייער פארמעגן סעקוועסטרירן".
ארנשטיין, 2.

עס דאַרט (אים/איר/זיי) דער קאָפּ (דער מוח) - דזוו דפוו.

% עס דאַרט אים דער קאָפּ, ווי אַזוי וועט ער קענען
באַצאָלן די חובות.

1884 " עס איז ניט אַזוי נייטיק, לאָז קיינעם דער קאָפּ נישט דאַרן

3590 איבער אונדז". ש. בערנשטיין, 1, 14.

... " איך דאַרף טאַקע דאַרן דער קאָפּ פאַר סערביע |...|?".

3591 שלום=עליכם, 7א, 158.

|1931-1926| " וואָס וועסטו זיצן , שלמה, אין די בראָנקס,

3592 זיך דאַרן דעם קאָפּ אויף דירה=געלט?". אַפּאַטאַשו, 14, ז׳196.

זאָל דיר(אייך) נישט דאַרן דער קאָפּ! - זאָל דיך (אייך)
ניט אַרן, ס׳איז ניט דייך (אייער) ענין!

<u>דארן (און) קוואַרן</u>. — וווערטער פּאַרל, אַפּט געניצט צו עמפּאַטיזירן דעם באַטייט פון דאַרן (וועגן מענטשן).

1886 " וואס שוויַגט מען אין דעם? געוואַלד געשריגן! <u>מען דאַרט און מען קוואַרט</u>. נעבעך אין דער ליטע, 3593
אין אַלע ערטער ווו די טאַקסע עקזיסטירט". <u>שאצקעס</u>, 18,1.

1912 " די קינדערלעך <u>דאַרן, קוואַרן</u>, קומען נעבעך אַפּ". 
<u>מענדעלע</u>, 24, 12. 3594

<u>שוו: איינעם דאַרט דער קאָפּ וועגן פּרנסה, דעם צווייטן – וועגן נוטריקין</u>.

דאָרן - דער, מצ דערנער. 1. האַרטער שפּיציקער טייל פֿון אַ געוויקס (ס'רוב ביים שטיל), שטעכלקע.

% ער איז געגאַנגען באָרוועס אין וואַלד, האָט זיך אים אַרײַנגעשטאָכן אַ דאָרן אין פֿוס. די שטענגלעך פֿון די רויזן זײַנען פֿול מיט דערנער.

mhd: Dorn

... " ליידער איז עס 'אליה וקוץ בה', אין פֿרײַער איבערזעצונג איז עס: אַ רויז מיט שטעכנדיקן דאָרן". 3619

פּרץ, 12, 368.

1921 " צוזאַמען מיטן דאָרן ווערט אָפּגעקאָסעט אויך די בלום". מ. עפּשטיין, 1, 16. 3620

1957 " זײַן צער |...| פֿאַרשטײַפּט זיך אין איין פּונקט, וועלכן מ'וואַלט געקאָנט אָננעמען, ווי אַ 3621
דאָרן, און אפֿשר, אפֿשר גאָר אַרויסשלעפּן".

קאַרן, 6, 189[?]

2. (באַט) אַ געוויקס (אַ קוסט) מיט שטעכלקעס; דאַרנבוים, דאַרנבוש.

1920 " ווי בלײַבן אין מדבר וועט ער, אויף זײַן קבר// וועט שטיין נאָר אַן אײַנזאַמער דאָרן געבויגן". 3622

אײַנהאָרן, 5, 41.

1927 " ס'לעצטע גרעזל אויסגעגריזשעט מיטן סאַמע וואָרצל,// ס'אַלטע פֿעלד איז ניט קיין מאַמע מער// שטיין// ליים.// ברענענדיקער דאָרן". 3623

לײַוויק, 6, 292.

1966 " אַ סך האָט מיר אין גאַנג דער ווינט דערציילט,// ניט ווייניק אָנפֿאַרטרויט האָט מיר דער דאָרן". 3624

האַלקין, 4, 267.

3. (ספּעצ) דער דאַרן, וואָס משה רבינו האָט געזען

אין מדבר ברענען און ניט פאַרברענט ווערן (שמות ב - ג).

|אנהייב XIX י"ה| "טיט בהענד משה רבינו איין הייליגן

שם נענן// ווש ער האט גילערינט ווען ער האט גיזעהן 3625

דש פייאר אין דען דארין ברענן". יענטע בת יצחק, ז' 47.

1941 "האָט זיך באַווייזן צו אים |צו משהן| א מלאך

פון גאָט אין אַ פלאַמפּייער פון מיטן א דאָרן, און 3626

ער האָט געזען, ערשט דער דאָרן ברענט אין פייער,

און דער דאָרן ווערט ניט פאַרצערט". תרגום יהואש,

שמות, ג - 2.

1948 " פֿאַרגיין וועט נאָך אַ דור אַ דור,// זיך איבערשטרײַכן
וועלן יאָרן,// נאָר ניט פֿאַרלעשן זיך וועט דער קאַיאָר,// 3627
ווי דער ניט איבערברענענדיקער דאָרן". מארקיש, 9, 466.

|| דאַרנדיק – אדי/אדוו. 1. (ווי) מיט דערנער, שטעכיק, שפּיציק, % דאַרנדיקע געוויקסן.

2. (פֿיג) פֿול מיט שטערונגען, שטרויכלונגען, שווער בײַצוקומען.

1963 " די ענדגילטיקע נאָרמירונג פֿון די מינים אין
יידיש איז בלי שום ספק נישט קיין גרינגע אָפּעראַציע. 3653
עס איז אַ פֿאַרוואָרלאָזט און זייער דאָרנדיק פֿעלד".
ק. שיף, פֿער 90, נ' XXIII - 1, ז' 19.

1970 " [illegible] " 3653/1
[illegible]
[illegible] 25, 15, 803.

דארניק - אדי/אדוו. דזוו דפוו.

1928 " א, פרייד פון דארניקן לארבער |...|".

קושניראוו, 2, 66. 3654

1930 " די ארבעטער=רינג=שול |...| דארף דעם שווערן

דארניקן וועג פארן קינד אויספלאסטערן". איינהארן, 229,7. 3655

0 דארנבוים - דער, ~ביימער. דזוו דארן, ב' 2.

1953 " א פייער זאל אריין אין דארנבוש, וואס האלטן

האט ער מיך געהאלטן פאר די הערנער". איגנאטאוו, 14,1. 3628

1972 " דארנביימלעך איינגראווירט אין מוסקלען פון

גראניט // צינדן זיך אין שווארצן פייער |...|". 3629

סוצקעווער, פער 38, נ' 75, ז' 209.

דארנבוש - דער, =ן. 1. דזוו דארן, ב׳ 2.

1953 " איבער בוים און דארנבוש א מילדער ווינט

3632 צעשפרייט די פליגל זיינע". לייוויק, 10, 15.

2. דזוו דארן, ב׳ 3.

1829 " און דער מלאך פון ה׳ האט זיך באוויזן צו אים

3631 אין פלאם פון פייער צווישן דעם דארנבוש".

איבז אנ, חמשה חומשי תורה, שמות, ג - ב.

1934 " און וואס אז משה ביים דארנבוש// האט אויסגעטאן -

3630 ניט דעם קאפעליוש,// נאר די טשאבאטעס?".

מ.ל. האלפערן, 5, 201.

רעד: דער אויסלייג מאדערניזירט (דורכן אויסשרייבער?)

1953 " |...| טרויעריק אין דעם זינען איז מסתמא

3633 געווען משה נאָך דעם נס מיטן דאַרנבוש, וואָס האָט

געברענט און ניט פֿאַרברענט געוואָרן |...|".

ח. גרינבערג, 2, 264.

1961 " |...| באַווייזן זיך צו משהן אין פֿײַער פֿון

3634 דעם דאַרנבוש". י.י. שוואַרץ, 5, 191.

דאָרנוועג - דער, =ן. ס'רוב אין מצ דערנערוועג.

(פֿיג) שווערע איבערלעבונגען פֿון א מענטשן, ליידן,

פּיין, מאַטערניש.

1930 " וואָס ווייסט אַזאַ ייִד פֿון דעם שווערן דרײַסיקיאָריקן

3635 דאָרנוועג, אויף וועלכן זײַן קרוב אין אַמעריקע

איז דורכגעגאַנגען". איינהארן, 7, 135.

דארנפארמיק - אדי. אין דער פארעם פון א דארן.
|סטוטש 161|.

דארנפעלד - דאס, =ער. 1. א פעלד מיט דערנער.

1958 " |...| האט ראזענפעלד קיין ברירה ניט געהאט, ארומגעגאנגען מיט זיין שטעקן און געקלאפט אין זיין דארנפעלד". ק. מאלאדאווסקי, פער 169, 242. 3637

דארנקוסט - דער, =עס/ =ן. דזוו דארן, ב' 2.

דארנשטרויך - דער, =ן. (דטשמ) דזוו דארנקוסט.

1940 " א סימבאל פון אונדזער לעבנס=באגער, וואס קען ניט פארלאשן ווערן, ווי דער דארנשטרויך אין משה 3641
רבינוס וויזיע". י. לעוועבאך, פער 187, 91.

767 דא –

פּפּ: שפּיציק ווי א דאָרן. אַלייין ווי א דאָרן – זייער עלנט.

זיין עמעצן (ווי) א דאָרן אין אויגן – זייין פאַר יענעם א ווייטיקלעכע שטערונג, אַ שטרויכלונג, אַ שוועריקייט, שווער בייצוקומען.

1866 " כאַטשע די בראַסלאַווער זענען דאָרט אויך |אין טעפּליק| אַ דאָרן אין די אויגן |...|".
3644
פער 177, נ׳ 1, ז׳ 1.

1912 " די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור איז
א דאָרן אין די אויגן פון די רוסישע רעגירונגס=
3645
קאַנצעלאַריעס". י. ניימען, 1.

שור: דערנער וואַקסן אָן רעגן. דער צאָרן איז אין האַרצן א דאָרן.

□ **דאַרן/דורן.**

.1 ←----

3648 ... " חוח – דורנא, ל' קוץ". רייכלין 8, איוב, לא – מ.

1544 " דיא בויזן זוינדער זיין גלייך איינם דורן//

3649 דא זין דיא לוייט איין שטעכן דש טוט דען לוייטן צארן".

שמואל=בוך, סטר' 1746.

1723 " ער |המן| שפראך צו זיין ווייב זרש |...|

בײַ מיינים רייכטום אונ' אכפירקייט איז מרדכי איין

3650 מיין אויגין איין דארן". ~~מחזור, 1, דף קמח.~~ מאמר הנפש II, דף תפ"ס.

.2 ←----

3651 1713 " אונ זיי ווארן פר ברענט דיא מצרים, אז דיא

אב גשניטנן דערנר". מחזור, 1, דף קמח.

3. ←---

1679 " און' ער משה זאך, דש דער דארן העק מיט
פייאר ברעניט און' דער דארן העק פר ברעניט ניט".

בליץ, שמות, ג - ב.

3652

דאַרן=וויזל - דער, =ען. (זאאל) בנב.

... "מען מעג האַדעווען דאַרפֿהינט, קעץ, מאַלפּעס און דאַרן=וויזלען, ווײַל זיי רייניקן דאָס הויז (פֿון עכברים)". איבן אנ, בבא=קמא, פּ/א. 3704

771 - דא

ם ד/ר נ ו ך - אדוו. דערנאך.

1541 " דאר נוך שפראך ער צו זיינם גיא היין זיך
הוב איז// עדווש דא צו עשן ביר דען פוארן". 3709

בבא=בוך, סטר' 397.

772 - דא

דאַרנפּלוים - די, =ען. (באַט) מין ווילדע 3705

פֿלוימען|מארק ווב 1283|.

..............................................

tarnosliwa, tarn רעד: ער טײַטשט עס פֿון פּויליש

..............................................

ד אָ ר נ ש נ ע ק - דער, =ן. (זאאל) מין שנעק |סטוטש 247|.

ם

דאר מיט - <u>אדוו</u>. דערמיט, מיט דעם.

1752 " דאש איז אייטל נאריטיי אונ׳ גנארירריי נוא

וואש איז ער <u>דאר מיט</u> בהילפג וועך דער פיינד איז ניט 3708

בווילגט". <u>ס׳ עץ חיים, דף סא.</u>

דאַרניבע – די, =ס. (פֿאַלאַנ) דער אייבערשטער שיכט ערד צוזאַמען מיטן גראָז, וואָס וואַקסט אויף אים, אויך אויסגעשניטענע שטיקער פֿון דעם גראָז מיט ערד, דינט צו באַפֿעסטיקן א גראָבן, א קאַנאַל אד"גל.

P: darnina

1968 " די אַרבעט איז באַשטאַנען אין רעגולירן דעם וואַסער=אַפּלויף פֿון די פֿעלדער. מען האָט געגראָבן די ערד |...| נאָכער פֿאַרענדיקט די ראָוון מיט דאַרנינע". 3707

ב. אַרענשטיין, יזב 2, 810.

ד אַ ר ע - די, =ס. פּפּ דערע. (רעג, פּוילן)

אַ דיקער קאַפּצודעק, אָבער קלענער פֿון אַ פּאַטשיילע

|ל. לעהרער, פּער 90, נ' !!!, ז' 147|.

ד א ר ע נ ע ן – <u>טרוו/ אוטוו</u>, <u>פאר געדארנט</u>. (<u>שבש</u>)

שטעכן ווי דערנער.

1941 " דאס געלעגער <u>דארנט</u> אונטער מיר". <u>ש. שטערן, 13,1</u>. 3716

1950 " ער קאן זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיין לייב,//

וואס דארט און <u>דארנט</u>". <u>סיגאל, 3, 117</u>. 3717

1965 " כ'בין געבארן// אייביק <u>דארענען</u> אין דארן". 3718

<u>מאלאדאווסקי, 3, 116</u>.

---

<u>רעד</u>: אויך לייוויק האט גענוצט דאס ווארט: "איך האב פאר וואס צו זיין געשטראפט,// איך האב פאר וואס צו זיין <u>געדארנט</u>". אבער אין קארטל איז ניט אנגעגעבן פון וועלכן ווערק די ציטעטע איז.

778 - דא

דאָרף - דאָס, מצ דערפער, פּקפּ דערפל, דערפעלע.

1. אַ קליינער יִשוב, באַווינט פֿון פּויערים, ערד=אַרבעטער.

% אַ גרויס דאָרף. אַ קליין דערפל. אַ סך הײַזער אין

די דערפער זײַנען נאָך געדעקט מיט שטרוי. די קרעטשמע

שטייט אין עק דאָרף. די יישובניקעס ~~פֿאָרן~~ זײַנען געפֿאָרן פֿון דאָרף

אין שטאָט אַרײַן אויף ימים=נוראים.

אָנהייב XIX י"ה " און געשווינד, ווי די פּאַסט,//

3719 האָט זיך מײַן וואָלף צעלאָזט,// און אײדער מען האָט

זיך אומגעזען,// איז ער שוין אין דאָרף געווען".

עטינגער, 3, 116.

1873 " איך האָב דערקענט אונדזער ערד מיט אירע דערפער,

3720 מיט אירע שטעט און מיט אַלע אירע מיני מענטשעלעך".

מענדעלע, 1, קאַנק 313890.

1935 " אַנדערע פּויערים |...| האָבן איינגעשפּאַנט פערד=

3721 און=וואָגן |...| און אוועקגעקנאַקט צו זיך אין דאָרף".

א. קאַהאַן, 4, 107.

1957 " האָט ער געגומען אַרומפּאַרן, ווי אַ פּאַרסמטער,

3722 אין אַלע דערפער און דערפלעך, געגישטערט, געקומען

אַהיים נאָר אויף שבת |...|". שניאור, 13, 298.

2. (פיג) דער כלל איינוווינער פון דאָרף. % דאָס גאַנצע

דאָרף שלאָפט. יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע

אין האַנדל צווישן דאָרף און שטאָט.

... " דאָס דאָרף וועט נאָך אַרויסציִען אַרבעטסהענט פון

3723 די שטעט... דעמאָלט וועט אָפּן שטיין פאַר יידן די

פּאַבריק". פּרץ, 13, 350.

1940 " דאס גאנצע דארף איז אפגעגאנגען פון 'זיי'

3724 מיט בלוט, פונעם גראף מיט זיינע מענטשן".

בערגעלסאן, 14, 97.

1948 " דעם טייוול הינט!... אויף שטיקער רייסן זיי

3725 |די נאציס| דאס דארף". מארקיש, 9, 33.

|| דארפטשאק - דער, =עס. (ביטול) דארפסמענטש,

דארפסיונג.

1957 "פלינקע משרתים |...| פלעגן תמיד חוזק מאכן

3734 און אפטון פארשידענערליי שפיצלעך דעם 'דארפטשאק'".

קארן, 6, 126.

..............................................

רעד: פון די געגנדזנפיסלעך זעט מען, אז דאס ווארט

איז פרעמדלעך, פרעגט זיך: דארף מען דאס געבן?

(?נ?) **דארפסניק** - דער, =עס. (שנש?) דארפסמענטש.

|1966| "ער איז א **דארפסניק**, וואס איז מיט א מאל נתעשר געווארן פון עפעס א משא=ומתן". נאדיר, 183,13.

3735

.................................................
רעד: אויך דאס ווארט שטעל איך אונטער א ספק.
.................................................

**דערפל, דערפעלע** - דאס, =(ע)ך, פקפ פון דארף. א קליין דארף.

... "פון ערשטן שטעטעלע, פון ערשטן **דערפעלע**// דאס ערשטע בריוועלע שרייב דו שרייב צו מיר". פל.

3736

**דארפֿעווען** - אוטוו. (שנש, איר) וווינען, לעבן אין א דארף.

1963 " שוין צייט פֿאַר אים צו וווינען צווישן ייִדן.
3737 געגנוג געדאַרפֿעוועט". פּ. רודאַי, פֿער 69, IX /15.

0 **דאַרפֿבאַצירק** - דער, =ן. געגנט, ראַיאָן פֿון דערפֿער |סטוטש 109|.

(?נ?) **דאַרפֿ(ס)בויער** - דער, =ן. (עלט) פּויער.

1866 " דער דריטער שטאַנד, |...| דער דאַרפֿסבויער, וואָס
3738 אַרבעט אין פֿעלד |...|". פֿער 177, נ' 3, ז' 34.

**דאַרפֿ(ס)=גוי** - דער, =ים. ניט ייִדישער דאַרפֿסמענטש.

**דאַרפֿ(ס)גייער** - ---> זבז.

דאַרפ(ס)=געמיינדע – די, =ס. דער אָרגאַניזירטער כּלל
פון די דאַרף=איינוווינער.

1876 " |...| אין אַ דאַרפס=געמיינדע ווער |...| אַלע
וווילטעטיקע אַנשטאַלטן געשטיפטעט |=געשטיצט| נאָר דורך 3745
מיטל|ען| פון די רייכע פויערן |...|". לינעצקי, 54,1.

דאַרפ(ס)געריכט – דאָס, =ן. דאָס אָרטיקע געריכט אין
אַ דאַרף.

1886 " |...| וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר געהאַט צו נעמען
פרעמדע זאַכן? קומט |...| מיט אונדז אין ראַספּראַווע 3746
(דאַרפסגעריכט)". פער 74, נ' 8, ז' 117.

דאַרפ(ס)הונט – דער, ~הינט: הונט וואָס היט אַ פויערישע
ווירטשאַפט, אָפט געמיינט: אַ פּשוטער, ניט=ראַסאָווער הונט.

... " מען מעג האדעוועך דארפהינט, קען |...|".

איבז אנ, בבא קמא, פ/א. 3747

דארפ(ס)היזל - דאס, =עך. שטיבל אין א דארף, געבויט
אין דארפישן סטיל.

1968 " |...| אין אוונט זענען מיר ארויס פון וואלד,
זענען צוגעגאנגען צום ערשטן דארפהיזל, וואס איז 3748
געשטאנען נעבן וואלד". מ. שוסטערמאן, יזב 2, 919.

דארפ(ס)הענדלער - דער, =ס/מצ דז. דזוו דארפגייער.

1951 " געווען אין ווילקאווישק א באזונדער שיכט
קאראבעלניקעס (דארפהענדלער), איצטער גייט עס 3749
בהדרגהדיק אויס". ב. לאנדאן, פער 106, 1571.

דאַרפֿ(ס)ווירטשאַפֿט – די, =ן. דער צונויפֿשטעל פֿון די פּראָדוציר=מיטלען פֿון אַ פּויער (פֿעלדער, מאַשינען, פֿיך, בנינים אד"גל)

1951 " אַ גוי האָט זיך ׳געוואָרפֿן׳ מיט זײַן קראַם, אויב ניט פֿאַרלירנען מער ווי פֿון אַ דאַרפֿווירטשאַפֿט 3750
קען ער דאָך בלײַבן אויפֿן דאָרף". א. קאַצענעלנבאָגען,
פֿער 106, 339.

דאַרפֿ(ס)וועג – דער, =ן. וועג אין/דורך אַ דאָרף, אָפֿט געמיינט אַ ניט=געפֿלאַסטערטער וועג.

1973 " בין איך איין מאָל, אין אַן אָסיענטאָג, געגאַנגען
מיטן איינציקן דאַרפֿוועג, אַ פּוילישן וועג, די בלאָטע 3751
איז געווען אין=לשער". בלומענטאַל, 1, 157.

**דארפסיונג** - דער, =ען. א בחור פון דארף, אפט געמיינט: א פראסטאק, אן אומגעלערנטער און אומאיידעלער.

1927 " כאפט זיך אויף פון שלאף דער **דערפסיונג**,// הערטער פייגל זינגען". מ.ל. האלפערן, 2, 10. 3752

1951 " הילל, דער **דארפסיונג**, דארף זיך ניט 'ראנגלען' |...|". ב. ריווקין, 2, 188. 3753

**דארפ(ס)ייִד** - דער, =ן. א ייִד וואס וווינט אין א דארף.

1957 " שפאן איין די שקאפע, - האט דער **דארפייד** א זאג געטאן |...|". ברוסילאוו, 2, 112. 3754

1965 " דער עיקר האבן די **דארפסיידן** געשמט מיט זייערע צעקאלעטשעטע העבראיזמען |...|". ש. נאבל, פער 90, ג' XXV - 2, ז' 49. 3756

(?נ?) דארפֿ=ייִשוב |יישעוו| – דער, =ים |יישוווים|.

א ייִשוב פֿון דאָרפֿישן כאַראַקטער, באַוווינט פֿון פּויערים.

1947 " טשענסטאָכאָוו איז געווען אַ יורידישע רעפּרעזענטאַנטין

3757 פֿון די ייִדן נישט נאָר פֿון דער שטאָט, נאָר אויך פֿון

א רייע אַרומיקע שטעטלעך און דאָרף=ייִשובֿים".

יזב, 8, 13.

דאָרפֿלויפֿער – דער, מצ דז. דזוו דאָרפֿגייער.

1972 " די דאָרפֿלויפֿער רעדן אַן די פּויערטעס צו קויפֿן

3758 אַלערליי שמאָכטעס |...|". באַשעוויס, 1, 194.

דאָרפֿ(ס)ליַיט – די, מצ פֿון דאָרפֿ(ס)מאַן.

1863 " דאָרטן איז אייך רוח רעה, מען מוז איבער דעם

3762 אָנזאָגן די דאָרפֿסליַיט, אַז זיי זאָלן ניט האַלטן קיין

בולבעס אונטערן בעט". א. דאַנציג, 2, דף לג/ב.

דאָרפֿ(ס)לערער - דער, מצ דז. 1. לערער פֿון אַ דאָרפֿישער שול.

1866 " די קרויך מאַכט אויך זײַן חילוק פֿון דעם גרעסטן פּראָפֿעסאָר ביז צום קלענסטן דאָרפֿלערער, אַלע ציט מען אָפּ פֿון געהאַלט און אַלע קריגן פּענסיע". פּער 177, נ' 48, ז' 783. 3765

2. פּריוואַטע לערער, וואָס מע פֿלעגט נעמען צו לערנען קינדער אין אַ דאָרף.

דאָרפֿ(ס)מאַן - דער, מצ דאָרפֿסלײַט [ ←--- ] .אײַנוווינער פֿון אַ דאָרף, פּויער.

1819 " ווי הייסט אייער מלמד און וואס פאר א פנים האט

3766 ער – דער דארפסמאן האט אים געזאגט, ווי ער הייסט

און האט אים גלייך אפגעמאלט". י. פערל, ציט פער 94,

נ' XIII, ז' 7 - 8.

1882 " זיי |די דארפסיידן| וועלן מוזן זוכן א נייעם

3767 שטייגער פרנסה אין שטאט, וואס דאס איז שווער פאר

א דארפמאן". פער 74, נ' 19, ז' 281.

1909 " יעצונד |= אצינד| זאגט מיין דארפמאן צום אורח:

3768 |...| האב איך איין דען ניט געזאגט, אז איר וועט ביי

מיר אויך דאס זעלבע |ד"ה כישוף| קענען לערנען".

י. ל. מארגענשטערן, 4, 48.

|1931 - 1926| " כ'שעכט אויף די דערפער ביי יידן,
און אז ס'טרעפט זיך א בהמה ווערט טריף, כאפט זיך 3769
דער **דארפסמאן** מיך שלאגן". אפאטאשו, 10, 222.

**דארפ(ס)מיידל** - דאס, =עך. א מיידל פון א דארף.

1865 " ער זאל דיך הייראטן, איין **דארפמיידל**, ווי
האסטו דיין פארשטאנד אהינגעטאן?". רוף, 1, 25. 3773

**דארף=מלמד** |מעלאמעד| - דער, =ים |מעלאמדים| א באזונדער
מלמד, וואס א יידישער יישובניק (אדער עטלעכע יישובניקעס
בשותפות) פלעגט נעמען צו לערנען די קינדער.

1927 " פון א בריוו פון א דארף=מלמד צו זיין ווייב
לערנען מיר דעם טרויעריקן צושטאנד פון די דאזיקע 3774
מענטשן און פון די ארענדארן בכלל". עלזעט, ד2, 55.

1962 "די משולחים האבן געזען, אז דער יונגער=מאן,
3775 דער דארפס=מלמד, איז א חריף און א בקי |...|".
פ. רודאי, פער 69, ט/27.

דארפ(ס)מענטש – דער, =ן. דזוו דארפסמאן.

|1928?| "|...|האט זיך דער אלטער דארפסמענטש אויסגעגלייכט
3776 אויף דער קעלניע, |...| א צי געטאן די פערד ביים
ציימל |...|". נאדיר, 2.

1951 "דער דארפמענטש האט געהאט גענוג צייט, חדשים
3777 לאנג, איבערצומעסטן די פאדעם, צי איבערוועגן דאס
זאלץ, וואס ער האט ביים יידן איינגעהאנדלט".
א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 338.

<u>דאָרפֿסאָוועט</u> – <u>דער, =ן.</u> (<u>סאָוו</u>) דער (אַדמיניסטראַטיווע אָנפֿירונג) פֿון דאָרף.

1931 " אַזוי האָט ער זיך |...| אַ מאָל אויסגעדריקט פֿאַר |...| דעם פֿאָרזיצער פֿון <u>דאָרפֿסאָוועט</u>". 3779

<u>קולבאַק, 8, 94.</u>

<u>דאָרפֿסעלונג</u> |<u>ווייכער ל</u>| – <u>דער, =עס.</u> (<u>ביטל</u>) אַ דאָרפֿסייד אַ פּראָסטאַק, אַ פֿאַרגרעבטער, אַ ביסל פֿאַרגויישט אין ריידן און אַנטאַן.

Цк: селюк

1958 " ס'פֿלעגן צו אים קומען פּראָסטע לייט, <u>דאָרפֿסלובעס</u>, ווייבער און אַפֿילו גויעטעס". ב. רעסלער, פֿער9, ר"ה= נומער3' 3780

<u>ז' 52.</u>

רעדן: ווי אזוי איז די אוקראאינישער א געוואָרן "X"?

כ'האָב א ספק אין דער קאַראַקטעריסטיק פון מקור

אוקראַיניש האָט דאָס וואָרט דעם זעלבן באַטייט,

פאַרשטייט זיך, נישט וועגן א יִידן און בכלל איז

דאַרפסעליוק וואַסערדיק וואַסער וואָרעם אין אוקראַיניש

מיינט "סעלאָ" - דאָרף, קומט דאָך אויס,"דאַרפישער דאָרף".

דאָרף=סוחר |פסויכער| - דער, =ים |סאָכרים|. דזוו דאָרפהענדלער.

... " ער איז שוין, ברוך השם, א דאָרף=סוחר".

פּרץ, 4א.

**דארפסטראזשניק** - דער, =עס. פאליציאנט פון דארף.

1926 " פון שטאט איז אנגעקומען דער דארפסטראזשניק,
א פופציקיעריקער קאצאפ |...|. ער איז געגאנגען 3782
שטיל, קלינגעדיק מיט זיין פארראסטעטער שווערד".
אפאטאשו, 5, 164.

**דארפקאר** - דער, =ן. (סאוו) פארקירצונג פון (?נ?)
"דארפישער קארעספאנדענט", ד"ה אן איינוווינער פון
דארף, וואס שיקט אין א צייטונג באריכטן פון ארטיקן לעבן.

1934 " עס איז אויסגעהאדעוועט געווארן א מעכטיקע
ארמיי פון ארבקארן און דארפקארן, וואס זייערע 3785
קורצע קארעספאנדענצן זיינען אפט וויכטיקער פון
מאנכע לייטארטיקלען פון פראפעסיאנעלע זשורנאליסטן".
מין, 58.

דארפקנעמער - דער, =ס/מצ דז. דזוו דארפהענדלער.

דארפ(ס)ראט - דער, =ן. (סאוו) דזוו דארפסאוועט.

1956 " ביים דארפסראט האט א תליה זיך געהויכט".|...|".

מארקיש, 11, 372. 3787

דארפשוויגער - דער, =ס/מצ דז. (עלט, רעג, פוילן).

א דארפסמאן, וואס האט זיך פארנומען בעיקר מיט מילכוויצט-שאפט (פוטער, קעז).

1944 " |...| דעם זיידנס פאטער |...| איז געווען א

דארפשוויגער אין א דארף הינטער קערניזשע". 3789

טרונק, 3, 15.

**דארפשוסטער** – דער, =ס. 1. שוסטער וואָס לעבט און אַרבעט אין אַ דאָרף.

1957 " דער בעש"ט ז"ל איז געגאַנגען געקליידעט ווי אַ |...| דאָרפשנײַדער אָדער דאָרפשוסטער |...|." י. י. שנ'אורסאָן, 1, 438. 3290

2. שוסטער וואָס אַרבעט אויס אַ פּראָסט שוכוואַרג פֿאַר דאָרפסלײַט.

**דארפשייגעץ** – דער, מצ ~ שקצים |שקאָצים|. דאָרפישער ניט=ייִדישער בחור, ייִנגל.

**דארפשנײַדער** – דער, =ס/מצ דז. 1. שנײַדער וואָס לעבט און אַרבעט אין אַ דאָרף.

2. שנײַדער וואָס נייט מלבושים פֿאַר דאָרפסלײַט.

797

|1931-1926| "ברייַנגע האט נאך געדינט ביי מרדכיס טאטע, |...| וועלכער האט זי |...| חתונה געמאכט פאר א דארפשניידער". אפאטאשו, 8, 183. 3292

פפ: ווי א דארף אָן א הונט – געזאגט וועגן עפעס, ~~עפעס~~ פעלט אין א זאך, ס'איז ניטא אין דעם ~~האס~~ וואס געוויינטלעך דארף עס זיין.

פארפארן אין צענטן דארף – שלאפן זייער שטארק, ניט צו קענען אויפכאפן זיך.

פון דעם דערפל איז געווארן א שטעטל – געזאגט שפאסיק ווען צו א שימחה אדער אַן אנדער צונויפקום פארזאמלען זיך מיט א מאל א סך אדער צו פיל געסט |סטוטש 554,25|.

רעד: ביי אונדז (לויצק) האט מען געזאגט פונקט פארקערט:

פון דעם שטעטל איז געווארן א דערפל - ביי א שימחה

אדער אן אנדער צונויפקום – ווען דער עולם איז

זיך צעגאנגען און ס'איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן.

ס'איז ניטא קיין הונט אין דארף און קיין מויז אין הויז-

ס'איז פוסט, ס'איז ליידיק, קיינער ניטא.

איך האב פון איטלכן דארף א הונט - איך קארטנשפראך:

כ'האב פון אלע מינים קארטן, פון אלע קאלירן.

ס'איז ניט דאס דארף און ניט די קרעטשמע | באטאנט דאס

און די | - ס'איז אין גאנצן עפעס אנדערש, ס'איז

ניט דאס וואס מע דארף.

שוו: בעסער אן אייגן דארף איך דרויסן איידער אן אייגענע

שטאט איך שול - דא איז "שטאט" געמיינט א שטענדיק

ארט איך בית=מדרש.

דארף/דורף.

1.

3800 .... " והצריהם - אונ׳ איר דורפרא". רייכליך 8, יהושע,טו-נא

1610 " אונ׳ יאיר זון מנשה ער גינג אונ׳ ער גיוואן

3801 איר דורפר אונ׳ ער רופט זיא דורפר יאיר".

טייטש=חומש, במדבר, לב - מא.

1697 " וויא איך איינם דארף איין רייכיר פויאר זאש

3802 |...| ". ס׳ משלים, דף לה.

|| **דארפלן** - א דערפל.

1743 " אונ׳ זי זאכן איין קלייניש דארפלן שטין דא זאגן זי מיר וועלן אין איין חברתא נאכט מאל צייט 3803

הלטן". קב הישר, 2, דף נט - ~~א~~ 3.

ם דאר פּון - אדוו. דערפֿון.

1706 "הינטן אים רוקן איז איין ביינדל דאר פון
ווערט דער מענטש לעבנדיג |...| ער ליגטש אויף
איין אמבוס אונ' שלאגט דרויף מיט איינם האמר |...|".
בראנט שפּיגל, 5, פּרק נה.

דארפיש – <u>אדי/אדוו.</u> 1. פון (א) דארף.

% א <u>דארפישע</u> באטע. <u>דארפישע</u> קינדער. ער איז א
פשוטער דארפישער בחור.

|1884| " אין גאנצן זעט עס אויס ווי אן ארעמע
3726 אפגעזונדערטע <u>דארפישע</u> באלעבאטישקייט". <u>ספעקטאר, 5, 49</u>.

1901 " ברוכים הבאים! – מאכן צו אים די <u>דארפישע</u>
3727 הינט |...|". <u>שלום=עליכם, 19, 85</u>.

1919 " מע זעט, אז ער ארבעט נעבעך מיט אלע כוחות
3728 אריינצושלאגן די תורה אין די קעפ פון די <u>דארפישע</u>
ייִנגלעך". <u>י. קאצאוויטש</u>.

1951 " פאר נאכט גייט דער <u>דארפישער</u> עולם ארויס אויף
3729 א פעלד |...| און מען לאזט זיך ארויס טאנצן".
<u>א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 326</u>.

803 - דא

2. ווי דאָרפֿסלייט, אויפֿן שטייגער פֿון דאָרפֿסלייט.

% אים איז געפֿעלן דאָס דאָרפֿישע לעבן.

1916 " די יִידן זיצן דאָרט |אין דער פֿאַרשטאָט| זען אויס דאָרפֿיש, זענען נישט אַזוי פּיפּיק, ווי די שטאָט=יִידן". שלום=עליכם, 38, 34. 3730

1931 " כ'באַגרייף דעם גאַנצן גרויסן זין פֿון שטאָט, // וואָס דרינגט מיט איר געצייג און איר געדראַנג// אין שלעפֿערדיקן דאָרפֿישן געגאַנג". האָפֿשטיין, 4, 216.

1948 " |...| קאַלירן פֿון דאָרפֿישע גראָבע פּאַטשיילעס |...|". סעגאַלאָוויטש, 12, 81. 3732

|| דאָרפֿישקייט - די, בא.אייגנשאַפֿט פֿון זײַן דאָרפֿיש.

804 — דא

1949 "זיי האָבן געהאַט אין זיך עפּעס פון דאָרפישקייט".

3733 טרונק, 6, 288.

דאַרפֿן - טרוו, פּפּ באַדאַרפֿן, פֿאַר גערדאַרפֿט,
אָדער (פּד) געדאַרפֿן, !!! פֿערזאַן אַצ.
איצטיקע צייט: (ער/זי) דאַרף. 1. נייטיקן זיך
אין עפּעס/עמעצן, ברויכן. % איך דאַרף דאָס בוך
צו אַ רעפּעראַט. מע דאַרף אַ סך געדולד צו אַזאַ אַרבעט.
די שול דאַרף עטלעכע נייַע לערער.

1884 " ווען ער דאַרף דיך אַ מאָל, טוט ער זיך אַ גלעט,//
3963 און באַלד נאָך דעם מאַכט ער פֿון דיר אַ געשפּעט".
גאָרדאָן, 2, 43.

.... "אַצינד דאַרף זי דאָך קיין געלט נישט. דעם טאָג איז זי
3964 שוין איבערגעקומען ". ווייסענבערג, 16.
1932 " אוודאי זייַט איר אַ בעל=מלאכה... נאָר ניט דער
3965 וואָס מיר דאַרפֿן". בערגעלסאָן, 13, 140.

808 - דא

1970 " דאַרפֿנדיק דאָס לאָקאַל, |...| האָבן זיי אָנגעהויבן צו דערגייין די יאָרן |...|". י. פֿריינד, יזב 7, 197. 3966

2. מאַדאַלער ווערב, קומט מיט א צווייטן ווערב אין אינפֿיניטיוו. דריקט אויס די באַציונג צו דער אייגנטלעכער טוּונג: נייטיקייט, מוז, ווילן, געוווּנטשנקייט, מיגלעכקייט, באַרעכטיקונג. % די אַרבעטער דאַרפֿן קומען פּינקטלעך צו דער אַרבעט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט דעם פּאַציענט, אַז ער דאַרף א סך גיין. מע דאַרף ניט מאַטערן קיין בעלי=חיים. מע דאַרף ~~ע~~נעמען, אַז די פֿאַרשטעלונג וועט זיך איינגעבן. אַזאַ זאַך האָט ניט געדאַרפֿט געשען. מע האָט געדאַרפֿט זען ~~זען~~ דעם עולם וואָס איז זיך צונויפֿגעקומען אויף דער שימחה!

1843 "וויא האט איהר דאס גיהערט? |...| - עך האב דאס
3967 פין אינזער צדיק געהערט, דארף אזוי צי זאאן".
פישלזאהן, 1, 41.

1872 " טעכטער |...| דארפן האבן אויף זיך גרויס
3968 אויפזיכט". דיק, 58, 29.

1907 " די לעצטע צייט האב איך אנגעהויבן צו שמעקן
3969 טאבאק, ווי דער גרעסטער בעל=תאווה. מען דארף
זיך אפגעוווינען פון אזא תאווה". גארדין, 2, 6.

1925 " אז ר' פייטל האט געדארפן א טאכטער חתונה
3970 מאכן, איז קיינער נישט געווען זיינס גלייכן".
מוירער, 2, 76.

1973 " מ'האט דעם קראכמאל געדארפט מישן, ס'זאל נישט
3971 ווערן קיין גרודקעלעך |...|". בלומענטאל, 1, 176.

3. מיט א סובסטאנטיוו/פּראנאם אין דאטיוו: דארפֿן צו עמעצן/עפּעס.

נייטיקן זיך אין עמעצן/עפּעס.

% זי דארף נייטיק צו אַן אויגן-דאָקטאָר. צו וועמען דארפֿט איר? - איך דארף צום שניידער. ער דארף צו דער באַן פֿון 4 אַ זייגער.

|| דארפֿן זיך - רעפֿל. נייטיקן זיך קעגנזייטיק.

% די שותּפֿים דארפֿן זיך איינער דעם אַנדערן: איינער איז אַ גוטער מבֿין אויף סחורה, אָבער ער טויג זיך ניט אויס צו פֿאַרקויפֿן, דערפֿאַר אָבער איז דער צווייטער אַ בריה אין פֿאַרקויף.

פּפּ: דאַרפֿן: ווי איינער דאַרף (ס׳)לעבן. ווי דער וואָס טרינקט זיך דאָרף/הילף - נייטיקן זיך זייער שטאַרק.

דאַרפֿן: ווי אַ לאָך אין קאָפּ, ווי האַרצווייטיק, ווי אויגן=ווייטיק, ווי אַ הוסט צו אַ קרענק. ווי אַ מכה צום בלאָטער, ווי דעם פֿאַריאָריקן שניי - ניט נייטיקן זיך, ניט דאַרפֿן בכלל, זײַן אין גאַנצן איבעריק, אַפּילו שעדלעך.

דאַרפֿן: אויף ערב=יום=כּיפּור, אויף כּפּרות, אויף סים=סאַט כּפּרות אויף תשעה=נײַנציק כּפּרות, אויף צען קלאָגן - דזוו דפּוו.

ווי ס׳דאַרף צו זײַן - ווי ס׳איז נייטיק, ווי ס׳איז אָנגענומען, ווי ס׳פֿאָדערט זיך, גוט.

פּוול: הלוואי מען זאָל (עס) ניט דאַרפֿן - געזאָגט ווען מען פֿאַרגרייט עפּעס, וואָס מע ניצט נאָר בעת אַ קראַנקייט, אַן אומגליקפֿאַל אַד"גל.

אין דאַרף עס נייטיק אין טאָפּ אַריין - (איר) וועגן אַ זאַך וואָס מע נייטיקט זיך ניט אין דעם.

ער מישט זיך וווּ מע דאַרף און וווּ מע דאַרף נישט - וועגן אַ נודניק אָדער אַ קאָכלעפֿל.

דאַרף זיך מאַכן - איז געשען, האָט זיך געטראָפֿן עפּעס.

וואָס דאַרף מען (דאַרפֿסטו/דאַרפֿט איר) מער - רעטאָרישע פֿראַזע פֿאַרן זאָגן עפּעס, וואָס וועט דינען ווי נאָך אַן אַרגומענט, אַ פֿאַרשטאַרקטער צום פֿריִער געזאָגטן. % די געשעפֿטן גייען שלעכט; וואָס דאַרפֿסטו מער, די גרויסע סוחרים קלאָגן זיך שוין.

– וואס דארפט איר מער? מײַן זיידע האט אויך געהאט א קילע" –

(שלש, וווּלג) "אריינגעבאגעכץ צו עמעצן וואס באַרימט

זיך מיט זײַן גרויסן ייִחוס |קטוו, גראדנע|.

אז כ'וועל דיך דארפֿן, וועל איך נאך דיר שיקן דעם בראָדער שמש-

שפּאַטיש צו איינעם וואס איז געקומען ניט גערופֿן.

שוו: אנדערש אז איך דארף צו יענעם, ווי יענער דארף צו מיר.

ווו מע דארף זאלץ, טויג ניט קיין צוקער |וואריאנט:

אין פארקערטן סדר|, אז מע דארף פֿייער, זוכט מען אין אש.

אדער ס'העלפֿט ניט, אדער מע דארף ניט.

אז דאס ווייבל דארף שוין צו האבן, שיקט מען ערשט צו דער באבן".

שיין דארף מען זײַן? קלוג דארף מען זײַן ? –מזל דארף מען האבן!

ם

דאַר פֿן.

2. --->

1544 " ער |שאול| שפראך דוא דאַרפשט דיך ניט ביזורגן |...|".

3973 שמואל=בוך, סטר' 732.

1722 " מן דאַרף איבר טיש ניקש רידן וועך מן עשט".

3974 מנורת המאור, דף ד/א.

4. (ניט) טאָרן. --->

1679 " דיא מצריים דאַרפֿטין ניט ברוט עסין מיט דען

3975 העברייאר, דען עז איז איין גרויאל פר אינן".

בליץ, בראשית, מג - לא.

1748 " איך האב מיינם מאן אן גרירט וועך איך ניט

3976 גדארפט האב". סידור תפילות, דף סט - 3.

|| דרפונג/דרפטונג - די. באַדערפֿעניש, ׳הצטרכות

1626 " אונ׳ אלש וואס אונטר דען הימל איז דאש זייך 3977

דיא דרפטונג פון דיא בישעפנס". ס׳ המגיד, 1, איוב, כח-כד.

1692 " אונ׳ גאט ווייש דיא דרפונג פון דיא לייט".

ס׳ מהגיד, 2, נחום, א - ז. 3978

דארפטיג - אדי. וואָס דאַרף, באַדערפטיקער.

1748 " ער זאל זיך דר בארמן |...| אויף דער ארמן

אונ׳ אויף דען דארפטיגן". סידור תפילות, דף צט - 2. 3979

ד(א)רפנס/דערפנס - די, באַדערפעניש.

1626 " מייני שטרקי זיינן זיא (כל חפצי בם) דז אל

מיין ביגער און דרפנס וועגן גיטאן פון אירן וועגן". 3980

ס׳ המגיד, תהילים, טז - ג.

דאַרפּ(ס)גייער - דער, =ס/מצ דז (אָפּט געניצט געקירצט: גייער). הענדלער וואָס פּלעגט גיין פֿון דאָרף צו דאָרף פֿאַרקויפֿנדיק אַרטיקלען פֿון דאָרפֿישן געברויך, טייל פּלעגן אויך אויפֿקויפֿן ביי די פּויערים זייערע פּראָדוקטן. % די פּויערטעס קויפֿן ביים דאַרפּסגייער קאָלירטע טיכלעך. דער דאַרפּסגייער האָט געבראַכט פֿון דאָרף עטלעכע גענדז און אַ שאָק אייער.

1895 " גוט=שבת אונדז, מלכה, ווו זיינען די קינדער? -
זאָגט שכנא, דער דאַרפּגייער פֿריטיק פֿאַר נאַכט". 3741
שאַרקאַנסקי, 1, 39.

1938 " אין דער היים בין איך געווען אַ דאַרפּסגייער,-
דערציילט ער, - געגאַנגען מיטן זאַק איבער די דערפֿער". 3742
זינגער, 7, 104.

1966 " א <u>דארפסגייער</u> פלעגט ארויסגיין פון שטעטל,

3743 און אויף זיינע פלייצעס א זאק מיט |...| ארטיקלען

אין וועלכע עס האט זיך גענייטיקט א פויערישע בעל=הבתישקייט.

<u>יזב 22, 389</u>.

|| <u>דארפסגייערין</u> - <u>די, =ס.</u> <u>ווע</u> צו דארפסגייער.

1936 " מילקע די <u>דארפסגייערין</u> איז א גאנצע וואך

3744 ארומגעגאנגען אין דארף און אויף שבת אהיימגעבראכט

א פעטע הון, א פישל, א ביסל קאשע, א ביסל מעל".

<u>ראשקין, 2, 136</u>.

ד אַ ר ן - דער, |מצ?| "סמאַלע" |קטוו|.

רעד: דאָס וואָרט און דער טײַטש - פֿון זאַמלער.

(?נ?) ד אַ ר ק י פּ ע ר - דער, =ס. (אמ) ז. שווייצאַר, פּאַרטיער, טויערמאַן.

1916 " עס שמייכלט דער דאַרקיפּער ביים טיר... עס

4038 קוועלט דער קאַסירער אַהינטער זיין פּענצטערל".

ליבין 2, 109.

2. איינגאַנג=קאָנטראָלער אין אַ טעאַטער.

1959 " הערי קאָהען |...האָט| באַקומען אַ שטעלע אין

4039 זיין טעאַטער אַלס אַ "דאַרקיפּער" (קאָנטראָלער)".

ז. זילבערצווייג, פּער 110ג, 2155.

ד א ר ש – דער, =ן. (זאאל) שטאָקפיש (ווסנ[illegible] gadus...;

ס׳זיינען דאָ פאַרשיידענע זגאַלן פון פיש:

א״א Gadus callarius, gadus morrhua.

D: Stockfish, E: cod, R: треска.

1924 " דער שטאָקפיש וואָס מע באַגעגנט אים איז באַלטישן

4042 ים איז קלענער פאַר דעם וואָס געפינט זיך אין

צפון=ים |...| און ער הייסט דאָרש". איבז, איסעל, 1, 123.

1930 " לאַטקעס פון דאָרש (פיש). מען ווייקט איין

4043 דאָרשן אויף אַ מעת=לעת, מען בריט זיי אויס |...|".

שאַפּראַן, 1, 96.

**דאַרשט** – דער, באַ, פּפּ (עלט) דורשט.

1. שטאַרקער באַגער, באַדאַרף צו טרינקען. % שפּירן אַ דאַרשט,
האָבן דאַרשט. שטילן, לעשן דעם דאַרשט. מע האָט
געגעסן געזאַלצענע זאַכן, איז אַלעמען באַפאַלן אַ שטאַרקער
דאַרשט. פאַרשמאַכט ווערן פון דאַרשט.

mhd: durst

1848 " און צו וואָס איז ער גלייך דער מיט |...| צו אַ
מענטשין וואָס ער איז אין דער מדבר איז אויף אים 4045
זייער שווער געוואָרין די דאַרשט |...|".
חובות הלבבות, 3, 359.

1863 " ווען איינער טרינקט אַ ביסל וואַסער ניט פאַר
דאַרשט, נאָר ווייל |...| עס איז אים עפּעס געבליבן 4046
שטעקן אין האַלדז און ער וויל עס אַראָפּברענגען דאַרף
ער ניט קיין ברכה מאַכן". א. דאַנציג, 2, דף מא/א.

1907 " און שלעפן זיך מיט לערע אינגעווייט,// |...|
4047 מיט **דארשט** צעפלאצטע ליפן טעג און נעכט |...|".
יהואש, ליד "אלטע פסוקים ניי פארטייטשט".

1927 " פאלט אום א מענטש אין סטעפ,// וואס נאגט אליין
4048 דאס בלוט פון זיינע הענט,// און ווערט פון **דורשט**
פארברענט". מ.ל. האלפערן, 2, 196.

1948 " דער אקרעפ האט געפלעטעט איעדן לויט דער ריי,//
4049 נאר ס'האט דער **דארשט** ביי קיינעם זיך ניט איינגענומען".
מארקיש, 9, 132.

1. (פיג) שטארקער באגער, לעכצונג צו עפעס (ס'רוב לגבי אבסטראקטע באגריפן). % **דארשט** נאך ליבשאפט.
**דארשט** צו וויסן. די פארטיזאנער האבן געשטילט זייער
**דארשט** צו נקמה.

1912 " |...| ~~וואס איז אפשר~~, ביי איר גאנצער טראגיק,

4050 פול מיט לעבן און מיט <u>דארשט</u> צום לעבן".

<u>זשיטלאווסקי, 2, 183</u>.

1934 " איך געדענק, מיט וואס פאר א <u>דארשט</u> מיר פלעגן

4051 זיך ארויפוואַרפן אויף די ביכער און זשורנאַלן".

<u>זעליקסאן, 1, 9</u>.

1951 " דער ווילנער גאון האט מיט <u>דורשט</u> איינגעזאפט

4052 אויך דאס גאנצע וועלטלעכע וויסן, וואס ער האט געקענט

געפינען אין העברעיש". <u>א. קאצענעלנבאגען, פער 364,106</u>.

▫ <u>דורשט</u>.

... " לצימאון - צו <u>דורשט</u>, ל צמא". <u>רייכלין8, תהילים, קז-לג</u> 4053

1701 " דען איז בעשר איך שטערב אזו אן <u>דארשט</u>

4054 ווידר דאז איך זאל איבר פארן דיא דעה פון מיינם

חברים אונ׳ זאל מיט און גיוושן הענד עסן".

<u>מעשה=בוך, מעשה ע"ד</u>.

(?נ?) ד אָ ר ש ט ו ב - די, =ן/~ שטיבער. (טעכט)

4085 טרינקנשטוב |פינקעל, 1, 64|.

דאַרשטיק – אַדי/אַדוו, פּפּ (עלט) דורשטיק.

1. וואָס שפּירט דאַרשט (נאָך וואַסער). % ער האָט קיין טראָפּן וואַסער ניט געטרונקען, איז ער דאַרשטיק.

הונגעריקע און דאַרשטיקע זיינען די יידן געפאָרן, פאַרשפּאַרטע אין די וואַגאַנען.

Mhd: durstec

1814 " אז דייך שונא איז הינגריק?האַדווי אים אן מיט ברויט, איז ער דאַרשטיג, גיב אים וואסער". 4087/1

איבז לעפין, משלי, כה – 21.

190.. " דער הונגעריקער וועט אַרויסגיין א זאַטער און דער דאַרשטיקער – אַן אָנגעטרונקענער". פּרץ, 4088/1

דערצ' "מסירת נפש".

1934 " |...| בלויז דער דארשטיקער, פון זיין גערירט,
צעברעכט אליין זיין קרוג". מ.ל. האלפערן, 17,5. 4089/1

1945 " |...| אן ארעמאן,// מיט א מידן מיט א שטרויכלענדיקן
שפאן,// |...| מיט א ליפ א דארשטיקער און מיט א 4090/1
צונג א שטומער". ליוויק, 8, ליד "דער שטומער".

1968 " דער טאג איז געווען א הייסער, און די קינדער
פון מיין שוועסטער זענען געווען שטארק דארשטיק,
האט זי אוועקגעגעבן איר גאנץ צירונג |...| א ליטווינער 4088
פאר א גלאז וואסער". י. קלאמבערג, יזב, 2, 1021.

2. באגעריק, לעכצנדיק נאך/צו עפעס (וועגן אסטראקטע זאכן).

% דארשטיקע צו וויסן. זיי קוקן מיט דארשטיקע אויגן
אויף די בילדער. מיין חבר איז א דארשטיקער לייענער פון
ביכער.

1915 " אלע זיינען דורשטיק נאך א ביסעלע גליק, |...| וואס מען צייגט פאר זיי אויף דעם לייוונט פאר א ניקל". רייזען, 10, 250. 4092/1

1930 " אין דעם רויש פון די נייע וועלטשטעט ליגט עפעס קאסמיש, |...| אין דעם דורשטיקן זויגן מיט דער פולער ברוסט פון דעם נייעם לעבן". איינהארן, 7, 160. 4091

1948 " מיין אויג פון די שטאטישע גרויע קווארטאלן// פלעגט דורשטיק די קאזמיעזשער סעדער באפאלן". סעגאלאוויטש, 12, 77. 4092

|| דארטיקייט – די, בא, פפ (עלט) דורשטיקייט.

1. מצב פון זיין דארשטיק, ב' 1.

1927 " און דו, אינעם פלאקער,// מיט האלדז מיט געשטרעקטן,// מיט גארגל פון דארשטיקייט טרוקן |...|". לייוויק, 6, 312.

827 דא -

1941 " |...| וועסטו דינען דײַן פּײַנט, וואָס גאָט וועט

4092/3 אים אָנשיקן אויף דיר אין הונגער און אין **דאָרשטיקייט**".

<u>תרגום יהואש, דברים, כח - 48.</u>

1954 " |...| כדי צו שטילן מײַן **דאָרשטיקייט** האָב איך

4092/4 געלעקט די אויסדעמפונג פון די פענצטערשויבן".

<u>י. הערץ, יזב 10, 328 |?528|.</u>

2. <u>מצב פון זײַן דאָרטיק, ב' 2.</u>

1958 " |...| נישט דאָס אינטערעסירט מיך דאָ, נאָר די

4092/5 אײַליקייט און די **דורשטיקייט**, מיט וועלכע ער כאַפּט

זיך אָן פאַר יעדער נײַער פּאָעטישער אידעע". <u>ניגער</u>, 263,8.

1965 " א מין גייסטיקע |...| דאַרשטיקייט איז דאָ
4092/6 ביי דער יוגנט |אין ישראל| נישט נאָר צו זען די
פאַרוואַרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד, נאָר זיי טאַקע
קענען און דערלערנען". א. אויערבאך, פער 69, ז'ז/4.

ם דורשטיג / דאַרשטיג.

1. ←---

4095 ... " צח - דרשטיק, ל' צמא". רייכלין 8, ירמיה ד - יא.
1610 " ווען איך וויל גישן וושר אויף דען דורשטיגן
4096 אונ' זיא ווערדן רינן אויף דיא טרוקניש".
טייטש=חומש, הפטורה ישעיה, מד - ג.

|?1721| " דער פֿארכצומר גאט האט גזעט מייני דארשטיגי, ער האט גפֿירט מיך פֿון זיין סיסקייט אן צו טרענקן מיך". מחזור, 4, קנח - 2.

.2 ←---

1768 " איך טו גילושטן צו גאט |...| אונ׳ מיין לייב איז צו אים דארשטיג". מחזור, 3, דף עג - !.

|| דורשטיקייט - דארשט, ב׳ 1.

1626 " |...| אויך ווסר האשטו אויש גיצוגן אויש דען פעלזן צו איר דורשטיקייט". ס׳המגיד, 1, נחמיה, ט - ט.

1721 " טוט אונ׳ לעבן, שלום אונ׳ מלחמה, |...| דארשטיקייט אונ׳ זעטונג זי קומן צו גידעכטניס". מחזור, 3, דף סח -!.

4117

(?נ?) ד אָ ר ש ט י ק ן - אוטוו. (שנש) דזוו דאָרשטן.

1940 " עשו האָט איך פּעלד געדאָרשטיקט|...|".

|...|". א. אוי̈ערבאך, 2.

ד א ר ש ט ן - ←---- דארשטן.

דאָרשטן - אויטוו/אומפּ, פּפּ דאָרשטן, (עלט) דורשטן. 1. שפּירן דאָרשט, ב 1, ווילן וואַסער.

% זיי דאָרשטן נאָך אַ טרונק וואַסער. עס דאָרשט מיך עפּעס הײַנט זייער.

mhd: dursten/dürsten

1930 " איצט ווייסן מיר, פֿאַר וואָס די פֿעלדער פֿון מאָנטאַנאַ דורשטן נאָך רעגן |...|". איינהאָרן, 7, 125. 4125

1939 " ס'איז איר געבליבן שוין ניט לאַנג צו דאָרשטן,- ניט הײַנט, איז מאָרגן זײַן וועלן מיר דאָרטן". 4126 האַלקין, 2, 85.

2. (פֿיג) לעכצן נאָך עפּעס, באַגערן עפּעס שטאַרק.

די יוגנט דאָרשט נאָך וויסן. אַלע דאָרשטן נאָך נײַעס פֿון די פֿראָנטן.

1921 " אַ נס, מײַן פֿרײַנד! איך קאָן נאָך בענקען,

פֿילן // און דורשטן נאָך דעם גליק, וואָס מיר איז 4127

אומבאַקאַנט". סעגאַלאָוויטש, 6, 203.

1947 " דאָס יונגוואַרג האָט שוין אָנגעהויבן צו דאַרשטן

נאָך אמתער ליטעראַטור". יזב 8, 42. 4128

אומפּערזאַנלעך

|| דאַרשטן זיך - אומפּ װערב. דזוו דאַרשטן, ב' 1.

1901 " עס קומט זומער, עס הייבן זיך אָן די הייסע טעג,

דער קערפּער ווערט אָנגעהיצט, און עס דאַרשט זיך 4134

שרעקלעך". איש, יהודי, פּער 37, נ' 28.

**דארשטעניש** – דאס, בא. דאס דארשטן לאנג.

1941 " |...| האט דיך געפירט |...| דורך פייערדיקע

שלאנגען און שקארפיאנען און א דארשטעניש וואס אך 4135

וואסער". תרגום יהואש, דברים, ח – 15.

ם **דורשטן.**

1. ←----

... " וצמית – און׳ זו דיך דרשטט".

רייכלין 8, רות, ב – ט. 4136

2. ←----

1696 " זי דורשט מיין זיאל צו גאט". |סידור| תפילה למשה,

דף שלט – 2. 4137

(?נב?) דארשטעלונג - די, =ען. (דטשמ) שילדערונג,
באשרייבונג, פארשטעלונג, דאס רעפערירן, איבערגעבן
אן ענין.

1911 " |...| יעדע אמתע דארשטעלונג פונעם לעבן מוז
זיין אזוי רעאליסטיש טריי, ווי דאס לעבן גופא". 4139
באוושאווער, 3, XV.

1923 " איך מיין געגנווערטיקער |=איצטיקער| דארשטעלונג
פון דער רעלאטיוויטעטס=טעאריע האב איך אויסגעקליבן 4140
דעם סדר און די פארעם |...|". גוטנבוים, 1, הקדמה.

836 - דא

(?נ?) ד אַ ר ש ט ע ר י ק - <u>אדי/אדוו.</u> <u>(רעג, אונגערן?)</u>

<u>דזוו</u> דאַרשטיק.

1895 " אַז מען טרינקט וואַסער מאַכט מען שהכל, און אַז

מען איז ניט <u>דאַרשטעריק</u>, מאַכט מען ניט אַ ברכה". 4138

<u>אנ, ס' מקור הברכה I, דף יב - II.</u>

ד אָ ר ש ל אַ ק - -----> דאַרכשלאַק.

ד א ש י ק - דער, =עס/דאשקעס, פֿאַ דאַשעק. ביי אַ היטל, דער אַרויסשטאַרצנדיקער טייל, וואָס פֿאַרשטעלט דעם שטערן און די אויגן, טייל מאָל (ביי היטלען פֿון פּייערלעשער, בוי=ארבעטער א"א) אויך פֿון הינטן איבערן קאַרק; אויך אַזאַ מין איבערדעק אָן אַ היטל, נאָר צוגעפּעסטיקט צום קאָפּ מיט אַ גומע אָדער פּאַסיקל (געניצט אויף דער פּליאַזשע, דורך ספּאָרטלער א"א). % אַ גלאַנציקער דאַשיק. די פּייערלעשער טראָגן היטלען מיט צוויי דאַשיקעס. ער האָט פֿאַרשאַרצט דעם דאַשעק אַרויף. דער דאַשיק איז ביי אים פֿאַררוקט אין אַ זייט.

1876 " ווער וויל עס צונעמען אַ שילער |...| מיט אַ קאַפּאַטע פֿול מיט פֿעדערן און מיט דעם דאַשיק אַנגערוקט איבערן שטערן?". פּער 177, נ' 46, ז' 319.

4148

1901 " אויפן מארק דרייען זיך אום די תבואה=הענדלער

4149 מיט פארדרייטע דאשיקעס". רייזען, 3, 44.

1936 " |...| געכאפט זיך מיט די פינגער ביים דאשיק

4150 פון זיין היטל". זינגער, 6, 129.

1957 " אויפן קאפ איז ביי אים געעסן א קיילעכיק היטל,

4151 אן א דאשעק, מיט א רויטער אקאלישקע". ברוסילאוו,2,185.

(?בנ?) 2. "דער זוים פונעם דאך, וואס סטארטשעט ארויס פון

די ווענט פונעם בנין"|קטוו|.

◻ א פארדרייטער דאשיק - (איר) "וועגן איינעם וואס

טוט אלץ פארקערט, ניט ווי ס'איז אנגענומען"|קטוו, סאניק|.

דרייען (וואר: דולן, דורען) א דאשיק - נודיען, רעדן

נארישקייטן, סתם אין דער וועלט אריין.

דא -

רעדן (טענהן) צום דאשיק - רעדן אומזיסט, אָן רעזולטאַט,

מע וועט ניט הערן, ניט פֿאָלגן, ס׳וועט ניט העלפֿן.

ס׳טוט מיר וויי דער דאשיק - ס׳אַרט מיך ניט, ס׳גייט מיך ניט אָן.

841 דא –

ד א ש פ ע נ ט ע – אדוו. (אוקר) 1. ביזן אש

(וועגן ברענען, אפברענען).

|אנהייב XIX י"ה| " נעמעראוו איז אפגעברענט געווארן

פשוט דאשפענטע |טעקסט: דאספענטע|, די גאנצע שטאט 4145

איז פשוט אויסגעקויקלט געווארן". אקסענפעלד 283,3.

2. "ביזן דנא (וועגן אויסטרינקען)" |קטוו|. 4146